STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06185

R' YANKEV EMDIN

Abraham Bick

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ר׳ יעקב עמדין

איקוף פארלאג

געהייליקט דעם אָנדענק פון מיין שוועסטער־קינד
מרדכי דאובער, הי״ד — אַן אור־אור־אייניקל
פון ר׳ יעקב עמדין. ... געפאַלן אין שלאַכט
נאָוועמבער 1944, אין דייטשלאַנד.

אברהם ביק

ר׳ יעקב עמדין

תש״ז ניו-יאָרק 1946

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן מיט דער הילף פון די מיטגלידער
פון דער וואַרשעווער חיים סאַלאָמאָן האָום אין ניו־יאָרק

היימאַן עדעלמאַן, פּרעזידענט מאַקס לערמאַן, ערן־פּרעז.

דורך דער איניציאַטיווע פון דעם באַוואוסטן וואַרשעווער
עסקן און נדבן

לואיס בלומענשטאָק

לזכרון
פון זיין אייניקל
קיילע מינדל ע״ה

Copyright by
RABBI ABRAHAM BICK

New York
1946

שער און צייכענונג פון יצחק ליכטנשטיין

209

געזעצט פון י. בוראַקאָוו; געדרוקט אין פּראָמפּט פּרעס, 113—4טע עוו., ניו־יאָרק

PRINTED IN THE U.S.A.

ויותר יעקב לבדו, ויאבק איש עמו עד עלות השחר.
(בראשית, ל"ב, כ"ה)

און אַז יעקב איז געבליבן אַליין, האָט זיך אַ מאַן מיט אים געראַנגלט ביז דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען.

א

אין די טעג פון פאַלשן משיח

בימי שבתי־צבי

ווי אַ שטורעם האָבן זיך די משיחישע שטראָמען דורכגעטראָגן דורכן ייִדישן גלות. זיי האָבן מיטגעריסן מיט זיך מאַסן אַנגעצונדענע אין פלאַמען פון באַגייסטערונג און זיך צוריק איינגעשטעלט.

אַט האָט דער משיחישער פלאַם אויפגעפלאַקערט אויף די בערג פון יהודה. דער גיבור בר־כוזיבא *), וואָס האָט מיט דער ברכה פון ר׳ עקיבאן אָנגעטאָן משיחס קרוין, האָט מיט די קאַפּיטעס פון זיינע פערד אויסגעריסן צעדערן. די רוימישע לעגיאָנען האָבן אָנגעהויבן ציטערן פאַר די ייִדישע חיילות. בר־כוזיבא האָט אויסגעגאָסן ייִדישע מטבעות, וואָס האָבן געטראָגן די אויפשריפט „לחרות ישראל״ — פאַר ייִדישער פרייהייט. ר׳ עקיבא האָט אויף אים געדרשנט דעם פסוק: „דרך כוכב מיעקב״ — אַ שטערן איז אַרויסגעטראָטן פון יעקבן, און אים גערופן בר־כוכבא, שטערן־זון. אליעזר המודעי, דער קנאי פאַר גאָטס וואָרט, האָט זיך אָבער איינגעעקשנט: ער איז ניט משיח!

ר׳ עקיבאס תלמידים האָבן שוין געזען דעם מאָרגנשטערן פון דער גאולה אויפגיין איבער ארץ־ישראל, בר־כוכבאן האָבן זיי געהאַלטן פאַר גאָטס משיח. ר׳ יוחנן דער זון פון תורתא האָט שטיל געשעפּטשעט:

„עקיבא, גראָזן וועלן וואַקסן אויף דיינע באַקן און משיח וועט נאָך אַלץ נישט האָבן געקומען...״

נאָך עטלעכע יאָר פון בלוטיקע קאַמפן איז די פעסטונג ביתר דער־טרונקען געוואָרן אין איר אייגן בלוט, ירושלים איז געלעגן אין רויכערדיקע חורבות.

אויף די נאַקעטע פעלזן פון דער הייליקער שטאָט האָבן די שומרים געשריבן מיט שטעקנס, ווי פון אַ מגילה אַרויס, די ווערטער פונעם נביא ישעיה: „שומר מה מליל״ — וועכטער, וואָס וועט זיין פון דער נאַכט? און „בצל סלע כבד, בארץ עיפה״ — מיד און פאַרשמאַכט איז געלעגן די גאולה און געוואַרט אויף אַנדערע צייטן.

*) ליגנער־זון, אַזוי האָט מען גערופן בר־כוכבאן. ער האָט געשטאַמט פון דער שטאָט כזיב.

און אַט האָט זיך דער משיחישער חלום אַנגעקליידט אין אַ לבוש פון מלכות. פרינץ ראובני האָט געוואָלט צוריק אויפשטעלן מלכות־ישראל, און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט? — — —

און אַז דער מקובל און מאַראַן שלמה מולכו איז געזעסן ביי די טויערן פון רוים, זיינע וואונדן איבערגעבונדן, האָט מען געשריבן: ער איז דער אמתער משיח! דער סוף איז געווען, אַז ער איז ביים טייך טיבער פאַר־ברענט געוואָרן, אויפגעגאַנגען ווי אַן עולה־תמימה אין פלאַמען אויפן רוימישן שייטער.

אין אַ הייל האָט זיך פאַרזעצט דער מקובל יוסף דילה־ריינה, וואָס האָט מער ניט געוואָלט וואַרטן, משיחן מיט גוואַלד געוואָלט ברענגען, אָבער אויך ער איז געפאַלן אַ דערשלאָגענער און איז בלויז געבליבן לעבן אין דער לעגענדע, וואָס אַ זיידע האָט דערציילט דעם אייניקל. — — —

דאָס איז דער פרייז פון אַלע, וואָס ווילן דוחק זיין דעם קץ, מקרב זיין די גאולה מיט גוואַלד. — — — — — — — — — — — — — — — —

* * *

שנת ת״ח (1648). אַ שרעקלעכע צייט איז געקומען אויף דער וועלט. אין מערב־אייראָפּע האָט זיך אַנגעהויבן אַ קריג, וואָס האָט זיך געצויגן גאַנצע דרייסיק יאָר און געבראַכט גרויס אומגליק פאַר אַלע איינוואוינער פון די מערב־לענדער. אין מזרח־אייראָפּע האָבן יידן דערפילט די חבלי־משיח.

עס איז אויפגעשטאַנען אַ צורר כמעלניצקי, וועמען פרומע יידן האָבן גערופן חמי״ל. ער האָט אויפגעהעצט די קאָזאַקן מורד צו זיין אין מלכות פוילן און דערביי האָט ער חרוב געמאַכט גרויסע טיילן פון מדינת פוילן און ליטע און אויסגעשאָכטן צענדליקער טויזנטער יידן.

באַשמוצט און צעטראָטן ווי אַ געפייניקטער גוף איז געלעגן ס׳גאַנצע לאַנד וואו חמי״ל מיט זיינע קאָזאַקן זיינען דורכגעגאַנגען, און די יידן וואָס ער האָט אויסגעשאָכטן זיינען געווען אַזויפיל, אַז מען האָט זיי גאָרניט געקענט ציילן. פונעם בלוט פון די יידישע הרוגים איז די ערד געשוואָלן געוואָרן.

ס׳האָט אויסגעזען, אַז חמי״לס גזירות וועלן שוין קיינמאָל ניט אויפ־הערן. גאַנצע קהלות זיינען געלאָפן פון שונא. דער וואָס האָט באַוויזן צו אַנטרינען פון שווערד איז געווען גליקלעך.

צווישן די וואָס זיינען געלאָפן פון ווילנע — איינע פון די הייליקע

קהלות וואס חמי״לס קאָזאקן האָבן חרוב געמאַכט — איז אויך געווען אַ באַקאַנטער ראש־ישיבה ר׳ יעקב ב״ר בנימין ז״ק. ער איז געלאָפן אין מעהריש־לאַנד צו זיין שווער, דעם גאון ר׳ אפרים כהן, מחבר פון ספר „שער אפרים״, און צו זיין יונגער פרוי נחמה. וואַרים זיין ווייב איז נאָך פריער אַוועקגעפאָרן צו איר פאָטער, וואָס איז געווען רב און ראש־ישיבה אין אַלט־אובען.

לויפנדיק איז ר׳ יעקב ז״ק אַרויף אויף אַ פעלד, וואו ס׳האָבן זיך געוואַלגערט הרוגים. אַ קאָזאַק איז אים אַנטקעגנגעקומען מיט אַן אַנט־בלויזטער שווערד אין די הענט. ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַלדז, גרייט פאַר דער שחיטה. דער שונא האָט דערזען זיין פנים, וואָס האָט געשיינט ווי ס׳פנים פון אַ מלאך, און האָט אויף אים באַקומען רחמנות. האָט ער לפנים אַ פיר געטאָן איבער זיין האַלדז מיט דער טעמפער זייט פון שווערד און אויסגערופן:

— לויף, יונגער בוים, ראַטעווע דיין לייב!

ר׳ יעקב ז״ק איז אַנידערגעפאַלן פאַר שרעק און איז געבליבן ליגן צווישן די הרוגים ביי די זייטן פון אַ שמאָלן גראָבן, וואו ס׳גראָז איז געוואַקסן הויך און ווילד.

צוויי טעג איז ער דאָרטן געלעגן צווישן די הרוגים. אַ ברענענדיקער ווינט האָט אַנגעטראָגן אַ סך שטויב און אים פאַרדעקט פון די אויגן פון אַ מענטשן. אויפן דריטן טאָג, ווען נאַכט איז צוגעפאַלן און פאַרטונקלט די שיין, האָט ער זיך אויפגעהויבן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען, אַז פון שונא איז שוין קיין שריד ופליט ניטאָ, איז ער אַוועק מיט די פעלדער און זיך אַרומגעדרייט צווישן דיביימער ביז פאַרטאָג.

עטלעכע וואָכן האָט ר׳ יעקב אַרומגעבלאָנקעט איבער די פעלדער, וואָס זיינען געווען פאַרזייט מיט הרוגים. די וואָרצלען פון די גראָזן זיינען געווען זיין שפייז און דער רעגן פון הימל — זיין געטראַנק. ער האָט זיך דער־שלאָגן צו אַ שטאָט, אָבער קיינער האָט ניט געוואוסט ווער ער איז. אין דער היים האָט מען ניט געוואוסט וואו זיין געביין איז פאַרפאַלן געוואָרן.

זיין פרוי נחמה, וואָס האָט געשמט מיט איר חכמה און חן, האָט גע־וואַרט אויף אים, אָבער איר פאָטער און די גאַנצע משפחה האָבן אויפגעגעבן יעדע האָפענונג אַז ער איז ניצול געוואָרן פון משחית הענט.

ר׳ אפרים הכהן האָט געטרייסט זיין טאָכטער און איר געהייסן אויפ־הערן טרויערן אויף איר מאַן, ווייל — האָט ער געזאָגט — עס איז אַ גזירה

פון הימל, אַז אַ מת זאָל פאַרגעסן ווערן פון האַרץ און ר׳ יעקב איז שוין אוודאי ניט צווישן די לעבעדיקע.

מען האָט גערעדט נחמהן די שענסטע שידוכים, אָבער זי האָט ניט געוואָלט הערן פון גאָרניט. די גאַנצע צייט האָט זי געהאָפּט און געוואַרט אויף איר מאַן און איבערגעחזרט איין טיפע און קורצע כוונה:

— ער וועט קומען... ער וועט קומען!...

אין צווישן זיינען אָנגעקומען קיין אַלט־אובען עטלעכע פּליטים פון חמי״לס שווערד און זיי האָבן עדות געזאָגט פאַרן בית־דין, ווי זיי האָבן אַליין געזען דעם פרומען ר׳ יעקבן אויסשטרעקן זיין כשרן האַלדז צו דער שחיטה, אַ גרייטער מקדש צו זיין דעם שם.

אין דעם וואָס די עדות זיינען געקומען אין צייט, האָט ר׳ אפרים געזען אַ צייכן פון גאָט, אַז עס איז געקומען די צייט זיין טאָכטער זאָל אויפ־געבונדן ווערן פון אירע עגונה־קייטן, און ער האָט געפּועלט ביים גאון ר׳ העשיל פון קראָקע, ער זאָל אַרויסגעבן אַ היתר, אַז זיין טאָכטער איז אויפגעבונדן און איז מותר פאַר יעדן מאַן.

דאָס פייער פון בענקעניש נאָך איר מאַן איז אָבער אַזוי גיך ניט אויס־געלאָשן געוואָרן אין נחמהס האַרץ. זי האָט רק געטראַכט וועגן איר יעקבן.

סוף־כל־סוף האָט זי דאָך איינגעוויליקט פאַרקנסט צו ווערן פאַר אַ רייכן מאַן פון אַלט־אובען און עס איז באַשטימט געוואָרן, אַז ל״ג־בעומר פון יענעם יאָר זאָל זיין דער טאָג פון דער חופה.

און דעמאָלט איז געשען דער גרויסער וואונדער. פּונקט אין דעם טאָג פון דער חתונה, ווען די כלה איז שוין געזעסן אין אירע חופה־קליידער און מען האָט שוין געהאַלטן ביים אויפשטעלן די חופה, האָט זיך צעקלונגען די בשורה, אַז ר׳ יעקב איז אָנגעקומען אין שטאָט.

ס׳גאַנצע לאַנד האָט געציטערט מיט דעם וואונדער. דער גאון ר׳ העשיל האָט אויף זיך גענומען בחרם ובשבועה, אַז ער זאָל מער קיין עגונות ניט מתיר מאַכן.

פון דעם שיינעם און איידעלן זיווג: יעקב און נחמה, איז אין ניין חדשים אַרום געבוירן געוואָרן אַ זון, וואָס מען האָט אים גערופן צבי.

דריי יאָר איז ר׳ יעקב ז״ק געזעסן ביים שווער אויף קעסט און גע־פאַרשט אין גאָטס תורה, און נאָכדעם ווי דער גאון ר׳ אפרים הכהן איז נפטר געוואָרן, האָט ער גע׳ירשנט דעם כסא הרבנות פון אַלט־אובען.

עס איז שוין געווען עטלעכע יאָר נאָך חמי״לס שחיטות. דאָס פאַר־

גאָסענע בלוט האָט זיך אויסגעטריקנט. יידן האָבן זיך אָנגעהויבן צוריק־קערן אין זייערע שטעט און שטעטלעך. פון גרויסע משפחות זיינען געבליבן איינצלנע. אַ סך האָבן ניט געוואָלט וואוינען אין די חרובע שטעט און שטעטלעך און האָבן זיך באַזעצט אין טערקיי, אין מעהריש־לאַנד און אויך אין אַלט־אובען.

ד׳ער מנהג פון דער וועלט איז, אַז אַלץ קערט זיך אום צוריק צום גע־וועזענעם. אַלץ האָט זיך אָנגעהויבן צוריק פונ׳סניי. אָבער עס איז דאָך ניט געווען ווי אַמאָל.

צווישן מנחה און מעריב האָט מען אין די שולן און בתי־מדרשים גע־רעדט, אַז די חבלי־משיח זיינען שוין פאַריבער, אָבער משיחס טריט הערן זיך נאָך אַלץ נישט...

גרויסע רבנים און מקובלים האָבן אויפגעוויזן פון „זוהר" און אַנדערע הייליקע ספרים, אַז באַלד־באַלד וועט זיך משיח באַווייזן.

און מיטאַמאָל האָט זיך דערטראָגן אַ בשורה, וואָס האָט אָפּגעקלונגען מיט פרייד איבער אַלע ישובים, פון טערקיי ביז קליין־פוילן:

— משיח — האָט מען דערציילט — איז שוין מיט גאָטס הילף אַנט־פּלעקט געוואָרן. ער הייסט שבתי־צבי, איז געבוירן געוואָרן אין דער טערקישער שטאָט סמירנע. אין זיינע יונגע יאָרן האָט ער געלערנט אַ סך קבלה, געפּייניקט ס׳לייב. ער האָט זיך געבאָדן זומער און ווינטער אין ים און נאָכדעם ווי ער האָט דורכגעמאַכט ש״י טבילות *) האָט זיך באַוויזן צו אים אליהו הנביא און אים מגלה געווען אַז ער איז משיח.

זיין לייב, האָט מען דערציילט, איז דורכזיכטיק ווי קרישטאָל. ער זאָגט שטיקער זוהר אויף אויסנווייניק און זינגט לידער צו דער הימלישער בת־מלכה. באַלד וועט ער אַראָפּנעמען די קרוין פון סולטאַן, וואָס געוועלטיקט איבער ארץ־ישראל, אַלע מלאכי מזרח־ומערב וועלן קומען און זיך בוקן צו אים און ער וועט קיניגן פון איין עק וועלט ביזן צווייטן...

שליחים פון סטאַמבול האָבן זיך אַרויסגעלאָזן איבער אַלע מדינות און פאַנאַנדערגעטראָגן די בשורה: שבתי־צבי — איז משיח!

גאַנצע קהלות האָבן זיך אַוועקגעלאָזט קיין סמירנע, קיין סטאַמבול, מקבל פּנים זיין דעם האַר שבתי־צבי, משיח פון גאָט פון יעקב, „אונדזער קעניג און אויסלייזער".

*) זיך טובלען דריי הונדערט מיט צען מאָל.

רבנים האָבן בטל געמאַכט די תעניתים. אויס תשעה־באב, אויס שבעה עשר בתמוז. דער גאולה־פלאַם האָט אַרומגעכאַפּט די יידישע וועלט און יעדער טאָג — כולו יום־טוב.

אין די סידורים האָט מען גענומען דרוקן „הנותן תשועה" פאַרן מלך המשיח, שבתי־צבי, און ניט נאָר דער המון, די פּראָסטע לייט, נאָר די בעסטע יידן זיינען געוואָרן פאַרברענטע חסידים פון סמירנער משיח.

ר' יעקב ז"ק, דער פירער פון דער אַלט־אובענער עדה, איז אויך געווען אַ פאַרברענטער מאמין אין נייעם משיח.

שבת־תשובה פון יאָר תכ"ז האָט ר' יעקב געהאַלטן אַ דרשה, אין וועל־כער ער האָט אויפגעוויזן מיט אַ סך ראיות פון מדרשים און גמרות, אַז שבתי־צבי וועט ברענגען די גאולה. ער האָט לאַנג געדרשנט, ר' יעקב, גאַרניט ווי זיין מנהג איז געווען, און וואָס לענגער ער האָט גערעדט, אַלץ מער האָט זיך צעברענט ביים עולם דער גלויבן אין נייעם משיח.

בלויז געציילטע פון דער עדה זיינען פאַרבליבן מתנגדים צום נייעם משיח, און יום־כיפור ביים לייענען, אַז דער חזן פון אַלט־אובען האָט ניט געוואָלט זאָגן די ווערטער פון מי שבירך, „ברך נא את אדונינו שבתי־צבי, משיח אלהי יעקב . . .", איז דער רב אַריין אין גרויס גרימצאָרן און אויפן אָרט געפּסקנט, אַז דער חזן האָט אַ דין פון אַן אַפּיקורס און זיין בלוט איז הפקר ווי דאָס בלוט פון אַ הירש און אַ אינד...

* * *

„אויסגעבלאָזן זאָל ווערן דער אָטעם פון די, וואָס ווילן דוחק זיין דעם קץ." אלול פון יאָר תכ"ז האָבן זיך אין אַלט־אובען באַוויזן די ערשטע שליחים פון סטאַמבול מיט אַ וויסטער בשורה אין זייער מויל:

שבתי־צבי האָט איבערגעביטן זיין אמונה, איז געוואָרן אַ מאַכמעדאַנער. ער האָט אָנגעטאָן אַ „טערקיש מיצל", וואָלגערט זיך ביים טויער פון סולטאַנס תפיסה און שרייט:

— „אַללאַ איז גאָט און מוכאַמעד איז זיין נביא!"

משיח האָט אָפּגענאַרט.

אַלע האָפענונגען, וואָס יידן האָבן געלייגט אויף אים, האָבן זיך אָנ־געהויבן צעפאַלן. דער חלום פון גאולה איז פאַרברענט געוואָרן. מיטן זעלבן ברען, וואָס די רבנים האָבן געגלויבט אין שבתי־צבין, האָבן זיי איצט אָנגעהויבן לייקענען אין אים.

אויך ר' יעקב ז"ק, ווען די בשורה אַז שבתי־צבי האָט זיך געשמדט איז

צו אים דערגאַנגען, האָט ער געריסן קריעה און אַרויפגעטאָן אַש אויף זיין קאָפּ.

ער איז געווען נאָך יונג, נישט געניט צו טראָגן אַ יאָך פון אַן עדה, ווען ער איז געוואָרן דער רב פון אַלט־אָובען, און כאָטש די קהלה האָט אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד און זיך צוגעהערט צו זיין באַפעל, האָט ער אָבער מורא געהאַט צו שטעלן צופיל אויף זיך, צו בויען אויף זיין אייגן וואָרט. איצט האָט ער גענומען אויף זיך די שולד. ער האָט גרויס צער געהאַט פאַרוואָס ער האָט דעם שקר און די טומאה ניט דערקענט אין צייט און האָט דעריבער פאַרפירט אַן עדה מיט יידן.

צום ערשטן האָט ער גענומען האַלטן דרשות קעגן פאַלשן משיח. „יידן — האָט ער געזאָגט — איך שוועך ביי גאָט, אַז איך האָב געהאַט אַ טעות און בין איצט גרייט נאָכאַמאָל מקדש־השם צו זיין, אויסצושטרעקן מיין האַלדז צו דער שחיטה, אָבי אויסוואָרצלען די פאַלשע אמונה.״ און אַז דאָס האָט ניט געהאָלפן, וואָרים עס איז שווער געווען אויסצורייסן ביים המון דעם איינגעפלאַנצטן גלויבן, האָט ער מיט אַ געבראָכן קול אָנגעהויבן וואָרענען דעם עולם, אַז ער וועט נוצן שוואַרצע שופרות און חרם־ליכט. אַז דאָס האָט אויך ניט געהאַט די פעולה, האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז ער איז ניט ראוי צו שטיין בראש פון דער עדה, וועלכע ער האָט פאַרפירט.

און ער האָט גענומען זיין ווייב און איז אויפגעגאַנגען אין הייליקן לאַנד אַריין, כדי דאָרטן תשובה טאָן, און אַז ער וועט שטאַרבן, זאָל אים די הייליקע ערד פאַרגעבן זיין שווערע זינד, ווי אין פסוק שטייט: „וכפר אדמתו עמו״ — און די ערד וועט פאַרגעבן זיין פאָלק.

ווען ר׳ יעקב ז״ק איז אויפגעגאַנגען קיין ארץ־ישראל, איז שוין זיין זון צבי אַלט געווען זיבעצן יאָר און איז געשטאַנען אין שידוכים. פאַר זיין אָפּפאָרן האָט ר׳ יעקב אַריינגערופן זיין זון, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען מפורסם פאַר אַ גרויסן למדן, און אים באַשוואוירן צו פירן אַ מלחמה מיט די פאַרבליבענע מאמינים אין שבתי־צבי.

— דער רמב״ם שרייבט, — האָט ר׳ יעקב ז״ק געזאָגט זיין זון, — אַז כאָטש משיח פאַרזאַמט זיך, דאַרף מען פונדעסטוועגן וואַרטן אויף אים. לערנען מיר דערפון, אַז די שטול פון אמתן משיח קאָן קיינער ניט ירשנען, ווי עס שטייט: „על כסאו לא ישב זר״ — אויף זיין שטול טאָר קיין פרעמדער ניט זיצן.

וויסן זאָלסטו, מיין זון, אַז שבתי־צבי איז די טומאה אַליין. זינט ער

האָט זיך געשמדט, האָט זיך ביי יידן געמערט זנות און הפקרות. די כת, וואָס גייט אים נאָך, גלויבט אַז משיח מעג זינדיקן, מעג זינקען אין די מ״ט שערי טומאה. אויב אַזוי איז דאָך אַלץ הפקר, ווערט חס־וחלילה בטל גאַנץ תורת משה.

דעריבער באַשווער איך דיך, מיין זון, זאָלסט רודפן מיט אַלע רדיפות די הפקר־מענטשן, וואָס האַלטן אַז עבירות זיינען שטאַפּלען צו דער גאולה. דער גיהנום וועט זיך אויסלאָזן און די וואָס ווילן דוחק זיין דעם קץ וועלן זיך ניט אויסלאָזן. —

די און נאָך אַזעלכע ווערטער האָט ר׳ יעקב גערעדט צו זיין זון צבי, און נאָכדעם איז ער אויפגעגאַנגען קיין ארץ־ישראל, וואו ער איז מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איינגעזאַמלט געוואָרן אין זיין פאָלק.

ר׳ צבי הירש אשכנזי

פינף יאָר איז דער יונגער ר׳ צבי הירש ז״ק, וועלכער האָט זיך גערופן אשכנזי, געזעסן אין סטאַמבול צופוסנס פון די ספרדישע חכמים און גע־לערנט תורה. ער איז געפאָרן ביז סטאַמבול באַגלייטן זיינע עלטערן קיין ארץ־ישראל און איז שוין דאָרטן פאַרבליבן.

ער האָט זיך געגראָבן אין די טיפע גרונטן פון „ים התלמוד״, איז אַריינגעדרונגען אין די פאַרצווייגטע וועלדער פון פלפול און אויך שפּאַצירט אין די גערטנער פון דער קבלה.

„אַז איינער לערנט מיטן צווייטן תורה, איז דאָס געגליכן אַזוי ווי ער וואָלט יענעם געבוירן.״ און ווייל ר׳ צבי הירש אשכנזי, דער זון פון אַלט־אובענער רב, וואָס איז געווען אַן אַשכנזי מבטן ומלידה, פון געבורט אָן, האָט געהאַט ספרדישע רביים, האָט ער זיך אַזוי צוגעבונדן צו זיי, אַז ער האָט זיך אונטערגעשריבן: „ספרדי טהור״. דאָס האָט אויך געמיינט, אַז ער קען געניי די ספרדישע מנהגים, פּונקט אַזוי ווי זייערע אייגענע חכמים.

צו צוואַנציק יאָר איז ר׳ הירש אויפגענומען געוואָרן אַלס רב אין שערהיי, אין דער טערקישער פּראָווינץ פון באָסניע. ווען ער איז געוואָרן דער רב פון שערהיי, איז זיין נאָמען גלייך מפורסם געוואָרן, און מ׳האָט אים אָנגעהויבן רעכענען פאַר איינעם פון די שאַרפסטע פוסקים. חוץ זיינע גרויסע גייסטיקע מעלות, איז ער געווען זייער שיין, געראָטן אין זיין טאַטן, וועמען אַ קאָזאַק האָט געשענקט ס׳לעבן צוליב זיין שיין געשטאַלט.

זיין איידל רבניש פּנים האָט געשיינט און געגלאַנצט מיט אַ שאַרף ליכט בבחינת „און משה האָט ניט געוואוסט אַז ס׳האָט געשיינט די הויט פון זיין פּנים״. זיינע טיפע און אומרואיקע ברוינע אויגן זיינען שטענדיק געווען אָפן און פול מיט מחשבה און מיט אַ קנאותדיקער פלאַקערדיקייט. דאָס קנאות האָט אויך אַראָפּגעקוקט פון זיין נאָז, פון זיין בוילעטן מאָגערן פּנים און געשוועבט איבער זיין לענגלעכער באָרד און די רויטע ליפּן.

אין יאָר ת״ל איז פאָרגעקומען אַ קריג צווישן עסטרייך און טערקיי. שערהיי איז באַלאַגערט געוואָרן פון עסטרייכישן שונא. טעג און נעכט האָט דאָס עסטרייכישע חייל באַשאָסן די שטאָט און אין דער באַלאַגערונג איז געטראָפן געוואָרן דאָס הויז פונעם רב. אַ קויל איז אַריין אין בית־דיך־שטוב און געטויט די רביצין מיט דער איינציקער טאָכטער.

ר׳ הירש איז געצוואונגען געווען צו נעמען דעם וואנדער־שטעקן און האט אויסגעוואנדערט קיין צפון, ווייל ער האט געהערט, אז „עס איז דא תבואה אין מצרים״.

ער האט זיך באזעצט אין דער שטאט אלטונא, ביים ברעג טייך עלבע, וואו ער איז געווארן דער איידעם פון דעם גאון ר׳ זלמן מירלש, דער רב אין די דריי קהלות, וועלכע מען האט גערופן או״ה — אלטונא, וואנדסבעק, האמבורג.

נאך זיין שווערס פטירה איז ר׳ הירש געווארן זיין ממלא־מקום, ווארים ר׳ זלמן האט קיין זין ניט געהאט. ער האט באלד אנגעהויבן צו פארנעמען א גרויס ארט צווישן די רבנים פון אשכנז. מען פלעגט צו אים שיקן הארבע שאלות פון אמסטערדאם, פון פראג, פון איטאליע און אזש פון ירושלים. וויפיל מאל זיינען געקומען באלעבאטים פון גרויסע שטעט ביי אים צו פועלן, ער זאל אננעמען ביי זיי דאס רבנות, און זיינען צוריקגעפארן ליידיק, ווייל ר׳ הירש האט צום ערשטן געוואלט מתקן זיין דעם מצב פון די דריי קהלות.

ר׳ הירש האט טאקע גוט געקענט די באדערפענישן פון זיין עדה. כאטש ער איז שטענדיק געווען פארנומען מיט הויכע רעיונות און מיט שרייבן שאלות־ותשובות, חקירה און קבלה־ספרים, האט ער געהאט אויפן קאפ אלע הצטרכותן פון די דריי קהלות און האט יעדעס יאר געמאכט א נייע תקנה.

ער האט אכטונג געגעבן אויף כשרות, געהיט אז די ווייבער זאלן גיין אין מקווה אין צייט, און אז די בתולות זאלן טראגן צניעותדיקע הלבשה. ער האט אויך איינגעפירט נייע מנהגים אין די דריי קהלות, מנהגים פון וועלכע זיין שווער האט ניט געוואוסט, ווי למשל: אז יעדן ערב־שבת זאל מען אוועקגעבן די טשאלנטן דעם בעקער, כדי מען זאל ניט קומען צו חלול־שבת, און אז מען זאל נעמען אן אפצאל פון די מאסן און וואגשאלן, די קרעמער זאל ניט קענען אפנארן די קונים. ער האט אויך איינגעפירט, אז די נגידים זאלן געבן די ארעמע לייט א צענטל פון זייער פארמעגן און האט אפגעשאפט ס׳נעמען ריבית, כדי צו הייבן דעם געדריקטן און דעם ארעמאן.

און עס איז געווען אויפן דריטן יאר פון זיין רבנות אין אלטונא, איז זיין ווייב, וואס האט געהייסן שרה, טראגעדיק געווארן און האט אים געבוירן א טאכטער, האט מען זי א נאמען געגעבן מרים. אין א יאר ארום איז זי

ווידער טראַגעדיק געוואָרן און האָט אים געבוירן אַ זון, וואָס מען האָט גע־רופן יעקב, אויפן נאָמען פון זיין זיידן ר׳ יעקב ז״ק, און באַלד נאָכן ברית איז דאָס קינד שטאַרק קראַנק געוואָרן און דער פאָטער האָט אים געהייסן צולייגן אַ נאָמען ישראל, און האָט דערביי געזאָגט דעם פסוק וואָס שטייט ביי יעקבן: „כי שרית עם אלהים ואנשים ותוכל״ — ווייל האָסט געשטריטן מיט גאָט און מיט מענטשן און ביסט בייגעקומען.

און עס איז געווען ווען יעקב ישראל איז אַלט געווען אַכט יאָר, אַז ר׳ הירש איז גערופן געוואָרן צו ווערן דער רב פון דער אַלטער און הייליקער קהלה אַמסטערדאַם.

כאָטש עס איז שוין געווען היפשע עטלעכע יאָר נאָך שבתי־צביס טויט, זיינען נאָך פאַרבליבן אין אַלע לענדער וואו יידן האָבן געוואוינט, זיינע פאַר־באָרגענע תלמידים און אָנהענגער. פאַרשטעלט ווי משולחים און מגידים, האָבן זיך די שבתי־צביניקעס געלאָזט איבער יידישע ישובים און גענומען פאַרשפּרייטן שבתי־צביס תורה.

די פאַרברענטע מאמינים אין פאַלשן משיח האָבן זיך גערופן „בני הימנותא״ — פאַרגלויבטע קינדער. זיי זיינען אַרומגעפאָרן איבער די שטעט און שטעטלעך און דערציילט דעם עולם, אַז שבתי־צבי איז אַרויף אַ לעבע־דיקער אויפן הימל און אַז דער וואָס האָט אָנגעטאָן אַ טולפּאַן איז אַ טערק, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר שבתי־צבי. אָן אַנדערש מאָל האָבן זיי געזאָגט, אַז דערפאַר האָט זיך שבתי־צבי געשמדט, ווייל דער זוהר זאָגט, אַז משיח דאַרף פריער זינדיקן, כדי ער זאָל קאָנען מתקן זיין און דערהויבן יעדן „ניצוץ״, וואָס געפינט זיך געפאַנגען אין דער טומאה.

די שבתי־צביניקעס האָבן געגעסן בשר בחלב, געטרונקען וויין תשעה־באב און פאַרבראַכט מיט נאַקעטע נקיבות. ערשט ווען מען האָט זיך דער־וואוסט וועגן זייערע מעשים, האָבן זיך די רבנים פון אַ סך קהלות אַ נעם געטאָן און זיי אָנגעהויבן רודפן מיט מלקות און חרם.

האָט מען געכאַפּט איינעם פון זיי, האָט מען אים אָנגעטאָן כלערליי בזיונות. מען האָט אים אָפּגעשוירן איין פאה, אַריינגעגאָסן וואַסער אין היטל אָדער גאָר אויסגעמאָלן מיט קרייד אַ טערקישע האַלבע לבנה אויף זיין בגד.

נאָך ווען ר׳ הירש איז געווען רב אין אַלטונא, איז דערגאַנגען צו זיינע אויערן, אַז איבער אַשכנז פאַרט אום שבתי־צביס אַ תלמיד און פאַר־שפּרייט די פאַלשע אמונה; אַז דער תלמיד הייסט נחמיה חיון, פירט מיט

זיך אַ כתב־יד פון שבתי־צבין אַליין, וואו ער ווייזט מיט ראיות פון זוהר און קבלה־ספרים, אַז משיח מוז זיך פריער שמדן און ערשט נאָכדעם ווידער נתגלה ווערן...

ר׳ הירש האָט גוט געדענקט זיין טאַטנס צוואה, אַז ער זאָל זיך אָפּ־רעכענען מיט די שבתי־צביניקעס, אָבער ער האָט געשוויגן, ווייל ער האָט זיך געטראַכט, זאָלן זיי נאָר קומען אין זיין גבול אַריין, וועט ער שוין וויסן וואָס צו טאָן מיט זיי. אויך אין אַמסטערדאַם האָט מען אים דערציילט וועגן די „בני הימנותא״, אָבער ער האָט זיך געמאַכט ווי ער ווייסט פון גאָרניט.

פיר יאָר נאָכדעם ווי ר׳ הירש אַשכנזי — וועמען מ׳האָט שוין דעמאָלט גערופן דער „חכם צבי״, אויפן נאָמען פון זיין ספר, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין האַמבורג — איז געוואָרן דער רב פון אַמסטערדאַם, איז אַהין אַראָפּ־געקומען אַ מאָדנער אורח.

דאָס איז געווען אַ ספרדישער ייד, וואָס האָט אויסקוקט ווי אַ ירושלימער משולח. ער איז געווען אַ שלאַנקער, מיט אַ בלאָנד־גרוילעכער באָרד און פּיאות ווי שלענגלעך. זיין קאָפּ איז געווען אַרומגעוויקלט מיט אַ טערקישער שאַל און געטראָגן האָט ער אַ ווייסן כאַלאַט, ווי אַ מקובל.

די אַמסטערדאַמער יידן האָבן אים אָפּגעגעבן גרויס כבוד און זיך גע־פילט גליקלעך, וואָס אַ הייליקער מענטש האָט זיך באַזעצט אין זייער מיט. באַזונדערס האָבן אים מקרב געווען די ספרדישע יידן, מיט זייער חכם ר׳ שלמה איאַלון.

דער מקובל האָט זיך באַזעצט אין דער ספרדישער שול און איז טאָג און נאַכט געזעסן פאַרטיפט אין קבלה־ספרים.

באַלד האָבן זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן פאַרדעכטיקע שמועות וועגן דעם מקובל. טייל האָבן געזאָגט, אַז ער איז פון „יענע״, פון די „בני הימנותא״. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז מען איז חושד בכשרים. דער חכם ר׳ שלמה איאַלון האָט עדות געזאָגט, אַז דער ייד היט אָפּ אַלע מצוות, לערנט טאָג און נאַכט דעם זוהר און טוקט זיך יעדן כעלות אין אַ קאַלטער מקווה.

ר׳ הירש, וואָס האָט ניט ליב געהאַט דעם ספרדישן חכם, אים געהאַלטן פאַר אַ קל, האָט אָנגעהויבן שיקן זיינע ישיבה־לייט נאָכצוקוקן דעם מקובל און אים איבערגעבן וועגן זיין פירעכץ.

ערשט אַ ישיבה־בחור, וואָס איז געקומען פון פראָג צו ר׳ הירשן אין

ישיבה, איז אַריין אין דער ספרדישער שול. דערזען דעם מקובל, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן:

— אוי־ווי, דאָס איז דאָך גאָר נחמיה חיון, ימח־שמו, שבתי־צביס תלמיד!

אין שול איז מיטאַמאָל געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געהערט ווי הערצער קלאַפּן. יידן, וואָס זיינען געזעסן איבער די גמרות, האָבן פאַרריסן די קעפּ, צעעפנט די מיילער און ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן. דער מקובל האָט זיך אויפגעהויבן, זיך אַרומגעקוקט מיט זיינע ברענענדיקע אויגן, אַ ווײַלע געטראַכט, ווי ער וואָלט געזוכט אַן ענטפער, און באַלד אָנגעהויבן רעדן מיט אַ געבראָכן קול:

— יהודים, — האָט ער געזאָגט, — איך בין אַ ספרדי טהור, אַ מקובל, האָב מיט זיך אַ ספר מיט הסכמות פון די גאונים פון פּראָג און פראַנקפורט דמיין, וואָס זאָגט עדות אַז משיח צדקנו, שבתי־צבי, וועט באַלד אַנטפּלעקט ווערן און דעמאָלט וועט די וועלט וויסן דעם גאַנצן אמת...

דערהערט די ווערטער, האָט דער פּראָגער ישיבה־בחור אָנגעהויבן קוויטשען:

— גוואַלד, יידן, וואָס שווייגט איר? בינדט אים, דעם עוכר־ישראל!

אין שול איז געוואָרן אַ לויפעניש און אַ ברומעניש. שטענדערס זיינען אומגעפאַלן. יונגעלייט מיט צעגלאַנצטע אויגן און מיט גמרות אין די הענט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו כאַפּן דעם מקובל. פון אַלע זייטן האָבן זיך געשטרעקט הענט. אָבער ער איז געשווינד אַרויס פון שול און זיך געלאָזט לויפן צום בית־דין שטוב פון ספרדישן חכם.

ס׳איז שוין געווען נאָך מעריב, ווען די שמועה, אַז מען האָט געכאַפּט דעם שבתי־צביניק, האָט זיך פאַרשפּרייט איבער גאַנץ אַמסטערדאַם. ר׳ הירש אַשכנזי האָט געשיקט רופן די פּרנסים און זיי באַפוילן גלייך משלח זיין דעם שבתי־צביניק פון שטאָט, אויסראַמען דאָס שלעכטס פון זייער מיט.

ער האָט אָבער באַלד באַקומען אַ תשובה פון עטלעכע פּרנסים, אַז זיי וועלן ניט לאָזן טאָן קיין שלעכטס דעם מקובל.

דער רב מיט זיינע דיינים, וואָס האָבן זיך געפונען אין בית־דין שטוב, האָבן זיך באַלד קריעה געריסן, וואָרים זיי האָבן געזען אין דעם אַ חילול־התורה, און מיט בזיון אַרויסגעטריבן די ווידערשפּעניקע פּרנסים פון שטוב.

דאָנערשטיק ביי קריאת־התורה האָט ר׳ הירש געוואָלט אויסרופן אַ חרם אויף דעם מקובל מיט זיינע מקורבים. ווי נאָר אָבער ר׳ הירש האָט

באפוילן דעם שמש אַנצינדן די שוואַרצע ליכט, איז דער אַלטער פּרנס, זאַלקע לאַנדאַן, אַ הויכער און דיקער ייד, צוגעגאַנגען צו דער בימה און אַ קלאַפּ געטאָן:

— איך באַפעל דער עולם זאָל זיך צעגיין. עס וועט ניט זיין קיין חרם!

ר׳ הירש האָט זיך אויפגעשטעלט, זיינע ברוינע אויגן האָבן זיך צע־בלישטשעט, ווי ביי אַ וואָלף וואָס איז גרייט צו פאַרצוקן, און ער האָט אויסגעשריגן מיטן קול פון אַ לייב:

— ווי לאַנג איך בין רב — וועט מען אין אַמסטערדאַם ניט דינען קיין עבודה־זרה! אַ חרם זאָל זיין!

באַלד האָט זיך אויפגעהויבן אַ וויסט געשלעג. די אַנהענגער פון נחמיה חיון האָבן זיך געוואָרפן אויפן שמש, וואָס האָט געפּרוּווט אַנצינדן די ליכט, מיט מכות־רצח. ר׳ הירשס תלמידים האָבן געענטפערט מיט קלעפּ. זאַלקע לאַנדאַן האָט באַקומען אַזעלכע קלעפּ, אַז בלוט איז אים גערונען פון נאָז. אין מיטן דער מהומה איז ר׳ הירש אַוועק פון שול. זיין פּנים איז געווען בלאַס ווי קרייד, און זקנים וואָס האָבן געדענקט זיין טאַטן האָבן נאָכדעם דערציילט, אַז ער האָט דעמאָלט אויסגעקוקט פּונקט ווי זיין פאָטער בשעת מען האָט אים געבראַכט די נייעס אַז שבתי־צבי האָט זיך געשמדט...

פון יענעם טאָג אָן איז שוין ניט אַוועק קיין טאָג אָן אַ מחלוקת.

די גרויסע עדה פון אַמסטערדאַם האָט זיך צעטיילט אויף צוויי צדדים: איין צד האָט געהאַלטן מיט ר׳ הירשן און דער צווייטער מיט דעם ספרדישן חכם שלמה איאַלון. ר׳ הירש האָט אין שול ניט געקענט אַריינגיין און האָט געמוזט מאַכן מנין ביי זיך אין הויז, און די דיינים האָבן אַ גאַס ניט געקענט דורכגיין.

זאַלקע לאַנדאַן האָט געמאַכט דעם ספרדישן חכם שלמה איאַלון פאַרן רב אויך פון יענע אַשכנזים, וואָס האָבן געהאַלטן מיט די שבתי־צביניקעס, און יענער מיט נחמיה חיון האָבן אויסגערופן אַ חרם אויף ר׳ הירשן מיט זיינע נאָכפאָלגער, אַז קיינער זאָל זיך ניט דערנעענטערן צו זיי און זייערע פיר איילן. ס׳הפקרות האָט אַרומגעכאַפּט גאַנץ אַמסטערדאַם. אַלץ איז אַוועק אין אַ העליש פלאַם.

אין מיטן ברודער־קריג איז ר׳ הירש געזעסן און געשריבן קונטרסים קעגן די שבתי־צביניקעס, געשריבן די רבנים פון פראַנקפורט, פון פּראַג, אַריינלייגן אין חרם שלמה איאַלון מיט זיינע מקורבים, אָבער ביז אַ תשובה איז אָנגעקומען איז דערווייל זיין לעבן געווען אין סכנה.

ראַש־חודש חשוון ת״מ האָט איבער אַמסטערדאַם אַראָפּגענידערט אַ שקלאַס־רעגן און געגאָסן זיבן טעג און זיבן נעכט נאָכאַנאַנד. דאָס וואַסער פון די קאַנאַלן האָט אַרויסגעפּלייצט פון די ברעגן, אונטערגעשווענקט די וואַסער־מילן און אָנגעהויבן אונטערגראָבן די פונדאַמענטן פון די הייזער, וואָס זיינען געשטאַנען נאָענט צו די מילן.

ס׳איז געווען אין דער זיבעטער נאַכט נאָך חצות. אין דרויסן האָט דער רעגן געגאָסן ווי פון צעבערן. יעדעס מאָל האָט זיך עפּעס אָפּגעבראָכן אין גאַס און איז געפאַלן ווי אַ שווערע משא אין וואַסער.

ר׳ הירש, וואָס איז געזעסן אין זיין בית־דין שטוב ביי אַ לאָמפּ און געשריבן מיט ציטערדיקע הענט זיינע קונטרסים, האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום אָרון־קודש, אַרויסגענומען זיין טלית און תפילין און איז נאָכדעם מיט ציטערדיקע קני אַריין אין זיין שלאָף־צימער, אָנגעשטעקט די שיך, אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם ווינטערדיקן פוטער און אָנגעהויבן וועקן די רביצין פון שלאָף:

— שרה, — האָט ער געזאָגט, מיט אַ קול געבראָכן פון טרערן, — איך אַנטלויף פון אַמסטערדאַם, קאָן מער אין דער מערת־פּריצים ניט פאַרבלייבן. לאָמיר זיך געזעגענען. איך גיי אויפוועקן יעקב ישראלן, איך וויל אים מיטנעמען. באַלד קומט אַ לאַנד־קאָטש, וואָס וועט אונדז נעמען צו דער שיף. איך פאָר קיין לאָנדאָן, יעקב ישראלן וועל איך לאָזן אין עמדין.

די רביצין, אַ בלאַסע פון שרעק, האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און פון אירע מילדע אויגן האָבן זיך געגאָסן טרערן.

— שרה, וויין ניט, — האָט זי ר׳ הירש געטרייסט. — איך האָב נאָך אַלץ ניט פאַרלאָרן. פון לאָנדאָן וועל איך פירן די מלחמה, און טאָמער וועל איך פאַלן אין שלאַכט, וועט יעקב ישראל . . . — ער האָט גענומען שרייען:

— יעקב ישראל, שטיי אויף!

דאָס בר־מצווה־יינגל איז אַריינגעלאָפן אַ באָרוועסער, אַ פאַרשלאָפענער און האָט געציטערט פאַר קעלט.

— טו זיך אָן, גיכער! דער קאָטש וואַרט, — האָט ר׳ הירש אויף אים געשריגן. — גיך!...

דאָס גאַנצע געזעגענען האָט געדויערט עטלעכע מינוט. דער רב מיט דער רביצין האָבן געהאָלפן אָנטאָן יעקב ישראלן און אים אַריינגעטריבן אין קאָטש.

ניט די שונאים און ניט די פריינט האָבן געוואוסט, אַז אין מיטן מבול זיינען ר׳ הירש מיט זיין זון אַנטלאָפן.

אויף מאָרגן, אין עמדינער צאָל־אַמט, האָט ר׳ הירש איבערגעגעבן זיין זון זיין טאַטנס צוואה:

— וואָס ס׳האָט געטראָפן מיטן טאַטן וועט טרעפן מיטן זון, — האָט ער אים געזאָגט. — דעריבער באַשווער איך דיר, מיין זון, זאָלסט פירן די מלחמה מיט די שבתי־צביניקעס עד חרמה, ביז דער לעצטער פון זיי וועט אָפּגעמעקט ווערן פון אונטערן הימל, וואָרים דער גיהנום וועט זיך אויסלאָזן און די וואָס ווילן דוחק זיין דעם קץ וועלן זיך ניט אויסלאָזן. . . .

ב

ר׳ יעקב עמדין

אין עמדין

די ווינקלען פון פייכטן שול־הויף, וואָס איז געווען אויסגעבויט אין דער פאָרם פון אַ מגן־דוד, זיינען אינגאַנצן געווען באַלייגט מיט ברעטער און באַלקנס, אויף וועלכע חדר־ייִנגלעך זיינען אַרומגעשפּרונגען, גע־קלעטערט אָדער זיך געוויגט.

די לופט איז דאָ געווען אַ שווערע און דורכגעפּוילטע, ווי אין אַן אַלטן ברונעם. אָבער פון טויער פלעגט זיך אָפט דערטראָגן אַ פריש ווינטל, דורכגעזאַפּט מיט ים־ריחות.

אַנדערע ייִדישע הויפן אין דער געטאָ פון דער פריזלאַנדער האַפן־שטאָט עמדין זיינען נישט געווען גרעסער ווי דער שול־הויף. די באַלקאָנען, וואָס זיינען געהאָנגען איבער זיי פון אַלע זייטן, איבערלאָזנדיק אַ קליינעם רוים, האָבן זיי נאָך מער צוזאַמענגעדריקט. איינגעפּוילטע קרומע הילצערנע טרעפּ האָבן זיך געצויגן איבער די ווענט אין די הויפן.

פון די באַלקאָנען האָבן געפירט טירן אין ברייטע צימערן און אין לאַנגע קאָרידאָרן, וואָס האָבן פאַראייניקט די אינערלעכע טיילן פון דער שטוב. נאָר אין איין הויז אין שכנות מיט דער שול איז נישט געווען קיין באַלקאָן און נישט קיין פאַרענטש אויף די טרעפּ און ס׳הויז האָט אויסגעזען בכבודיקער און יחוסדיקער ווי די אַרומיקע הייזער. דאָס איז געווען די דירה פון דעם שטאָט־רב.

ס׳איז געווען אַ קילער האַרבסטיקער פרימאָרגן. אַ לייכטער נעפּל־שלייער, וואָס האָט איינגעהילט די עמדינער געטאָ, האָט זיך געפּורפּורט אונטער די שטראַלן פון דער בלאַסער פרימאָרגן־זון.

אין דעם אַריינגאַנג פון שול־הויף, אונטערן סאַמע דאַך פון טויער, איז געשטאַנען דער אַכט־און־צוואַנציק־יאָריקער עמדינער רב, יעקב אַשכנזי, אַ שלאַנקער. דאָס הויכע רבנישע מיצל האָט אויסגעזען אַביסל פרעמד אויפן צאַרטן ווייסן פנים מיט די ברוינע יונגע אויגן. ער האָט געקוקט אויף דער שטאָט, וואָס איז אַרויסגעשוואומען פון פרימאָרגן־נעפּל מיט אירע קלויסטער־טורעמס, געמויערטע קראָמען. ער איז געשטאַנען און געזוכט זיינע אַמאָליקע יאָרן אין עמדין.

מיט דריי וואָכן צוריק (זיי האָבן אים אויסגעזען ווי דריי יאָר, אַזויפיל

האָט ער אין זיי דורכגעלעבט), איז ער אָנגעקומען אויף זיין ערשטער רבנות אין עמדין.

די ערשטע פּאָר טעג האָט אים די שטאָט פאַרשיכורט מיט צוזאָגן און באַלד נאָכדעם דערוועקט אין אים אַ יוירנדיקן צער, וואָס האָט אים באַרויבט פון שלאָף אין די נעכט און פאַראומערט די טעג.

איצט, שטייענדיק אין טויער, אויפן וועג צום „ותיקין־מנין” אין שול, האָט אַן אַלטער ווייטיק אויפגעוואַכט אין אים, אַ ווייטיק ווי פון אַ וואונד וואָס איז אויסגעקאָכט און פאַרדעקט געוואָרן אין אייטער.

אַלץ וואָס ער האָט אַמאָל איבערגעלעבט אין דער שטאָט איז איצט ווידער שאַרף און בולט אַדורכגעגאַנגען פאַר אים.

אין יעקב אַשכנזיס האַרץ איז געווען טיף פאַרבאָרגן אַן אומקלאָר געפיל, אַז ער איז באַשטימט פאַר עפּעס גרויסעס. דאָס איז געווען אַ שטרעבונג צו פירן אַ מלחמה מיט די רעשטן פון די שבתי־צביניקעס און זייערע אונטערשטיצער, אַ מלחמה וואָס האָט זיין פאָטער ר׳ הירש אַשכנזי דערהויבן איבער אַלע אַנדערע רבנים פון זיין סביבה.

חוץ דעם איז נאָך געווען אַן „עפּעס”, וואָס איז געשטאַנען מחוץ דער דאָזיקער שטרעבונג, אַן „עפּעס”, וואָס האָט געהערט אים אַליין, פון וועלכן קיינער האָט ניט געטאָרט ווויסן, און דאָס דאָזיקע געפיל איז געווען פאַרבונדן מיט דער שטאָט עמדין.

מיט יאָרן צוריק האָט ער שוין אַמאָל געהאַט פאַרבראַכט אין עמדין. ניט אַ פּאָר טעג, נאָר גאַנצע דריי יאָר.

זיין פאָטער איז דעמאָלט אַנטלאָפן פון אַמסטערדאַם צוליב אַ קריג מיט די דאָרטיקע פרנסים איבער דעם פאַלשן משיח שבתי־צבי. ער איז געלאָפן קיין לאָנדאָן. אויפן וועג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אין דער האַפן־שטאָט עמדין, פונוואַנען ער האָט געזאָלט נעמען אַ שיף קיין ענגלאַנד. דאָ איז אים אָבער זיין זון פאַרשלאַפט געוואָרן און עס איז געווען אַ סכנה אים מיטנעמען אויף דער ווייטער נסיעה, האָט ער דעריבער מסכים געווען אים איבער־צולאָזן אין עמדין ביי דער רייכער משפחה מעקלענבורג, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן עלטער פּאָר־פאָלק מיט אַן איין־און־איינציקער טאָכטער, חנהלע.

דער פאָטער פון דער משפחה, ר׳ יהונתן הלוי מעקלענבורג, אַ ייד קרוב צו זעכציק, מיט אַ ברייטער באָרד; זיין פרוי, אַ ציכטיקע, מיט אַ מאַמיש־שמייכלענדיקן בליק, און חנהלע, די איינציקע טאָכטער וואָס זיי

האָבן געהאַט — אַ הויך־וואוקסיקע, אַ שטראַלנדיקע, מיט טיף־שוואַרצע אויגן. איר גאַנצער גאַנג איז געווען אַזוי קוועקזילבערדיק, זינגענדיק.

אַ גאַנצע וואָך האָט זיך דער יונגער יעקב געהאַלטן פון דער זייט פון דער מיידל. ער האָט עפּעס מורא געהאַט פאַר איר אָפּנקייט, פאַר אירע שמייכלענדיקע בליקן און סיי־ווי — זיין וועלט האָט זיך געפונען אין בית־מדרש, פאַרזונקען אין די גמרות און מדרשים, אינעם אלפס און אין די ארבעה טורים.

אין שטוב האָט זיך זיין חדר געפונען אין שכנות מיט חנהלעס. אמת, די טיר איז געווען פאַרשטעלט, אין זיין צימער, מיט אַ ריזיקער שאַפע, פונדעסטוועגן איז איר געזאַנג אַהין אַריינגעדרונגען און איז געווען אין זיין אייגענעם צימער, אין זיין אייגענער נשמה, אין זיין אייגענעם בלוט.

אַ גאַנצע וואָך פלעגט ער אין הויז עפּעס פילן אַ פוסטקייט. די עלטערן, און אָפּט אויך חנהלע, האָבן זיך געפונען אין זייער גרויס ביר־געשעפט. בלויז שבת פלעגט די גאַנצע שטוב ליכטיקער ווערן, ליכטיקער און וואַרע־מער. ס׳איז געווען דאָס ליכט פון שבת־מלכתא, דער מטרוניתא. אמת, אויך אַ גאַנצע וואָך האָט איר זינגען צעמישט דעם פאַרדבקהטן בחורס געדאַנקען.

ניין, עס איז ניט געווען קיין „קול באשה ערוה״. נישט אָט די זיבעצן־יאָריקע שיינע און פריילעכע ייִדישע טאָכטער איז עס געווען אַזאַ „אשה״, און נישט צו איר האָט ער געקאָנט אָנווענדן אַזאַ מין שרעקלעך־זינדיקן באַגריף: „ערוה״. דאָס בחורל האָט זי פאַרגליכן גאָר מיט זון, מיט לבנה, אָדער גאָר מיט יענעם דערהייבענעם ציטער, וואָס ער האָט איבערגעלעבט ווען ער פלעגט אין אַ קאַלטן אויסגעשטערנטן שבת־פאַרטאָג אויפשטיין, כעלות השחר, אַוועקיאָגן אין בית־מדרש אַריין און זיך דאָרטן אַוועקשטעלן ביי אַ גמרא אָדער אַ טור יורה־דעה.

ווען ער פלעגט זי אַמאָל אָנטרעפן אויף די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט פון אונטערשטן זאַל אויבן, וואו זייערע שכנותדיקע צימערן האָבן זיך גע־פונען, האָט ער תמיד אַרונטערגעלאָזן די אויגן. און אַז זי האָט אים באַ־גריסט אָדער עפּעס ביי אים געפרעגט, איז ביי אים דווקא דעמאָלט עפּעס אָפּגענומען געוואָרן דאָס לשון. און יעדעס מאָל האָט ער דעמאָלט איבער־געלעבט דאָס זעלביקע געפיל: אָט־אָט, און ער קייקלט זיך אַרונטער און פאַלט אַרונטער פון אַלע טרעפּ... און, דוכט זיך, ער האָט דאָך שטענדיק אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט אָט־דעם בריענדיקן און שיינענדיקן ווען

אַליין אונטער פיר אויגן, ווייל ער האָט פּשוט ניט געקאָנט אויסהאַלטן פון אַט־יענעם פלי־געפיל, וואָס האָט אים אין די מינוטן פון דער באַגעגעניש גלייך באַהערשט. אָבער פאַרט, אַפּט איז זיי ביידן אויסגעקומען זיך טרעפן אַליין אויף די טרעפּ.

שבת ביים טיש איז ער געזעסן גלייך לעבן איר. זי האָט די גאַנצע צייט פונעם עסן געשיינט, געלאַכט, אַנגעפילט די שטוב מיט אַ זילבערנעם גלעקלדיקן געקלאַנג. אַפילו די זמירות געהאָלפן דעם טאַטן זינגען מיט אַזאַ וואונדערלעך קול: „יחבק לה בעלה, וביסודה דילה,״ — האָט זי זאַפטיק געגלעקלט, ניט פאַרשטייענדיק וואָס זי זינגט, אָדער אפשר האָט זי יאָ פאַרשטאַנען וואָס זי זינגט...

ביים טיש פלעגט זי זיך ווענדן צו אים:

— פאַרוואָס האָט איר ניט אויפגעגעסן אייער פלייש?

און זיין ענטפער איז אַלעמאָל עפּעס ווי דערשטיקט געוואָרן אין דער קעל, בלויז ער אַליין האָט אים געהערט...

— פאַרוואָס זינגט איר ניט קיין זמירות? פאַרוואָס זענט איר אַזוי שטיל?

— דרך־ארץ! — פלעגט דער טאַטע אָנשרייען אויף איר. — שווייג שוין!

אַזוי זיינען אַוועק עטלעכע חדשים. ביסלכעוויז האָט ער דערפילט אַ נאָענטקייט צו איר און ער פלעגט שוין ביים טיש ניט קווענקלען זיך אַמאָל ווענדן צו איר. פאַר אַלעמען אין די אויגן מעג מען דאָך!

עס איז געווען שבת־הגדול, און צו דער דרשה, וואָס ער האָט געהאַלטן אין בית־מדרש, — מיט דער הסכמה פון רבֿ, וועלכער איז קראַנק געווען, — איז זי שוין געקומען. זי האָט זיך פאַרקליבן אין דער ווייבערשער שול, פון דאָרטן דורך אַ פענצטערל אַרויסגעקוקט און נאָכדעם געוואָרט ביז ער איז אַרויסגעקומען.

געגאַנגען צוזאַמען אַהיים איז מען ניט, אָבער סיי־ווי האָט די לופט געשמעקט ווי דער איילבירט־ביימל פון שיר־השירים: „הנך יפה רעיתי, הנך יפה, עיניך יונים...״ *)

איינמאָל, נאָך פּסח, אין די ספירה־טעג. יעקב איז שוין דעמאָלט אַלט געווען זעכצן יאָר. ווען איז אַריינגעקומען צום רבֿ, האָט דער

*) ביסט שיין, מיין פריינדין, ביסט שיין. דיינע אויגן — טויבן.

רב אים אויפגענומען מיט אַזעלכע פאַרשנדיקע בליקן און נאָכדעם אָנגעהויבן רעדן טאַקע וועגן איר, וועגן חנהלען. ער האָט שטאַמלענדיק געשילדערט וואָס פאַר אַ גליק אַזאַ שידוך וועט זיין פאַר אים. „כלה שעיניה יפות, כל גופה אינה צריכה בדיקה... — האָט ער געזאָגט. — און אין שיינקייט איז דאָך ניטאָ קיין גלייכן צו איר אין גאַנץ מדינת אשכנז. און וואָס שייך נדן, איז דאָך ניט שייך. ר׳ יהונתן איז, קיין עין־הרע, אַן עושר, וועט מסתמא ווערן דער ראש־הקהל און איבער הונדערט יאָר איז דאָס ביר־געשעפט דיינס.

— רבי, איר גיט זיך דען אָפּ מיט שדכנות? — האָט ער געפרעגט.

— יעקבל, וואָס איז דאָ שייך צו רעדן וועגן שדכנות, — האָט דער גרויער רב אַ שמייכל געגעבן. — אַז מען שמועסט, אַז זי, די יפת־תואר אַליין, הערט גאָרניט אויף צו רעדן וועגן דעם מיט איר טאַטן, מיט איר מאַמען. היינט איז ר׳ יהונתן אַליין דאָ געווען, מען האָט געשמועסט, עס איז אַ פּאַסיקער שידוך. מן השמים, ממש...

ער האָט דעמאָלט אַראָפּגעלאָזן די אויגן און שטיל געענטפערט:

— וואָס ס׳איז שייך מיר, בין איך גרייט אויפן שידוך אפילו אָן נדן...

— אַוודאי, יעקבל, — זאָגט שוין דער רב אַ צעשטראַלטער. — אַ בפירושער פסוק: „ויעבוד ישראל באשה״... פאַר אַזאַ אשה לוינט זיך אַפילו צו דינען זיבן יאָר ביי לבנען...

— אָן דעם טאַטנס הסכמה קאָן דער שידוך ניט געשלאָסן ווערן, רבי, — זאָגט ער הכנעהדיק.

— אַוודאי, יעקבל, כבוד־אב...

מיט צוויי טעג שפּעטער, פאַר ל״ג בעומר, איז זיין טאַטע אָנגעקומען קיין עמדין.

אין דעם אויבערשטן חדר האָט דער טאַטע אַ גאַנצן אָוונט גערעדט מיטן זון וועגן יענע פאַרבאַרגענע ענינים, וואָס זיינען בבחינת „ליבא לפומיא לא גליא״.*) ער געדענקט ניט גענוי דעם שמועס, אָבער עפּעס איז אים געבליבן איינגעקריצט אין זכרון.

מיט אַ צעבראָכן קול האָט ער דעמאָלט געזאָגט דעם טאַטן: — צי ווייסט ער דען ניט, אַז אהבה איז זייער אַן ערנסטע זאַך, און אַז אַזאַ יפת־

---

*) דאָס האַרץ אַנטפּלעקט ניט פאַרן מויל.

תואר און אשת־חיל קומט צו אַ מענטשן בלויז איין און איינציקן מאָל אין לעבן...

אָבער דער טאַטע האָט זיך איינגעשפּאַרט: יחוס איז אַן עיקר אין דער משפּחה. פאַר אים, דעם „חכם צביס" זון, איז שוין אָנגעגרייט אַ זיווג אין אונגאַריש־בראָד, רחל, די טאָכטער פון ר' מרדכי הכהן, אַן אור־אור־אייניקל פון מהר"ל פון פּראָג. יעקב און רחל — עס איז מן השמים... „שקר החן והבל היופי"".*) וואָס האָט ער אים געקאָנט ענטפערן? כבוד־אב... איין זאַך געדענקט זיך אים:

די קומענדיקע עטלעכע נעכט, וואָס ער איז נאָך פאַרבליבן אין עמדין, האָט ער געהאַט אַזעלכע מאָדנע חלומות... איין חלום האָט ער דעמאָלט געזען. אַ גאַנדז וואָס שווימט אַוועק, און נאָך עפּעס האָט ער געזען אין שייכות מיט דער גאַנדז. און אויף מאָרגן, ווען ער איז אויפגעשטאַנען, האָט זיין האַרץ אַזוי געקלאַפּט. און ווען ער איז אַריינגעקומען אין בית־מדרש, האָט ער זיך גלייך גענומען צו דער מסכתא ברכות: „הרואה אוז בחלום . . . יצפה לחכמה." ערשט שפּעטער האָט ער פאַרשטאַנען די שייכות פון אָט־דער גאַנדז מיט זיין שמועס מיטן פאָטער וועגן חנהלען...

אין אַ וואָך אַרום איז ער אָפּגעפאָרן מיטן טאַטן קיין מעהריש־בראָד, וואָס די מעהרישע איינוואוינער האָבן גערופן בית־לחם.

שפּעטער, געדענקט ער, איז פאָרגעקומען די חתונה. דאָס ווייב איז געווען אַ שוואַרצע און אַ נידעריקע. זי האָט געהאַט עפּעס אַ געהיימניס־פולן אויסזען און ער האָט באַלד נאָך די „שבע־ברכות" אָנגעהויבן פילן אויף זיך איר שאַרפן מאָנענדיקן בליק. זי איז געווען פאַר אים ווי אַ ווייב־טערדיקע זון. זי האָט זיך באַצויגן גלייכגילטיק צו דעם וואָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע אין זיין וועזן, דער חלום און דער ווילן צו פאַרלאָזן איר טאַטנס הויז און ווערן זעלבסטשטענדיק. ער האָט טאַקע באַלד אויפגעהערט צו רעדן מיט איר וועגן זיינע פּלענער זיך צו לאָזן אויף ווייטע נסיעות און ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין זיינע ד' אמות און געשריבן אַ פּירוש אויף טור־אורח־חיים. ער האָט זיך אַזוי צוגעוואוינט צו זיין פולשטענדיקער איינזאַמקייט, אַז זיין כאַראַקטער איז דערפון געוואָרן האַרטער און שטאָלצער.

אין אַ יאָר אַרום איז אים געבוירן געוואָרן אַ צווילינג. די קינדער

---

*) חן איז ליגן און שיינקייט איז פּוסט.

האָבן אים אויך קיין פרייד ניט געבראַכט און אין שטוב איז אים געוואָרן אַלץ מער אומהיימלעך, ביז ער איז אין עטלעכע חדשים אַרום אַוועקגעפאָרן אויף אַ לאַנגער נסיעה. דריי יאָר האָט ער אַזוי אומגעוואַנדערט איבער דייטשלאַנד, עסטרייך־אונגאַרן. אין צווישן איז אים זיין פאָטער, וואָס איז דעמאָלט געווען רב אין לבוב, פוילן, געשטאָרבן, און ער האָט זיך איבער־געצויגן קיין פויליש־בראָד, וואו עס האָט געוואוינט זיין יינגערער ברודער ר׳ אפרים.

אין פוילן האָט ער לכתחילה אין זינען געהאַט צו בלייבן אויף אַ ווײַלע — כאָטש אפשר אויף אַ לענגערער ווײַלע ווי אין אַנדערע ווינקלען פון דער וועלט, וועלכע ער האָט דורכגערייזט.

ער האָט דאָך אַהין אַראָפּגעבראַכט זיין ווייב און זיינע פיר־יאָריקע קינדער מאיר און אסתר, און אַנגעהויבן חלומען וועגן בראָד ווי אַ שטענדיקן מקום־מנוחה.

צוויי וואָכן נאָך זיין באַזעצן זיך אין בראָד האָט אים אָבער זיין ברודער דערלאַנגט אַ כתב־רבנות פון דער שטאָט עמדין אין פריזלאַנד. און ער האָט איינגעוויליקט צו נעמען ביי זיין ברודער הונדערט און פופציק גולדן אויף הוצאות און פאָרן קיין דאַנציק, כדי פון דאָרטן מיטן ים דערגרייכן עמדין.

אין משך פון זיין נסיעה, האָט ער וועגן דער שטאָט, וואוהין ער פאָרט, ווייניק געהערט, ווי זיין האַרץ וואָלט אים געזאָגט, אַז לאַנג וועט ער זיך דאָרטן ניט האַלטן. שוין אויפן ים, ווען זיין ווייב איז צו אים צוגעשטאַנען איין מאָל און צוויי מאָל, ער זאָל אויסזאָגן דעם סוד פאַרוואָס עמדין איז אים ניט ניחא, האָט ער זי אָפּגעפּטרט מיט אַ מאַך מיט דער האַנט:

— עט, מען דאַרף ניט רעדן!

ער האָט נאָכדעם אָנגעהויבן קוקן גלייך אין הימל אַריין.

דער הימל האָט זיך געשפּרייט זייער קלאָר, סוף־זומערדיק, אָבער שוין מיט אַ ריח פון אָנהויב האַרבסט, און ר׳ יעקב האָט אַנגעהאַנגען זיינע בליקן אין אַ שמאָל זילבערנעם וואָלקנדל, וואָס איז אַרומגעשוואומען אין טיפן בלוי אין דער הייך. עס האָט אים אויסגעזען ווי אַ גענדזל, וואָס שווימט אין וואַסערדיקן בלוי, שווימט אַוועק אויף גיך, אַז מען קאָן עס ניט כאַפּן...

———————————————

די ערשטע וואָכן פון ר׳ יעקבס רבנות אין עמדין האָבן אים די באַלע־

באַטים אָנגעטאָן גרויס כבוד. אים געהויבן אין די אויגן פון די געציילטע לומדים אין שטאָט. ר׳ יעקב האָט זיך אָבער ניט איינגעלעבט מיט די לומדים און אויך ניט מיט די פּרנסים פון עמדין.

דאָס קנאות, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין טאַטן, האָט זיך אין אים גלייך אויפגעוועקט. צוליב זיין ניט קאָנען איינגיין אויף פּשרות, האָט ער זיך געשאַפן שונאים.

ווען דער אַלטער גבאי פון דער שול האָט אַמאָל אַ שבת אינדערפרי געוואָגט צו פּסקענען אַ דין אין זיין אָנוועזנהייט, איז ער אים אַזוי באַפאַלן, אַז דער שבת איז שוין געווען אַ פאַרשטערטער.

נאָך דער פּאַסירונג האָט זיך שוין ר׳ יעקב וויניק געטראָפן מיט די פּרנסים. ער איז גאַנצע טעג געזעסן אין בית־דין שטוב איבער אַ שטויס ספרים און געשריבן. אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז ער איז נישט קיין נח לבריות, אין זיין שרייבן האָבן מען געזען גדלנות.*) ער האָט זיך אָבער וויניק־וואָס געמאַכט פון זייערע רייד. ער אַליין האָט אויסגעקוקט אויף אַ געלעגנהייט צו פאַרלאָזן די שטאָט.

אין דער צייט וואָס ר׳ יעקב אַשכנזי איז אַראָפּגעקומען קיין עמדין, איז שוין די אַמאָליקע חנהלע מעקלענבורג געווען דאָס ווייב פון דעם נגיד לוי נאָרדען, אַ דימענטן־סוחר און אַ זון פון אַ פּרנס.

צו קריגן אַ רבנות איז אין יענע יאָרן געווען ניט פון די גרינגע זאַכן. צו דעם האָט מען באַדאַרפט האָבן אַ שווער אַ תקיף, אָן אָנשטיץ ביי די פּרנסים, אָדער אַ שווער אַ נגיד, וואָס קאָן באַצאָלן אַ קהלה. ר׳ יעקבן איז אָבער די רבנות אָנגעקומען גרינג. בייזע צינגער האָבן דערפאַר גע־רעדט, אַז דאָס האָט חנהלע געאַרבעט מעשים מען זאָל אים צוטראָגן ס׳רבנות׳ זי האָט אים ניט פאַרגעסן און געטראָגן איר ליבע אין האַרצן אַפילו נאָך איר חתונה.

ווי נאָר ר׳ יעקב האָט זיך באַזעצט אין עמדין, האָט חנהלע גלייך אָנ־געקניפּט אַ פריינטשאַפט מיט דער רביצין, און אַז עס האָט זיך געמאַכט אַז רחלע איז קראַנק געוואָרן, איז חנה נאָרדען שוין פון הויז ניט אַרויס, האָט געבראַכט רפואות און מתנות.

אין שטאָט האָט מען אויף דעם געקוקט פרעמד, אומפאַרשטענדלעך

*) גרויסהאַלטעריי.

און קרום. אַז ר׳ יעקב איז געוואָרן רב, האָט זיך די שטאָט געפרייט, מען האָט זיך געגרייסט מיט זיין יחוס, געקוויקט מיט זיינע דרשות.

ערשט דער רב האָט זיך גאָרניט געפירט ווי אַנדערע רבנים, האָט קיינעם פאַר זיך ניט געשטעלט, די פּרנסים אַריינגעזאָגט, געטריבן די נגידים פון זיך און אַלץ מער געלעבט אָפּגעזונדערט. טאָג און נאַכט געזעסן איבער כתבים און געשריבן אַ פּירוש אויף משניות. און אַז דער שמש האָט אים געבראַכט די חודשלעכע שכירות, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער נעמט אייביקע קצבה.

אויך דאָס ווייב, די רביצין, האָט אָנגעהויבן תרעומות האָבן אויף אים. אַזוי לאַנג געוואָרט דערויף, געמיינט אַז עס וועט קומען צו אַ רבנות, וועט זי אויפגעריכט ווערן, פירן אַ גרויסן שטאָט, ווי אַנדערע רבנים פירן! בחינם האָט זי אויסגעוואָרט דערויף. די ערשטע יאָרן נאָך דער חתונה זיך געפּלאָגט מיט צוויי קינדער, בשעת ער איז גאַנצע יאָרן אומגעפאָרן. זי האָט אויסגעוואָרט די מינוט, ווען איר יעקב, וואָס די וועלט האָט געקלונגען מיט אים, וועט קריגן אַ רבנות, לסוף מאַכט ער אַליין בידים אַ תל... טרייבט פון זיך די נגידים, די פּרנסים. דער עיקר רעדט ער קיין וואָרט ניט אויס מיט דעם נגיד לוי נאָרדען, און ער האָט דאָך אים ס׳רבנות געקראָגן...

אין יעקב אַשכנזין איז אָנגעגאַנגען אַ מלחמה, וואָס ער אַליין האָט נאָר געקאָנט ביינאַכט אויף זיין געלעגער אויסקעמפן אָן וועמעס עס איז הילף. זינט עס איז צו זיינע אויערן דערגאַנגען, אַז מען רעדט אין שטאָט וועגן חנה נאָרדענס צופיל איבערגעגעבנקייט צו אים, האָט ער גלייך געוואָלט פאַרלאָזן ס׳רבנות און אַוועק וואוהין די אויגן וועלן אים טראָגן. איז אים אָבער ס׳ווייב קראַנק געוואָרן און ער האָט געמוזט האָבן געלט אויף רפואות.

ער האָט זיך דערפאַר געהאַלטן אין איין פרעגן, אין איין פאָרוואָרפן: צי האָט ער ס׳רעכט אַלץ צו וואָרפן הינטער זיך, פון אַלעם אָפּצופּטרן זיך, אַבי זיך אַליין צו ראַטעווען? ער האָט ביז איצט געהאַט איין תירוץ פאַר אַלע קשיות און ספקות, וואָס זיינען געשטאַנען פאַר אים: — דער צוזאָג, וואָס ער האָט אַמאָל געגעבן זיין טאַטן, צו באַקעמפן אַלע צבועים און חונפים, וועגט איבער אַפילו די התחייבותן צו דער משפחה. אין עמדין וועט ער גאָרניט אויפטאָן, ערגעץ אַנדערש קאָן ער אויפדעקן די פאַרבאָרגענע שבתי־צביניקעס, וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר רבנים און ראשי־ישיבה.

צו זיינע אויערן איז דערגאַנגען, אַז אין פּראָג געפינט זיך איצט אַ ראש־ישיבה, וואָס איז אין זיינע יונגע יאָרן געווען איינער פון די „בני

הימנותא״. היינט איז ער אַ גאַנצער מפורסם, פירט אַ ישיבה און זיין נאָמען — יהונתן אייבשיצער — קלינגט איבער דער וועלט... אָט מיט דעם פאַר־שטעלטן האָט ער געוואָלט אָנהויבן אַ מלחמה, אַראָפּרייסן די פאַלשע מאַסקע פון אים, ווי זיין טאַטע האָט עס אַמאָל געטאָן צו נחמיה חיון אין אַמסטערדאַם. —

און ער האָט אַזוי לאַנג געאַרבעט אויף זיך, ביז ער איז דערגאַנגען צו דער מדרגה, אַז ער זאָל דערפילן אַ באַרעכטיקונג פאַר זיין פאַרלאָזן דעם מקום־פרנסה. דערצו איז צוגעקומען נאָך אַ סיבה, וואָס האָט אים געצוואונגען דורכפירן זיין באַשלוס:

וויפיל מאָל ביינאַכט זיינען צו אים געקומען שלעכטע געדאַנקען און ער האָט גאָר אָנגעהויבן בענקען נאָך חנהן, וואָס האָט אים און זיין משפחה געטאָן אַזויפיל גוטס... זי איז דאָך אָבער אַן אשת־איש, האָט ער געפּרואווט פאַרטרייבן דעם יצר־הרע און געקרעכצט ביינאַכט אויף זיין געלעגער, און אין דער רגע איז זיין האַרץ אָנגעפילט געוואָרן מיט רחמנות אויף זיין קראַנק ווייב, אויף זיינע קינדער, וועלכע ער האָט מיטאַמאָל זייער ליב באַקומען...

אַזוי האָט ער זיך געראַנגלט, ביז ער האָט געפונען אַ תחבולה קעגן יצר־הרע, און יענער האָט אים צורו געלאָזט. ער האָט זיך איבערגעגעבן אין די געטרייע הענט פון דער משנה.

די משנה־טרייסט

עס לערנט ר׳ יעקב זיין אייגענע משנה, לאמר, אַזוי צו זאָגן:

רבי יעקב אומר, המהלך בדרך ושונה ומפסיק ממשנתו — דער וואָס גייט אין וועג און לערנט און רייסט איבער זיין לערנען מיט די ווערטער: ווי שיין דער דאָזיקער בוים איז! — שטעלט זיין נשמה אין אַ טויטלעכער סכנה.

ביי ר׳ יעקבן אין שרייב־חדר. דאָס צימער איז באַשטעלט מיט הויכע אַלמערס ספרים. ביי דער מערב־וואַנט שטייט אַ טיש צוגעדעקט מיט אַ קאָלירטן טישטוך, אויסגעהאַפטן מיט קווייטן.

אַן אַלטע וואַזאַנע שטייט אין אַן ערדן־טאָפּ לעבן פענצטער און טריקנט זיך פון אומעט אין דער טונקל־בלויער לופט. ס׳פענצטער איז שטענדיק פאַרמאַכט און פאַרהאַנגען מיט אַ דיקן פאָרהאַנג, זעט די וואַזאַנע קיינמאָל ניט די זון.

אַנשטאָט דער זון, לויכטן איר אַ פּאָר לייכטער, פון וועלכע עס שטעקן אַרויס קורצע, ווייסע ליכט, וואָס ווערן אָנגעצונדן נאָכמיטאָג און ברענען ביז אויף מאָרגן.

קיינער פון דער משפּחה, וואָס קומען אַמאָל אַריין אין צימער, פאַר־האַלטן זיך דאָ נישט לאַנג, ווייל מען וויל ניט שטערן ר׳ יעקבן, וואָס זיצט שטענדיק אַ פאַרטיפטער אין ספרים און אַריבערגעבויגן איבער אָנגע־שריבענע בויגנס פּאַפּירן און זעט אויס ווי ער וואָלט ניט האָבן קיין שייכות צו דער גאַנצער הנהגה פון דער שטוב.

אָפט הייבט זיך ר׳ יעקב אויף, גייט־צו צום ספרים־אַלמער און קוקט אין זיינע גלעזערנע טירן.

אַ פּאָליצע איבער אַ פּאָליצע. יעדע, ווי אַ קלויז פאַר זיך. אויף איין פּאָליצע: אין שוואַרצע טאָוולען, איינס צוגעטוליעט צום אַנדערן, שטייען מיטן רוקן צום גלאָז הויכע, דאַרע גמרות, ווי אַלטע יידן, אויסגעשטעלטע ביי אַ וואַנט צו שמונה־עשרה.

אויף אַ צווייטער פּאָליצע בלאָזן זיך דיקע משניותן, רמב״מס און טורים מיט גאָלד־באַליישטע רוקנס.

אויף די גאָר־נידעריקע פּאָליצעס זיינען אָנגעוואָרפן קבלה־ספרים, אַז מען הערט, כמעט, פון דאָרטן אַ סוד׳ען זיך.

ווען ר׳ יעקב נעמט אַרויס אַ ספר און גייט צוריק פון ספרים־אַלמער, גיט ער אויף דער וואַזאַנע אַפילו נישט קיין קוק. אים דוכט זיך, אַז ער שפּרייזט איבער אַ בלומען־פעלד און די וואַזאַנע איז אַ בוים, וואָס ווער עס באַטראַכט אים שטעלט זיין לעבן אין סכנה.

ער ווייסט: ווען נשמה נאָגט פון בענקעניש און פון עלנטער ליבע און מען מוז מלחמה פירן מיטן חומר, איז דאָ איין עצה: די לעכצעניש, די תשוקה, באַהעפטן מיט דער משנה. משנה האָט די זעלביקע אותיות ווי נשמה. ער שרייבט זיין פירוש „לחם שמים" אויף משניות.

אַ תנא האָט געזען אַ האַנדלונג און זיך דערמאָנט אַ הלכה. ר׳ יעקב זעט אַ הלכה און דערמאָנט זיך אַ האַנדלונג. ער לערנט די זעקס סדרים פון דער משנה און זעט אין יעדן סדר שפּראָצנדיק לעבן און אין די אותיות — נשמות.

סדר זרעים: ער זעט דעם אָרעמאַן, וואָס שפּרייט אויס זיין קלייד איבער פאה פון פעלד, כדי זוכה צו זיין אַז דאָס שטיקל זאָל געהערן אים, און די אביונים, וואָס שלאָגן איינע די אַנדערע מיט די סערפּן צוליב לקט; און דעם כהן און דעם לוי, וואָס גייען פון שייער צו שייער נאָך תרומה, און דאָס פעלד, וואָס איז געפלעקט מיט געוויקסן; און דעם ווייַנשטאָק, וואָס הענגט פאַרפלאָכטן איבערן פייגנבוים; און די מילבן־לעכער אין אַ קאָרנפעלד, און אַ ווינט וואָס בלעטערט די ווייַנשטאָקן; דעם קלייבער פון פייכטע גראָזן און דעם צונויפשאַרער פון טרוקענע גראָזן און סקירדעס; און די קופּע ווייץ מיטן אייַנצלנעם קערנדל, וואָס באַפרייט עס פון מעשר; און דעם הירש, וואָס איז געקויפט מיטן געלט פון מעשר, און דאָס הינטישע טייג, וואָס די פּאַסטוכער עסן דערפון, און דער צייטיק־געוואָרענעם מיל־גרוים, וואָס איז צוגעבונדן צו אַ שטעקל, אַ סימן פאַר דער מנחה *) פון בכורים; די טויבן און די קערב, און נאָך און נאָך און נאָך.

סדר מועד: דער בוים, וואָס שטייט אינעווייניק אין רשות־היחיד און בויגט זיך אַריבער מיט די פירות צום דרויסן; די פרוי, וואָס גייט מיט איר צירונג אין רשות־הרבים אום שבת; דעם עירוב און די צוויי טויזנט מייל פון תחום.

---

*) געשאַנק.

סדר נשים: דאָס שטוביקע לעבן מיט יעדן האָר און פרט; די חופּה און דעם גט, די כתובה און די נערה המאורסה, די סוטה, און די יבמה.

און ווען ער קומט צום „סדר נזיקין" דוכט זיך אים ווי ער וואָלט זיך צוגעקוקט צום מאַרק, מיטן האַנדל־וואַנדל, טומל און האַרמידער. אָקסן שטויסן זיך, פאַלן אין גריבער; איינער צינדט אָן אַ פייער און קאָן עס ניט לעשן; פּעסער צעברעכן זיך און דער ווײַן רינט אַרויס.

סדר קדשים: דעם בית־המקדש אין זײַן פּראַכט, די עבודה פון קרבנות און די קדושה פון אַ בכור און די מנורה מיט די זיבן רערן, וואָס דער כהן־גדול צינדט.

סדר טהרות: דעם שיעור מקווה פון מ׳ סאה און דאָס עסן חולין בטהרה. — — —

די משנה רעדט צו אים מיט טויזנטער לשונות, וואָרנט אים און היט אים פון מחשבות זרות און פון זינד. — — — — — — — — — — — — — — —

— —

צפת אין יאָר תפ״ז (1527). אַן איינגעהויקערט קליין הײַזל מיט אַ נידעריקער סטעליע. אינעווייניק — איין חדר, אָן מעבל. בלויז אַן אָרון־קודש באַהאָנגען מיט אַ פּרוכת, אויף וועלכן עס איז אויסגעהאַפטן אַ גאָל־דענער מגן־דוד, און אַ טיש לעבן פענצטער. אויפן טיש איז פול מיט ספרים, מגילות און הויפנס־פּאַרמעטן. דורכן פענצטער פלייצט אַ ליכט, וואָס שפּריצט פונקען פייער אויפן פּרוכת.

ביים טיש זיצט ר׳ יוסף קארו, דער מחבר פון „בית יוסף" און „שולחן ערוך". אַ קליין־וואוקסיקער אַלטער מאַן אין אַ צעקנייטשטן זײַדענעם מלבוש. זײַן פּנים איז בלייך און דער ברייטער שטערן צעאַקערט פון מחשבה. זײַן שמאָלע באָרד איז פאַרדרייט ביים שפּיץ. דער זקן זיצט פאַר־טראַכט, זײַנע טיף־בלויע, כמעט קינדישע אויגן טריפן מיט אומעט און עס איז קאַנטיק, אַז ער איז מיד פון שרײַבן טאָג און נאַכט.

די טיר האָט זיך געעפנט און עס איז אַרײַן אַ הויכער מיטליעריקער ייד, שלאַנק ווי אַ צעדערבוים מיט אַ זון־פאַרברוינטן פּנים, אַ פעך־שוואַר־צער באָרד און פאַרחלומטע אויגן פון אַ מקובל.

דער אַלטער, וואָס האָט געהאַלטן אַ געענדזענע פעדער מיט פאַר־טריקנטער טינט, האָט זיך אויפגעשטעלט און אים אויסגעשטרעקט אַ האַנט.

— שלום־עליכם, ר׳ שלמה אלקביץ.

— עליכם־שלום, רבי! — און ביידע זיינען געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן. דער מידער זקן האָט אויסגעקוקט אַזוי קליין קעגן דער צעדער־בוים־געשטאַלט פון דעם אורח, אַז יענער האָט זיך פאַרשעמט, געוואָלט איינשרומפּן, קלענער ווערן.

אַ פּאָר רגעס האָבן זיי ביידע געשוויגן.

— זי איז היינט געווען ביי מיר. געווען נאָכן שיעור... — האָט זיך דער אַלטער אָנגערופן.

— ווער, רבי? — האָט ר׳ שלמה אַ פרעג געטאָן בלחש.

ר׳ יוסף האָט ניט געהערט און ווייטער גערעדט:

— זי האָט געוואַרט ביז איר אַלע זייט אַוועק און דעמאָלט האָט זי גענומען רעדן.

— ווער, ווער? — האָט שוין ר׳ שלמה געפרעגט העכער.

— די משנה! בעוונותינו הרבים שוין אַ צייט ניט זוכה געווען צו הערן איר הייליק קול. היינט האָב איך דערהערט דאָס זעלבע זיס און שטיל קול, וואָס האָט אַרויסגערעדט פון אונדז פאַראַיאָרן שבועות־ביינאַכט אין סאַלאָניקי.

ר׳ יוסף האָט גערעדט שטיל מיט אַ ציטערדיק קול, אַז אַ פחד האָט אויך אַרומגענומען ר׳ שלמהן.

— אַ צייט האָב איך זי גערופן. זיך ביי איר געבעטן: לאָז מיך זוכה זיין מקדש זיין דעם שם ווי „שלמה בחירי״ *), וואָס איז אויפן שייטער אויפגעגאַנגען ווי אַן עולה־תמימה. און זי האָט מיר געענטפערט, גערעדט בזה הלשון:

„ה׳ עמך, גבור החיל! איך, משנה, ווער דיין מגיד און בין דיר מגלה דעם סוד. דיין נשמה שטאַמט פון משנה, קוואַלט פון דינים און משפּטים. דו קענסט ניט זוכה זיין צום גורל פון „שלמה הקדוש״. דיין נשמה איז ניט פון יענעם היכל, וואָס ר׳ שלמהס און ווּעסט דערפאַר אויך ניט פאַלן אין נוקבא דתהומא.**) איז, זע, שייל זיך אויס פון קליפּה, פאַרברען די שלעכטע הרהורים ***) און מחשבות, וואָס ברענגען אין האַרצן דעם נחש. האַלט דיין

---

*) שלמה מולכו, דער מאַראַן, מקובל און משיח, וואָס איז פאַרברענט געוואָרן אין רוים, איז געווען אַ חבר פון ר׳ יוסף קאַרו.

**) די לאַך פונעם אָפּגרונט.

***) שלעכטע נאָטראַכטעניש.

הארץ אַנגעקניפּט אין זיווג ווי יעקב אין רחלס, און ווייטער זיי געוואָרנט. באַהעפט זיך נאָר מיט מיר, מיט משנה און מיט תורה.״ — — — — — — —
— —

ס׳האָט ר׳ יעקב דערפילט: אויך זיין נשמה שטאַמט פון משנה, איז דערפאַר זיין וועג — דער האַרטער וועג פון דער הלכה. נאָר זי וועט אים ראַטעווען פון נעץ פון שטן און פון סטרא דנוקבתא.*)

אַ גליקלעכער, וואָס ער געפינט זיך אין געטרייע מוטער־שטראָפנדיקע הענט, שפּאַצירט ער איבער די בייטן און די פעלדער פון דער משנה.

ווען ר׳ יעקב אַשכנזי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו פאַרלאָזן ס׳עמדינער רבנות, האָט ער געוואוסט, אַז קיין נייעם מקום וועט ער אַזוי לייכט ניט באַקומען.

ער האָט זיך אַליין געהאַלטן ראוי צו זיצן אויף דעם שענסטן רבנות־שטול. ווייל — האָט אים אַ מחשבה אונטערגעזאָגט — אין יחוס איז ניטאָ קיין צווייטער צו אים. סיי פון זיין פאָטערס צד, סיי פון דער מוטערס זייט שטאַמט ער פון די גרעסטע גאונים ביז רש״יין, און רש״י האָט געשטאַמט פון ר׳ יוחנן הסנדלר, און יוחנן הסנדלר פון דוד המלך.

חוץ דעם זיינען זיינע טיש־קעסטלעך געווען פול מיט כתבים. עס האָבן זיך דאָרטן געפונען תשובות וועגן פאַרפּלאָנטערטע ענינים אין הלכה, וואָס רבנים פון אשכנז האָבן ביי אים אָנגעפרעגט; זיין פירוש אויף אַלע סדרים משניות; חידושים און באַמערקונגען אויף טור־אורח־חיים; אַ ספר וועגן דקדוק און אַן אָנהויב פון אַ פירוש אויפן סידור.

וואָלטן די ספרים אָפּגעדרוקט געוואָרן, אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט, וואָלט די וועלט געוואויר־געוואָרן ס׳אַראַ גרויסן יורש דער גאון ר׳ הירש אַשכנזי האָט געלאָזן.

אָבער די וועלט איז אויך אַן „עלמא דשיקרא״ *) און צום שטול פון רבנות קאָן מען זיך דערשלאָגן נאָר דורך צוויי וועגן: אויב מ׳פאַרמאָגט שווערע מטבעות, אָדער מען האָט אַ ראש־הקהל פאַר אַ קרוב, און ער האָט ביידע זאַכן ניט. האָט ער טאַקע ביי זיך אָפּגעמאַכט מער קיין רבנות ניט זוכן.

---

*) פרויען־רייץ.

**) וועלט פון ליגן.

ר׳ יעקב האָט וואויל געוואוסט, אַז אַלע פּרנסים זיינען בורים און הדיוטים *), זיי ווערן באַשטימט בלויז צוליב זייער געלט. אין זיינע אויערן פלעגט קלינגען אַ חרוז **), וואָס מען האָט נאָך אַמאָל, ווען ער איז געווען אַ קינד, געזונגען אין אַלטונא:

דינר מתיר, דינר אוסר.
דינר קוצר, דינר בוצר.
דינר מעמיד פּרנס בור,
על הצבור.***)

אין די דריי קהלות האָט מען געקענט ר׳ יעקבן נאָך פון זיין קינדהייט אָן. דער גוטער נאָמען פון זיין זיידן, דעם ווינער חסיד ר׳ זלמן מירלש, האָט זיך נאָך געטראָגן אין די גאַסן פון אַלטונא, פון האַמבורג און וואַנדסבעק, ווי דופט פון אַ גוטןביימל. לעצטנס זיינע צו זיינע אויערן אויך דערגאַנגען שמועות, אַז דער אַלטער אב בית־דין פון די קהלות, ר׳ יחזקאל קאַצענעלנבויגן, איז ניט מרוצה לקהל, דאָס הייסט, אַז ניט אַלע האַלטן פון אים. ער האָט אין דעם געזען אַ צייכן פון הימל, ער זאָל וואָס גיכער קומען קיין אַלטונא.

יענע נאַכט, ווען ער האָט לאַנג געטראַכט וועגן דעם, אַז „אים פּאַסט צו זיצן אויפן כסא־הרבנות פון די גרעסטע קהלות״, איז ער געקומען צום אויספיר, אַז ער האָט אַ חזקה אויף דער רבנות פון די „דריי קהלות״. ער איז דער דריטער דור אין האַמבורג און דריי מאָל איז חזקה. ער קאָן עס אויפּווייזן מיטן דין...

עס איז שוין געווען ווינטער ווען ר׳ יעקב מיט זיין קליינער משפחה האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ ברייטן קאַטש און זיך געלאָזט צום האַפן, פונוואַנען ער האָט געדאַרפט מיטן ים אָפּפאָרן קיין האַמבורג.

שווער־ איינגעטראָטענע, ערטערווייז קויטיקע שנייען האָבן די ערד איינגעדעקט. אויף די סטעפּעס אַרום האָט זיך אַ גרויער נעפּל געשפּרייט און איינגעפּרוירענעביימער האָבן זיך מיט דער גאַנצער שווערקייט געצויגן צו דער ערד.

---

*) לוידיקע און פּראָסטע.

**) אַ גראַם.

***) דער גולדן איז מתיר און דער גולדן אסר׳ט; דער גולדן שנײדט און דער גולדן רייסט; דער גולדן באַשטימט אַ פּרנס, אַ בור, איבערן פאָלק...

ר׳ יעקב, אָנגעפּעלצט אין אַ ווייכן געלן פוטער, איז געזעסן אין דעם ברייטן קאָטש, געקוקט אויף די פאַרבייפליענדיקע שטיבער. די שול, דער מאַרק, להבדיל דער מרחץ און לוי נאַרדענס דימענט־געשעפט — אַלץ האָט אים געקלעמט מיט היים־ווײ, מיט געזעגעניש.

אין עמדינער צאָל־אַמט האָט ר׳ יעקב אַרויסגענומען אַ דין העפטל, זיין טאָגבוך, און דאָרט אַריינגעשריבן מיט גערדיכטע אותיותלעך: „ווען די השגחה האָט געוואָלט איך זאָל זיין דער רב פון עמדין, האָט זיך דאָרט געפונען אַ פרוי, אַ יפת־תואר, וואָס צו איר שיינקייט און חכמה איז קיין גלייכן ניט געווען אין גאַנץ מדינת אַשכנז. זי האָט אַמאָל געזאָלט זיין מיין כלה . . . און האָט מיר אַרויסגעוויזן גרויס חסד. אויף איר פּנים איז ניט געווען צו דערקענען, אַז זי איז ברוגז ווייל איך בין ניט געוואָרן דער מאַן פון איר יוגנט, האָב כמעט ווי אָפּגעלאָזט אַ שידוך. דער חסד פון איר יוגנט האָט זיך ניט אָפּגעטאָן פון איר. זי האָט פאַר מיר דאָס רבנות באַקומען, זי פלעגט יעדן טאָג קומען צו מיין הויזגעזינד און אירע הענט — פול מיט מתנות. געדענק עס איר, גאָט, צום גוטן.״ — אונטער די ווערטער האָט ער צעזייט נאָך עטלעכע שורהלעך מיט דינע אותיותלעך, וואָס האָבן זיך געלייענט:

„און גאָט האָט געזאָגט צו יעקבן, קער זיך אום אין דיין לאַנד און אין דיין געבורט־שטאָט און איך וועל זיין מיט דיר...״

„היינט, כ״ט טבת תצ״ג, האָב איך פאַרלאָזן ס׳רבנות אין עמדין. איך בין מיד פון רבנות, וואָס באַגראָבט איר האַר.״

„ברוך אתה . . . שלא עשני אב״ד.״ *)

*) עבד און אב״ד — אַ וואָרט־שפּיל לויט דער תפילה: שלא עשני עבד.



די דריי קהלות

די אידישע געמיינדע פון דער גרויסער פריי־שטאָט האַמבורג, וואָס אויפן טייך עלבע און צפון־ים, איז געווען אַ טייל פון דער קהלה אין אַלטונא.

כאָטש האַמבורג איז געווען שענער און גרעסער פון די שכנותדיקע האָלשטיינער פּראָווינץ־שטעט: אַלטונא, וואַנדזבעק, גליקשטאַט און אַנ־דערע, איז זי דאָך ניט געווען דאָס האַרץ פון די יידישע ישובים. די קרוין פון די קהלות איז געווען אַלטונא.

אין אַלטונא האָט זיך געפונען דאָס קהל־הויז, פונוואַנען דער ראש־הקהל און די פּרנסים האָבן רעגירט איבער אַלע דריי ישובים.

פאַראייניקט די יידן פון אַלטונא מיט די יידן פון האַמבורג האָט די בירזשע, דער געלט־מאַרק אין האַמבורג, און להבדיל, די אַלטע גרויסע שול, וואָס האָט זיך געפונען אין אַלטונא.

מיט דער ברוקירטער גאַס, וואָס האָט פאַרקירצט דעם וועג פון די שכנותדיקע שטעט, וועלכע האָבן געהערט צו דער מלוכה פון דענעמאַרק, צו דער געמויערטער, הויך־שטאָקיקער האַמבורג, פלעגן יעדן פרימאָרגן אָנקומען קיין האַמבורג די ריביתניקעס *), וואָכער־נעמער און געלט־אויס־בייטער פון אַלטונא. זיי פלעגן אָנפילן די זייטיקע איינגעשלאָפענע, ענגע פאַרבויטע גאַסן.

אין יידישן תחום פון האַמבורג האָבן געוואוינט געציילטע באַלמעלאָכעס, קליינע סוחרים און אָרעמע מעקלער, וואָס פלעגן זיך דרייען אַרום די רייכע „שולחנים" **), די געלט־אויסבייטער און פראַצענטניקער פון אַלטונא.

די ראשי־קהל און פּרנסים ***) האָבן זיך ניט געפילט גאָר געהויבן אין האַמבורג. זיי האָבן עפּעס ווי מורא געהאַט פאַר די האַמבורגער, כאָטש יענע זיינען געווען אונטערטעניק דער אַלטונער קהלה און האָבן אויס־געפאָלגט אַלץ וואָס די ראשי־קהל האָבן געהייסן.

די האַמבורגער האָבן געוואוסט, אַז אין אַלטונא קען מען יעדן איינעם;

---

*) פּראָצענטניקעס.

**) טישלער.

***) ראַטגעבער.

מען ווייסט ווער ס׳האט „חזקת הקהלה״*) ; ווער ס׳צאָלט שטייערן און ווער ס׳איז אָנגעזען אין קהל.

כאָטש די פריי־שטאָט האָט געהאַט אייגן לאַנד־געלט, האָבן זיך די פאַרמעגלעכערע יידישע איינוואוינער דאָך באַנוצט מיט „יידיש געלט״, דאָס זיינען געווען צעטלעך, געשריבן אין לשון־קודש און אין יידיש־טייטש, וואָס די אַלטונער האָבן געחתמעט מיט אַ שטעמפּל פון ראש־הקהל און דאָס געלט האָט פאַרטראָטן דענישע קראָנען און מאַרקן.

יעדן פרימאָרגן, ווען אַ נייע זון האָט זיך געריסן צום אויפגאַנג פון יענער זייט טייך עלבע, פלעגן די אַלטונער נגידים, אָנגעטאָן זומער אין געהאַקטע לאַנגע סורדוטן און ווינטער אין טכוירענע פעלצן, אַראָפּקומען אין האַמבורג, זיך זאַמלען אין רעדלעך און פירן געשעפטלעכע שמועסן.

פון די אַלט־געמויערטע האַמבורגער קראָמען, קאָנטאָרן, פלעגן אַרויס־לויפן די משרתים, מעקלער, צוקומען צו די באַלעבאַטים, חנפענען די רייכע און רעדן וועגן וועקסלען, אָנזעצן און ריבית.

און די קליינע האַמבורגער סוחרים, וואָס זיינען שטענדיק אַרומ־געגאַנגען פאַרזאָרגטע און מיט קאָפּ־דרייעניש וועגן צאָלן שטרות צו די רייכע בעלי־הלוואות, צינזן און וואָכן־געלט, פלעגן אָנקומען פאַרצרהטע און פאַראומערטע און זיך געפיניקט ביי די געלט־קראָמען.

אַזוי אַ גאַנצע וואָך, ביז שבת.

אין די וואָכעדיקע טעג האָט דער מאַרק דערמאָנט, אַז דאָס יידישע האַמבורג איז אַ טייל פון אַלטונא. שבת — די שול.

כאָטש אין האַמבורג זיינען אויך געווען געגנוג בתי־מדרשים און מנינים אויף אייבערשטע שטאָקן און אונטערשטע. שולן מיט קויטיקע, לאַנג ניט־געוואַשענע און ניט־אויסגעווישטע פענצטער ; שולן, אין וועלכע עס האָבן געדאַוונט הענדלער, מעקלער, כלי־קודש און אַנדערע, וואָס פלעגן זיך אַהין אַפּט אַריינכאַפּן פון מסחרשן טומל, כדי זיך אָנצואָטעמען מיט דער הייליקער באַרואיקנדיקער לופט ; כאָטש דאָרט זיינען געווען בתי־מדרשים, וואו יונגע לערנער פלעגן זיך פּלפּולען אין לערנען און אויסזינגען זייערע בענקענדיקע גמרא־ניגונים — כאָטש די שטאָט האָט, ווי געזאָגט, פאַרמאָגט געגנוג שולן, זיינען אָבער די שולן געווען וואָכעדיקע, דאָס הייסט, זיי האָבן

*) איינגעקויפטע רעכט צו וואוינען אין האַמבורג, דורך דער אויטאָ־נאָמיע וואָס אַלטונא האָט באַקומען לויט אַן אָפּמאַך מיט די דייטשע און דענישע מלוכות.

אויסגעזען חולינדיק אַנטקעגן דער אַלטער גרויסער שול פון אַלטונא, וואו גאַנצע יאָרהונדערטער האָבן דאָרט געלאָזן זייער אָטעם.

די שולן פון האַמבורג זיינען געווען וואָכעדיק, ווייל פרייטיק־צונאַכטן און שבתים אינדערפרי פלעגן די חשובסטע און איידלסטע באַלעבאַטים און אויך די כלי־קודש, סופרים, שוחטים און מלמדים גיין דאַווענען אין דער אַלטונער שול. זיי פלעגן אויך ביי באַזונדערע געלעגנהייטן אַהין גיין הערן די דרשה פון דעם אב״ד *) פון די דריי קהלות.

דער וועג צו דער שול איז שוין געווען אַן אויסגעטראָטענער פון דורות.

די שול אַליין. אַ הויכער אַלטער געמויערטער בנין מיט קאָלירטע פענצטער און אַ הויכן קופּאָל, האָט זיך געהויבן איבער די הייזער פון אַלטונא אַזוי, אַז יעדער איינער וואָס האָט די שול אָנגעקוקט האָט געמוזט דורכגענומען ווערן פון אַ הייליקן ציטער און דערפילן, אַז פון אַלע גאָטס־הייזער איז זי העכער און הייליקער.

אינעווייניק, אין שול אַליין, אונטער דעם הויך־רוימיקן געוועלב, האָט געהויערט אַ הייליקע פּאָרכט. די בימה, צו וועלכער מ׳איז אַרויפגעגאַנגען מיט הויכע טרעפּ, איז געווען אַרומגעצוימט מיט אייזערנע שטאַכעטן און איז געווען פּונקט אונטערן הויכן קופּאָל, פון וועלכן עס איז אַראָפּגעהאַנגען אויף קייטן אַ זיבן־רערנדיקער קרישטאָלענער הענג־לייכטער, וואָס איז שבת און יום־טוב אָנגעצונדן געוואָרן.

אויפן באַלעמער פלעגט דער רב האַלטן זיינע דרשות שבת־הגדול, שבת־תשובה און ביי באַזונדערע געלעגנהייטן. פון באַלעמער פלעגט מען אויך, ווען מען האָט געדאַרפט, אויסרופן חרם, און גאָר זעלטן אויך אויס־רופן נייע תקנות פון קהל און פון דענישן קייסער.

אַנטקעגן דער בימה — די מזרח־וואַנט. דאָרט איז געשטאַנען איינ־געמויערט דער הויכער, פיין־געשניצטער באַגילדטער אָרון־קודש, באַהאַנ־גען מיט אַ ריזיקן בלוי־סאַמעט אויסגעשטריקטן פּרוכת און איבערן פּרוכת צוויי באַגילדטע כרובים, וואָס האָבן געשוועבט מיט די פליגלען און געוואַכט איבער אַ גאָלדענעם שם־הויה.

פון ביידע זייטן אָרון־קודש — שורות מיט גרין־אויסגעבעטע שטולן פאַרן רב און די פּרנסים.

אָנהויב חודש שבט האָט זיך דער האַנדלס־טומל פון געלט־בייטן, פון

---

*) אב״ד — טאַטע פון בית־דין, רב.

די שולחנים, אַביסל אַ שטעל־אָפּ געטאָן, איז שטילער געוואָרן, געבליבן ווי הענגען אין דער לופטן.

דייטשלאַנד האָט יענעם יאָר, תצ״ג (1733), געפייערט דעם עסטרייכישן זיג איבער פראַנקרייך און באַפוילן מען זאָל אויף עטלעכע טעג אָפּשטעלן דעם מסחר.

אויף דער מסחר־גאַס, וואו די בערזע האָט זיך געפונען, איז איצטער געווען רואיקער ווי געוויינלעך.

די אָנגעזעענע „שולחנים״ און ריבית־אויפמאָנער זיינען געזעסן אין אַ גרויסן ליכטיקן פאָדער־צימער פון יחיאלכי וואָלפס קראָם, מיט אַן אָפענער טיר צו דער גאַס און געשמועסט.

ניטאָ וואָס צו טאָן, האָבן זיי נאָכגעקוקט פאַרביישפּאַצירנדיקע דענישע פרויען, אַזעלכע דיקע, אויסגעפּאַשעטע, אָנגעטאָנענע אין פוטערמאַנטלען און ברייטע היט.

— פעטע גענדז קומען צונויף אויף שבת, — האָט זיך אָנגערופן דער פריילעכער און זאָרגלאָזער פּראָצענטניק יעקב ראָטשילד, אַ הויכער און גראָבער פּרנס.

— פון אַזאַ גאַנדז ווערט וואָרעם אין דער גרעסטער קעלט... — ענטפערט דער הויכער יוזפאַ האַלענדער און ווינקט אויפן חשבון פון אַ דיקער גויה מיט אַן אייגל צו די זיצנדיקע.

אַז דאָס בינטל ווייבער איז דורכגעגאַנגען, האָבן זיי אָנגעהויבן אָפּחוזקן פון יענע קליינע מעקלער, וואָס וואַרטן שוין אומגעדולדיק, אַז דער האַנדל זאָל זיך צוריק אַ „ריר״ טאָן.

אינדרויסן פאַר דער קאַנטאָר, אויף דער ביז־איצט שטענדיק באַלעבּטער גאַס, זיינען מעקלער, וואַכער־צאָלער, אַרומגעקראָכן פאַרגענעצטע, קוים זיך רירנדיקע, ווי פליגן אין האַרבסט.

פון ערגעץ איז אָנגעלאָפן דער מעקלער און למדן יוסף פּרעגער. אַ דאַרער, אַ קורצער ,אַן אויסגעצויגענער ווי אַ לולב, מיט אַן אויסגעווייקטן פּנים, אַרומגעזוימט מיט אַ קיילעכדיק שוואַרץ בערדל און אַ פאַרעקשנטן שטערן אונטער אַ האַרטן קאַפּעליוש.

— ר׳ יוסף, וואוהין איז די איילעניש? — האָט אַרויסגעשריען דער דיקער ראש־הקהל פון די דריי קהלות, יחיאלכי וואָלף, אַ ייד מיט אַן אָנגעגאָסענעם פּנים און אַ ברייטער בלאָנדער באָרד.

— צום שיף, ר׳ יחיאלכי. אַ גרויסער גאַסט קומט היינט אָן. מיין רבי

פון עמדין, ר׳ יעקב, דער זון פון דעם גאון ר׳ הירש אשכנזי. אַ לייב גייט אויף פון בבל, — האָט ער פאַרענדיקט מיט אַ גמרא־ניגון.

— אַ לייב? — האָט יחיאלכי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און אָנ־געשטעלט אַ מינע ווי די זאַך גייט אים גאָרניט אָן.

אין גרויסן צאַל־אַמט הויז אויפן ברעג ים איז געשטאַנען אַ טומל. פאַסאַזשירן האָבן געאײַלט מיט זייערע פעקלעך און זעקלעך. כאָטש אינ־דרויסן איז געווען קאַלט, איז דאָ אינעווייניק די לופט געהאַנגען אַ געדיכטע, אַ צעפּאַרעטע.

יוסף פרעגער האָט דערזען די הויכע פיגור פון ר׳ יעקבן, זײַן לענגלעך אויסגעאיידלט פנים און די גרויסע ברוינלעכע אויגן.

— געבענטשט איז אײַער קומען, מורי ורבי! — האָט ער ציטערדיק אויסגערופן, און אים אויסגעשטרעקט זײַן בלייכע למדנישע האַנט.

— עליכם־שלום, יוסף! — האָט ר׳ יעקב געענטפערט און זײַן לאַנגע, גרוי־בלאָנדלעכע באָרד האָט זיך געשאָקלט, און דאָס האָט אים געמאַכט אויסזען נאָך בכבודיקער, יחוסדיקער אין די אויגן פון תלמיד.

יוספן האָט געצויגן צום רבין. ער האָט זיך געשאַרט אַרום ר׳ יעקבן, זיך געקלעפּט צו אים מיט זײַנע גליענדיקע אויגן.

אויפן וועג צו דער אכסניה האָט זיך יוסף דער מעקלער געקלאָגט:

— כל ימי געלערנט. דער טאַטע ז״ל איז געווען רב אין ברעסלוי. איצט איז דער שווער פאַראַרעמט געוואָרן. בין אַראָפּ פון קעסט. מעקלער איך. נישט די וועלט, נישט יענע וועלט, סתם געדרייט זיך.

ער האָט זיך אַראָפּגערעדט פון הארצן. אַרײַנגעקוקט דעם רבין אין די אויגן, ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַן ענטפער — אַ קלייניקייט, ר׳ יעקב עמדינער! דער מחבר פון „לחם שמים“.

ר׳ יעקב האָט פאַרמאַכט די אויגן, זײַן שטערן איז געוואָרן העכער, ברייטער, געדרייט אַ גרויע האָר, וואָס אויפן שפּיץ באָרד, און מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט:

— וואַרף אָוועק די בירזשע. לערן בעסער תורה. שרײַב חידושים.

דער בלייכער פנים פון מעקלער האָט זיך אויסגעצויגן, ער האָט גע־פילט, אַז ר׳ יעקב האָט אים צוגעטראָפן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך געפּראַוועט דינגען:

— איך האָב אַ ווײַב מיט צוויי קליינע קינדער, — מיט וואָס לעבט מען?

— און איך פרעג, — האָט שוין ר׳ יעקב געזאָגט העכער, — מיט וואָס שטאַרבט מען? פאַרשטייסט, יוסף, מיט וואָס שטאַרבט מען?...

ר׳ יעקב האָט נאָך פעסטער פאַרקלעמט די אויגן, זיך טיפער פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט די שאלה זיך אַליין געשטעלט און געזוכט אַן ענטפער:

— מיט וואָס שטאַרבט מען?

דער מעקלער האָט אַ פאַרלאָרענער, אַ דערשראָקענער, זיך געשאָקלט און געחזרט:

— טאַקע, מיט וואָס שטאַרבט מען?

— זאָרג זיך ניט, — האָט זיך ר׳ יעקב אויפגעוועקט און געטרייסט זיין געוועזענעם תלמיד — איך וועל זיך נאָר באַזעצן אין האַמבורג. עס וועט שוין אַלץ רעכט ווערן!

אין דער אכסניה, ביי אַ הייסן גלאָז טיי, האָט אים ר׳ יעקב קורץ מיטגעטיילט:

— דער טאַטע ז״ל האָט געהאַט עטלעכע זין. זיי האָבן זיך אַלע אָפּגעגעבן מיט מסחר. צוויי האָבן זיך שפּעטער באַזינט, אַז מסחר איז קיין תכלית ניט, האָבן זיי געוואָרפן דעם האַנדל און זיך גענומען צו רבנות. איינער האָט מצליח געווען, דער צווייטער ניט...

אויף מאָרגן איז יוסף פרעגער ווידער געשטאַנען פאַר ר׳ יעקבן. דאָס ברייטע בערדל צעטומלט, דער שטערן צעקנייטשט, ווי ער וואָלט ניט אויסגעהאַלטן די שווערע ספקות, און אין עטלעכע פלעצער געפּלאַצט...

— רבי, וואָס איז דער וועג אין עבודת־הבורא?

— העכער איז צו זיין אַ איש מדיני, אַ מענטש פון חברה, אָבער על־פּי נויט מוזן מיר זיין אָפּגעזונדערטע.

— פּרושים?

— יאָ, פּרושים, וואָס באַקעמפן צבועים...*)

---

*) היפּאָקריטן.

די ערשטע באַגעגעניש

בלויז צען טעג זיינען אַוועק, און ס׳זיינען פון אַלטונא, די שטאָט וואָס ליגט איבערן טייך עלבע און גלאַנצט אַהער מיט אירע טורמעס און דעכער, די שטאָט פון די ריביתניקעס — געקומען די פּרנסים מיטן ראש־הקהל.

זיצנדיק אַזוי קעגנאיבער ר׳ יעקבן אין מיטן שמועסן און דערמאָנענדיק זכרונות וועגן זיין זיידן און טאַטן, האָט דער ראש־הקהל אויף אים אָנ־געשטעלט זיין רויט פּנים, אַריינגעראָמט אין אַ בלאָנדער באָרד, זיינע אומ־רואיקע אומאַבשטימט־קאָלירנדיקע אויגן ,און אַ פּרעג געטאָן מיט וואָס דער נייער איינוואוינער פון זייער קהלה וויל זיך פאַרנעמען — וואָס זיין עבודה וועט דאָ זיין?

ר׳ יעקב האָט נישט גלייך געענטפערט, איז אַ ווייל געזעסן אין פאַר־לעגנהייט, אַן אומבאַקוועמער שמייכל ווי אַ שאָטן, האָט גערוט אויף זיין קליינעם מויל, און זיין לענגלעך פּנים מיט דער לאַנגער נאָז, און די ברוינע ליכטיקע אויגן, האָבן אויך געהאַט אויף זיך שפּריצלעך פון דעם אומ־באַקוועמען שמייכל, און ער האָט די ערשטע רגע ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן דעם פעטן ראש־הקהל.

און טאַקע! וואָס? זאָל ער נעמען אויף דער מינוט אַריינקנעלן מיט דעם גראָבן קהלה־פירער, אַז ער — דער פערציק־יאָריקער אַשכנזי — איז אַהער געקומען אין לאַנד פון זיינע עלטערן, פאַרצוזעצן די קייט פון דער אַלטער יחוסדיקער, מיט תורה און קנאות שטאַרק באַרימטער משפּחה? און אַז ער, דער עלטסטער צווייג פון אַט דעם שטאַם־בוים האָט אַ חזקה אויף דער קהלה? האַ! זאָל ער אים דאָס דערציילן? ער וועט עס דען פאַרשטיין?

און אפשר אים דערציילן, אַז שוין מיט אַ יאָר צוריק האָט ער באַשלאָסן צו פאַרלאָזן זיין רבנות אין דער שטאָט עמדין, ווייל . . . נו, ווייל דאָרטן האָט ער אַמאָל אָפּגעלאָזט אַ שידוך?...

אָבער צי קען ער דאָס זיי דערציילן? ניין! — האָט ער אין זיך באַ־שלאָסן. — דער דאָזיקער תקיפותדיקער ראש־הקהל וועט נאָך מיינען, אַז ער האָט פאַר זיך אַ מענטשן, וואָס רעדט ניט צו דער זאַך, און ער וועט אים קיין חזקת־הקהל ניט געבן.

דערווייל אָבער, איידער ר׳ יעקב איז מיט זיך פאַרטיק געוואָרן וואָס צו

ענטפערן, האָט אַן אַנדער פּרנס, אַ הויכער מיט אַ שפּיציקער גאָמבע, אַ פּרעפּל געטאָן צו באַפּעסטיקן דעם ראש־הקהלס פרעג:

— געוויס, מיר ווילן דאָך וויסן פון וואָס איר וועט זיך מפרנס זיין, צי וועט איר ניט זיין אַ לאַסט אויפן ציבור?

אויב שוין יאָ אַזוי, האָט ר׳ יעקב ווי עס איז זיך אַרויסגעפּלאַנטערט. ער האָט זיי דערציילט, אַז ער האָט אין זינען איינצואָרדענען אַ דרוק און קויפן אַ הויז. קיין אומזיסטע מתנות זוכט ער ניט...

— יאָ, אַזוי איז פאַרשטענדלעך, — איז דער, מיט דער שפּיציקער גאָמבע, מסכים מיט אַ מער־רואיק קול.

דער ראש־הקהל שווייגט אַ מינוט און וויל באַלד שוין עפּעס אַנדערש וויסן:

— ווי אַזוי רופט ער זיך, דאָס הייסט אונטער וואָס פאַר אַ נאָמען וועט ער זיך פאַרשרייבן אין די קהלה־ביכער?

— יעקב אַשכנזי!

— אַשכנזי, יאָ, דאָס ווייסט ער. זיינע עלטערן האָבן דאָך אַזוי געהייסן. אָבער פאַרוואָס זיך ניט רופן אויפן נאָמען פון דער שטאָט, פונוואַנען ער קומט, מען זאָל וויסן אַז ער איז דאָרטן געווען רב.

ר׳ יעקב האָט צו זיך אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט מיט אַ געמאַכטער געלאַסנקייט:

— אין עמדין בין איך ניט געבוירן געוואָרן און האָף די שטאָט מער ניט אָנקוקן.

די פּרנסים זיינען באַך אַביסל געזעסן און געשמועסט מיטן שטאָלצן אַשכנזי, אויף וועמענס ברייטן שטערן עס האָט גערוט לעבנס־חכמה און אומעט, און דערנאָך זיך אויפגעהויבן און אים קאָלט צוגעוואונטשן, אַז זיין קומען זאָל זיין מיט פרידן, און אים צוגעזאָגט „חזקת־הקהל״.

אַזוי האָט זיך ר׳ יעקב אַשכנזי, דער עלטסטער צווייג פון דער יחוס־דיקער משפּחה, באַזעצט אין דער גרויסער שטאָט האַמבורג, וואָס האָט געהערט צו אַלטונאַ.

ירושלים ביי דער עלבע

די ערשטע טעג נאָך זיין אָנקומען קיין אַלטונא האָט ר׳ יעקב געפילט ווי די גאַנצע לופט איז פול מיט צוזאָגן און ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז אַלע זיינע האָפענונגען זיינען לייכט צו דערגרייכן. גאָר אין גיכן איז געקומען די ערשטע אַנטוישונג.

דאָס הויז וואו ר׳ יעקב האָט געוואוינט די ערשטע צייט פון זיין באַזעצן זיך אין האַמבורג איז געווען לאַנג און שמאָל. צוויי־גאָרנדיקע מויערן האָבן די הויז אַרומגערינגלט פון דריי זייטן און עס געדריקט מיט זייערע ווענט.

ר׳ יעקב האָט זיך געקלעמט פון דער ענגשאַפט אין זיין הויז. דערצו האָט ער גלייך פיינט באַקומען די פרנסים און דעם ראש־הקהל. כאָטש ער איז ניט געגאַנגען צו זייערע אסיפות און בכלל זיך וויינִיק געטראָפן מיט זיי, האָט ער אָבער גוט געוואוסט, אַז זיי דריקן די קליינע סוחרים פון האַמבורג מיט שווערע ציגזן, זיי נעמען פּראָצענט נאָך מער ווי דער דין פון היתר־עיסקא *) דערלויבט און האַלטן אין איין אָפּשפּעטן פון די מעקלער, וועלכע זיינען דווקא תלמידי־חכמים.

ר׳ יעקב האָט אויך געליטן פון דעם וואָס ער דאַרף דאַווענען אין ספרדישן מנין, אין הויז פון דעם ספרדישן חכם ר׳ משה חגיז, אַזש אין וואַנדזבעק, אַ מהלך פון אַ תחום־שבת פון זיין הויז.

ער האָט ניט ליב געהאַט צו גיין איבער די גאַסן, וואו עס איז שטענדיק אָנגעגאַנגען אַ האָוועניש, אַ יאָגעניש, אַ שטופּעניש און געפּילדער.

דאָך איז ער יעדן פרימאָרגן געגאַנגען צום ספרדישן מנין. ער פלעגט גיין פרי, איידער נאָך די קראָמען האָבן זיך געעפנט. כאָטש ער איז שוין ניט געווען אַזוי געזונט און האָט דורכגעמאַכט אַ סך צרות, פונדעסטוועגן האָט ער נאָך אַלץ אויסגעזען פרישער פון אַלע דיינים, פון די דריי קהלות. ער איז געווען העכער און שענער פון ר׳ יחזקאלן, דעם רב פון די דריי קהלות, פון דעם ספרדישן חכם משה חגיז, און זיין גאַנג האָט אים געמאַכט אויסזען יחוסדיק, בכבודיק.

אַ גאַנצע נאַכט האָט דער שניי זיך געשטויבט אין אַ ווילד־ווייסן טאַנץ און אויסגעבעט די גאַסן מיט ווייסן זילבער. פון דער עלבע, פון ים, האָט

---

*) אַ געוויסער פּראָצענט, וואָס רבנים האָבן דערלויבט צו נעמען.

דער ווינט זיך געקייקלט ווי אַן אומזעבאַרער קנויל באַרג־אַראָפּ צו די געסלעך, האָט אָנגעוואָרפן קופּעס שניי און זיי צוריק פּאַנאַנדערגעשטויבט.

אינדערפרי איז ר׳ יעקב געגאַנגען צום מנין. די עטלעכע ביימער, וואָס זיינען געשטאַנען ביים ווינקל פּעטערשטראַסע, די גרענעץ צווישן האַמ־בורג און וואַנדזבעק, האָבן געטייטלט מיט לאַנגע שפּיציקע פינגער צום גרויען הימל, וואָס האָט אויסגעזען ווי ער וועט זיך אַראָפּלאָזן אויף דער ערד און זיי דערטרינקען אין בלייערנעם נעפּל.

פון אַ מויער אין דער פּעטערשטראַסע האָט זיך אַרויסגעשאַרט אַן אַלטער ייד אין אַן אָפּגעקראָכענעם פוטער, איז געבליבן שטיין מיט אַ בונט פּאַרשנייטע שליסלען און זיך אָנגערופן:

— גוט־מאָרגן, רבי!

ר׳ יעקבן איז וואַרעמער געוואָרן. ער האָט זיך איינגעקוקט אין אַלטן. דער זקן האָט אָפּגעזיפצט:

— אַי, אַי, כ׳געדענק דעם טאַטן אייערן, ר׳ הירשעלען ז״ל, פלעג דאַווענען אין זיידנס, אין ר׳ זלמן מירלס קלויז.

אַ היימישע וואַרעמקייט איז זיך צעגאַנגען אין ר׳ יעקבס קערפּער.

— פון וואָס זייט איר זיך מפרנס?

— מיין זון איז אַ מוכר־פּירות אין די באַנק־קראָמען. האָט פּרנסה בצער.

— און איר אַליין טוט גאָרניט?

— כ׳בין אַ לווה, צאָל וואוכער־געלט, ריבית. זאָל מיר נאָר ניט פאַר־רעכנט ווערן פאַר אַ זינד.

— אומעטום זינדיקט מען, — האָט זיך דער אַלטער צערעדט, — אַפילו אין דער גרויסער שול זינדיקט מען. מען רעדט דאָרט בשעת קריאת־התורה וועגן מסחר, בעוונותינו הרבים, ווי גאָטס הויז וואָלט געווען אַ מאַרק.

— אוי לאזנים שכך שומעות — ווי צו די אויערן, וואָס הערן אַזוינס!

— האָט ר׳ יעקב אויפגעציטערט, און באַלד פאַראַכטן דעם טלית אונטערן אָרעם. — און דער אב״ד וואָס זאָגט צו דעם?

דער אַלטער האָט געשוויגן.

— כד רגיז רעיא על ענא — ווען דער פּאַסטוך איז אין צאָרן אויף די שאָף, שטעלט ער בראש פון דער טשערעדע אַ בלינדע שאָף, — האָט ר׳ יעקב אַרויסגעדרשנט.

ר׳ יעקב האָט געטראַכט, אַז די „דריי קהלות" זיינען שוין לאַנג ניט די זעלבע ווי אַמאָל. ער האָט אָנגענומען דעם אַלטן ביי אַ לאַץ און גענומען זאָגן מיט אַ ניגון פון דער הפטורה:

— ווי אַ זונה איז געוואָרן די געטרייע שטאָט! געווען פול מיט גע־רעכטיקייט... דיינע האַרן זיינען אָפּקערערס און חברים פון גנבים, איט־לעכער האָט ליב שוחד און יאָגט זיך נאָך געצאָלט.

— רבי, גנבים זאָגט איר? גנבים דאַרף מען כאַפּן.

— און אַז די שופטים לאָזן הענגען די קליינע רויבער, אָבער די גרויסע גייען אין גאָלד און זייד?

דער אַלטער האָט ביטער אונטערגעשמייכלט.

פון אַ טויער איז אַרויסגעקומען ר׳ משה הגיז, אין אַ לויזן שוואַרצן מאַנטל, אויפן קאָפּ אַ פּעסקע, ווי אַ פּאַרדרייטע פּאַטשיילע, זיין קאָפּ איינ־געראָמט אין אַ סאַמעטענער באָרד, ווי ביי אַ קאָרטן־מלך.

ער האָט אַריינגעפירט ר׳ יעקבן צום מנין.

אין מנין, וואָס איז געווען פול מיט מתפללים, האָבן אים די ספרדים אָפּגעטראָטן מיט אַ חשיבות דעם וועג. ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט אַ הויכער פּאָרטוגעזישער ייד צעשפּרייט די הענט און אָנגעהויבן אויסשרייען פּסוקים פון קרבנות. דער מנין האָט זיך געשטעלט דאַווענען.

נאָכן דאַווענען, ווען ר׳ יעקב איז אַרויס פון שול און זיך געלאָזט צו דער סוחרים־גאַס, האָט זיך פון אים מיטאַמאָל אָפּגעטאָן די רואיקייט. וואָס טיפער ער איז אַריין אין דער מסחר־גאַס, אַלץ אומרואיקער איז ער געוואָרן. ס׳האָט אים געטריבן פון הגיזן, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געזעסן לעבן אים און געלייגט חניפה־רייד איבער זיינע אויערן, פון די טישלעך, וואָס זיינען געווען פאַרנומען מיט באַנקנאָטן, פון די סוחרים און פון זייער ריבית.

רחלע אַשכנזי איז קראַנק, רחלע עמדין איז אין סכנה. אַזוי האָבן די שכנות פון ר׳ יעקבס הויז גערעדט צווישן זיך.

מיט צען טעג צוריק איז רחל זייער שווער געגאַנגען צו קינד. דריי טעג האָבן זיך געצויגן די חבלי־לידה, לסוף האָט מען ס׳קינד אַרויסבאַקומען אַ לעבעדיקס, אָבער זי איז שוין צו זיך ניט געקומען. עס איז געווען ממש ווי מיט דער רחל פון חומש: ותלד רחל ותקש בלידתה — און רחל איז געגאַנגען צו קינד, און זי האָט געהאַט אַ שווערע געבורט.

אויך דעם ניי־געבוירענעם זון האָט ר׳ יעקב אַ נאָמען געגעבן בנימין.

די רחל פון חומש איז באַגראָבן געוואָרן אויפן וועג קיין אפרת, דאָס איז בית־לחם. רחל אַשכנזי האָט געפונען איר קבר ווייט פון בית־לחם — אונגאַריש־בראָד — און איר קבורה איז ר׳ יעקבן אָנגעקומען שווער.

פאַר דער פטירה. די נאָענטע, די שכנים, שכנות, וואָס קומען אַריין צו דער קראַנקער, דערשפירן גלייך אַז ס׳איז פאַרפאַלן. זייערע בליקן רעדן: ווער האָט זיך געזאָלט ריכטן, אַז דאָס פערטע קינד וועט איר באַשערט זיין אַזאַ שווער האָבן?

ר׳ יעקב איז אויף אַ גאַנצע נאַכט. ער זיצט אין זיין חדר און מורמלט פסוקים תהלים. די פסוקים, גלויביקע, הכנעהדיקע, טריפן אַראָפּ אין דער שטילקייט. ער בלייבט שטיל אַ ווייל פון ווייטיק און גייט צו צו דער טיר און זיין בליק הענגט שטום אויף דער וואָס זינקט אין גסיסה.

פאַרטאָג. ערגעצוואו קרייט אַ האָן און יעדער קריי איז העכער און דינער פון צווייטן. פון אַ האַלב־אָפענעם לאָדן קוקט אַריין אַ פאַרטאָגיקער הימל, ווי ווייסער אַש אויף פאַרלאָשענע קוילן.

זי גיט דעם לעצטן ציטער. אין דער פאַרטאָגיקער שטילקייט ברומט זיין האַרץ מיט ווייסטער קלאָגעניש.

די הויז איז פלוצים פול געוואָרן מיט ווינט און געשריי און די פלעמ־לעך פון די וואַקסענע ליכט צוקאַפּנס דעם מת אונטערן שוואַרצן צודעק האָבן זיך אַלעמאָל אַ בויג געטאָן אין אַ זייט.

ר׳ יעקב, אַ בלייכער, מיט אַ צעפלאָשעטער באָרד, האָט אויפגעריסן זיין בגד און אין אַ פאַרטרערט קול געמאַכט די ברכה:

— ברוך דיין האמת!

די עלטסטע טאָכטער, אסתר, האָט זיך צעיאָמערט. אַ זון האָט עפּעס אויסגעשריגן אין חלל. אַ שמש פון דער חברה קדישא, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ קליין געל בערדל און פיאות ווי פלעשעלעך, האָט זיך אָנ־געבויגן: רחל בת הרב ר׳ מרדכי הכהן! דיין מאַן, הרב מעמדין, דיינע זין און טעכטער בעטן ביי דיר מחילה און סליחה!

נאָכדעם איז צוריק שטיל געוואָרן, אַז מען האָט געהערט ווי די פלעמ־לעך צוקאָפּנס דעם מת טוליען זיך צו זיך און ציען זיך צו דער סטעליע.

ר׳ יעקב האָט זיך שוין איצט דערמאָנט אין זיין נייעם ווייטיק, אַ ווייטיק געכפלט אויף אַ ווייטיק.

— זיי זיינען מעכב די קבורה!

דער ראש־הקהל האָט באַפוילן מען זאָל ניט לאָזן באַגראָבן דעם מת ביז ר׳ יעקב וועט ניט איינצאָלן דעם מס־הקבורה.*) אין זיין אינגעווייד האָט געברומט, אין צעצונדענעם מוח האָט געברענט די עקשנות: ער וועט נישט נאָכגעבן! קיינעם נישט נאָכגעבן!

ער האָט זיך געוואָלט אויסשמועסן מיט זיין רחלען, דער עקרת־הבית, ווי אַלעמאָל איר זאָגן, אַז ער קאָן זיך ניט בייגן, אַז ער קאָן גאָרניט אויס־קומען מיט די תקיפים. אָבער זי איז איצט געלעגן אַזאַ שטומע צו זיין ווייטיק.

דערווייל האָט זיך דער ספרדישער חכם ר׳ משה חגיז, וואָס איז גע־שטאַנען איינגעוויקלט אין אַ גראָבער שאַל פון גרין געוואַנט, אויסגעטענהט מיט די שמשים. זיי מבטיח געווען, אַז ער איז ערוב פאַרן געלט.

ערשט צוויי נאָכמיטאָג האָט מען אַרויסגעטראָגן די מיטה איבער דער ווינטיק־פאַרשנייטער גאַס.

אויפן בית־עולם. ווי פון פאַרהוילענע זיפן האָט דער שניי געשאָטן. דער ווינט האָט געשניטן ווי אַ חלף. די ביימער האָבן יעדע רגע זיך צע־פאָכעט אין ווינט, ווי זיי וואָלטן וועלן אַרונטערוואַרפן פון זיך די שנייאיקע משא.

ר׳ משה חגיז האָט אַרויפגעצויגן די גרינע שאַל איבער די אויערן און געהאַלטן אַ קורצן הספד... „קורץ איז געווען ס׳לעבן פון הרבנית הצדיקת, אָבער פול מיט מעשים־טובים ווי אַ מילגרוים מיט קערנער. זי גייט איצט אַוועק פון עולם־השקר צום עולם־האמת, אין שאָטן פון די שכינה־פליגלען, און איר, קינדער, דער פחד פון יעקב אביכם און דער זכות פון רחל פון בית־לחם. — — —" ער האָט זיך שטאַרק געאיילט און די לעצטע ווערטער אָפּגעכאַפּט אויף גיך, ווי אַ בעל־תפילה די לעצטע פסוקים פון דאַווענען...

דער שניי האָט געשאָטן ווי פון טויזנט זיפן, פאַרשאָטן זיינע רייד, דעם זונס קדיש. מען האָט קובר געווען.

ר׳ יעקב איז געשטאַנען איבערן קבר. דאָס ווייסע פעלד האָט ווייסער געמאַכט זיין פנים. ער האָט זיך שטאַרק איינגעקוקט אין ספרדישן חכם און נאָכדעם אַרויסגעברומט:

— חכם ר׳ משה! די פרנסים דאַרפן צוויי זאַכן: דם ונפש. דמים תרתי משמע — געלט און בלוט — צוליב געלט זיינען זיי שופך־דמים,

---

*) קבורת־צינז, אַן אָפּצאָל פאַרן קבר.

זיינען מבזה אַ מאַמען מיט קינדער, לאָזן ניט אַ נפש קומען למנוחתה.
— פרעגט זיי, חכם, די בורים, האָבן זיי שוין אַנגעגרייט קברים פאַר זיך?
אַ שניי האָט געשניטן די אויגן ווי אַ בליציקער מעסער.

אויפן פאַרקן האָט זיך אַ קראָ צעשריען מיט אַ קול פון אַ קינד, וואָס אַ דאָקטער גיט אַכטונג ביי אים אין האַלדז.

אין איינעם פון די אדר־טעג פון יאָר תק״ג (1703) האָט מען ביי ר׳ יעקבן צוגענומען דעם צווייטן מת. זיין צווייט ווייב שרהלע האַלבערשטאַט, אַ הויכע, אַ שיינע און בלאַנדע אלמנה, אַן אשת־חיל מיט וועלכער ער האָט חתונה געהאַט באַלד נאָך רחלס טויט. געלעבט האָט ער מיט איר דריי יאָר.

געקומען פון בית־עולם, האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר פון שלאָף־חדר, אַלעמאָל געוואָרפן אַ בליק אויפן בעט, ווי ער וואָלט דאָרט עפּעס געזוכט. אָבער דאָס בעט איז געשטאַנען אויפגעריסן און צעוואָרפן, מיט אַן אויסגעהוילט גרוב, וואָס שרה האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט. אויף אַ בענקל דערלעבן איז געשטאַנען אַ ניט־דערענדיקט גלעזל מיט אַ רפואה.

אין צווייטן חדר אויף אַ בענקל האָט ליכטל געצאַנקט, זיך צעפלעמלט און געביטן די קאָלירן.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין די הענט אין האַלב־דרימל און געטראַכט, אַז דאָס צווייטע הויז איז אים שוין אויך חרוב. דאָס אונטערכליפּען פון אַ טאָכטער אַנטקעגן האָט אים אויפגעוועקט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען די עלטסטע צוויי קינדער, אסתר און משולם־זלמן. צוויי טרערן האָבן אים אַראָפּגערונען אין באָרד.

משולם־זלמן האָט מיט אַ שטיל קול געפרעגט:

— ווילסט עפּעס, טאַטע?

— אין ספרים־חדר אויפן טיש ליגט דער ספר איוב...

געבראַכט דעם ספר, האָט ער באַפוילן דער טאָכטער:

— גיי שלאָפן, גיב אַכטונג אויפן קינד!

דאָס ליכט אויפן בענקל האָט געפלעמלט, געביטן די קאָלירן, פון ווייס ביז בלאָ, ביז אַש, און אַז דאָס פלעמל האָט אויסגעצאַנקט, האָט משולם־זלמן אַן אַנדערס אָנגעצונדן און זיך אַוועקגעזעצט.

— פאַרוואָס נעמסטו ניט קיין ספר אין דער האַנט?

— מיט וואָס האָבן מיר זיך אַזויפיל פאַרזינדיקט, אַז צוויי מאָל זאָל קומען אויף אונדז אַ חורבן?

— דער אומגליק קומט שוין פון דעם אַליין, וואָס גאָט נעמט צו די השגחה פון בן־אָדם.

— גאָט גיט און גאָט נעמט, זאָל זיין גאָמען זיין געבענטשט פון היינט ביז אייביק, — האָט משולם־זלמן זיך אַליין פאַרטייטשט דעם פסוק.

אַ רגע פון טויטער מנוחה. די קאַפּיטעס פון אַ פערד אויפן ברוק, אין גאַס, שטערן די שטילקייט.

ר׳ יעקב רעדט צום זון:

— פון צוויי זאַכן, מיין זון, קאָן אַ מענטש ניט אַנטלויפן: פון טויט און פון זיך. פון יסורים קאָן מען זיך אויך ניט אויסבאַהאַלטן. הערסט, משולם, ווען איך וואָלט געהאַט ביכולת, וואָלט איך אַ נייע ברכה מתקן געווען: ברוך מתיר יסורים. יסורים דאַרף מען פאַרדינען. איך געדענק דיינע משפטים, גאָט, און באַדענק זיך, זאָגט דער זינגער פון תהילים. אויך איוב וואָלט קיין איוב ניט געווען, וואָלט אַפילו די יסורים ניט ווערט געווען, ווען ער וואָלט געזוכט פון זיי אַנטלויפן. לערן איוב, משולם, לערן.

— איך טראַכט שטיל, אין זיך.

— כ׳וויל הערן ווי דו זאָגסט.

— כ׳קען ניט, טאַטע.

ר׳ יעקב האָט גענומען זאָגן די פסוקים. סתירותדיקע, טראַציקע האָבן זיי זיך געשטעלט, ווי שטעכיקע דערנער:

פאַרוואָס האָסטו מיך געמאַכט פאַר דיין ציל־ברעט. פאַרוואָס לעבן די רשעים, עלטערן זיך און זיינען שטאַרק אין קראַפט.

טאָ ווייס, אַז גאָט האָט מיר געקריוודעט און זיין נעץ אַרויפגעלייגט אויף מיר.

עס איז אַלץ איינס. דעם אומשולדיקן אַזוי ווי דעם רשע פאַרלענדט ער.

דערום זאָג איך, אַז איך פאַרשטיי נישט, וואונדער זיינען דאָס פאַר מיר און איך ווייס ניט.

וואָס קאָן איך דיר ענטפערן? איך טו אַרויף מיין האַנט אויף מיין מויל. — — —

ער האָט אויפגעהויבן די אויגן. דערזען ווי דער זון האָט איינגעדרימלט, האָט ער אָפּגעהאַקט. ווידער אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און צוגעמאַכט די אויגן, דער חושך זאָל זיין גרעסער.

דאָס פלעמל האָט געצאַנקט, געביטן די קאָלירן, פון ווייס ביז בלאָ, ביז אָש.

דער פאַרבאָרגענער פלאַם

באַשערט געווען, אַז לאַנג זאָל ר׳ יעקב קיין אלמן ניט זיצן. באַלד נאָך די שלשים זיינען געקומען שדכנים און האָבן אים פאָרגעלייגט שידוכים פון גאַנץ מדינת אַשכנז. מען האָט אים גערעדט: רבנישע טעכטער, רייכע אלמנות, אַ גרושה. ער האָט אָבער קיין איינע פון זיי ניט געוואָלט, גע־טענהט אַז ער זוכט אַ געטרייע שטיף־מאַמע פאַר די קינדער, וואָס זיינען אים פאַרבליבן פון ביידע ווייבער.

מיט זיין ערשטן זיווג, מיט רחלען, האָט אים נאָך צונויפגעפירט זיין פאָטער; נישט אַזוי צוליב דער כלה, ווי צוליב דעם טאַטן האָט ער דעם שידוך געשלאָסן... דעם דריטן שידוך האָט אים גערעדט זיין יינגערער ברודער און די כלה איז טאַקע געווען פון דער אייגענער משפחה, זיין ברודערס טאָכטער.

ר׳ אפריש אַשכנזי, וואָס האָט געוואוינט אין בראָד, פוילן, האָט געהאַט אַ בת־יחידה. אַ שיינע, אַ שוואַרץ־חנעוודיקע. זי איז געווען שלאַנק, גע־שיקט און צניעותדיק.

גאַרניט ווי דער מנהג איז געווען אין רבנישע הייזער, האָט איר פאָטער זי געלאָזט לערנען תנ״ך און לשון־קודש. אַ סך פון די יונגעלייט, וואָס האָבן געלערנט אין דער בראָדער ישיבה, „חכמי־הקלויז״, האָבן באַגערט צו נעמען בתיה־צביהן פאַר אַ ווייב. אין צווישן האָט ר׳ אפרים באַקומען אַ בריוו פון זיין עלטערן ברודער, אַז ער איז צום צווייטן מאָל געבליבן אַן אלמן.

ר׳ אפרימען איז באַלד איינגעפאַלן, אַז עס איז אַ תכלית. צו האָבן זיין אייגענעם ברודער, וואָס שמט איבער דער וועלט, פאַר אַן איידעם, איז אַ זכיה און דערצו קאָן זיין טאָכטער אפשר נאָך אַמאָל זיין די רביצין פון די דריי קהלות... אויך בתיה־צביה, וואָס איז דעמאָלט געווען פאַר צוואַנציק, האָט מסכים געווען צו ווערן דאָס ווייב פון זיבן־און־פערציק־יאָריקן פעטער אירן, אין וועמעס ספרים זי האָט אָפט אַריינגעקוקט...

מער ווי איין מאָל האָט ר׳ יעקב די כלה פאַר דער חתונה ניט געזען, ווי דער דין זאָגט. אַ וואָך פאַר דער חתונה איז דער מחותן מיט דער כלה געקומען קיין האַמבורג און מען האָט געשריבן תנאים. דער מחותן האָט

גענומען אויף זיך: אויסקליידן די כלה און צוגעזאָגט אַ נדן, פאַר וועלכן מען זאָל קויפן שריפט פאַר אַ דרוק, וואָס ר׳ יעקב האָט געהאַלטן אין איינשטעלן.

צוליב דער שמחה מיט זיין נייער יונגער ווייב האָט ר׳ יעקב אין דער וואָך פאַר דער חתונה אָנגעשריבן אַ נייעם חבור, וואָס ער האָט גערופן „שמש צדקה״.*) אָנגעהויבן האָט זיך דער ספר מיט די ווערטער:

„ט״ז כסלו התק״ד (1744). היינט בין איך מקדש די טאָכטער פון מיין ברודער, די צנועה און איידלסטע פון פרויען, בתיה־צביה תחיה! די פרוי איז מיר באַשערט פון גאָט, ווייל קומען קומט זי פון מיין טאַטנס הויז.

„אַ דאַנק גאָט פאַר זיינע חסדים, וואָס ער האָט מיך אַרויסגעוויזן. און ער האָט מיך געשלאָגן און באַכדעם אויסגעהיילט און געמאַכט די זון פון מיין גערעכטיקייט שיינען. איך רוף דעם ספר „שמש צדקה״. צדקה — די חכמים זאָגן: ווער טוט צדקה יעדער צייט, דער וואָס איז מפרנס זיין ווייב און קינדער... דעמאָלט ווערט זיין טיש אַ מזבח, דער מאָלצייט — אַ קרבן און דאָס בעט — יעקב אָבינוס געלעגער. שמש — ווייל זון אין הימל קאָן באַלויכטן יעדע זאַך, נאָר די זון אַז זי צעשפּילט זיך אין די בלוטן קאָן באַהעלן אַלע טונקלקייטן.

„און די זון האָט אים געשיינט, די זעלבע זון, וואָס איז אַמאָל פאַר יעקבן פאַרגאַנגען פאַר דער צייט, האָט איצט פאַר אים אויפגעשיינט... באַלייכט, גאָט, מיין וועג און מאַך שיינען די זון פון גערעכטיקייט פאַר אַלע. — — —״

אין די דריי קהלות ווייסט מען צו דערציילן: יחיאלכי וואָלף, דער פעטער און בלאָנדער ריביתניק מיטן רויטן פנים און שמאַלציקן קאַרק, וואָס איז דער ראש־הקהל, איז דער גרעסטער תקיף אין שטאָט. דערצו אַ נוקם — סכנת־נפשות. אים צו טאָן עפּעס דערווידער, אָדער אַפילו מיט אַ וואָרט צו באַרירן, האָט קיינער זיך ניט געקענט דערלויבן. יחיאלכי וואָלף האָט געוואוסט, אַז ר׳ יעקב איז צופיל מחותן מיט די מעקלער, האָלט ניט פון די ריביתניקעס און האָט אים ניט פאַרגונען ניט דאָס ווייב און ניט די הויז, וואָס ער האָט געקויפט פאַר דער חתונה.

אין דער שטיל האָט מען גערעדט, אַז וואָלף איז ניט אַזוי געטריי צו

---

*) זון פון גערעכטיקייט.

זיין קראַנק און ניט־שיין ווייב, און אַז דאָס וואָס ער פּאַרט אַזויפיל אויפן יאַריד קיין בראַנשוויג איז ווייל ער האָט ניט פיינט קיין אַנדערע פרויען...

ווען ר׳ אפרים אַשכנזי מיט זיין טאָכטער זיינען אָנגעקומען פון פוילן, האָט זיך יחיאלכי אַ גאַנצן טאָג געפונען אין מרדכי הענויס מויער אין וואַנדזבעק, וואו די מחותנים זיינען איינגעשטאַנען. געקומען איז ער אַהין באַקוקן די הויז, וואָס ער האָט געהאַט אין משכון פאַר וואוכער־געלט, און די גאַנצע צייט האָט ער זיך געדרייט אין עס־צימער און געוואָרפן שטעכיקע און בייז־צעשמייכלטע בליקן אין דער זייט וואו די כלה איז געזעסן.

יעדעס מאָל האָט ער געכאַפּט אַ שמועס מיט ר׳ אפרימען, זיך נאָכגעפרעגט אויף זיין מדינה און אין מיטן שמועס אַ וואָרף געטאָן אַן אויג אַהין, וואו די כלה איז געזעסן.

דאָס מיידל הייבט דערביי אויף די שוואַרצע שיינע אויגן, לאָזט זיי אָבער גיך אַראָפּ און איר פּנים ווערט באַגאָסן מיט אַ רויטקייט.

ווען וואָלף גייט אַרויס מיט ר׳ אפרימען שפּאַצירן, דערהערן זיך טריט. וואָלף קוקט זיך אום — קיינער גייט ניט אַהער. דערפאַר אָבער באַמערקט ער אין איינעם פון די פענצטער פון זיין מויער אַנטקעגנאיבער, שטיין זיין פרוי, מיטן מאָגער־גרינעם פּנים און איינגעגראָבענע אויגן און אַהער קוקן.

אויף וואָלפס פּנים צעלייגט זיך אַ נישט־ניחאדיקע איבעראַשונג, ווי ער וואָלט זיך אָט־ערשט דערמאָנט, אַז זיין ווייב איז שוין צוריקגעקומען פון האַנאָווער, וואו זי האָט זיך די לעצטע חדשים געהיילט און מען האָט איר אַראָפּגענומען אַ ברוסט.

דערבליקנדיק דאָס ווייב מיט איר פינצטערן קוק, פאַרשווינדט אויף אַ ווייל אויך פון זיין פּעטן פּנים די לעבעדיקייט, וואָס די נאָענטקייט פון ר׳ אפרימס טאָכטער האָט אין אים אַרויסגערופן.

אַ דינסט, אַ גראָבע עלטערע דייטשקע, דערנעענטערט זיך און שטעלט זיך פאַר יחיאלכי וואָלפן.

— וואָס איז, פרעגט וואָלף, — מען דאַרף מיך אין שטוב ?

— ניין, רעדט די דינסט מיטן שמאַלציקן פּנים מיט אַ ברייט קול, — די ווירטין רופט, ס׳מיטאָג איז שוין פאַרטיק.

— מיך הונגערט נאָך נישט און איך האָב אַ גאַסט. שפּעטער.

— וואָס ווייס איך ? — רעדט די דינסט מיט אַ טאָן פון אַ היימישער. — די ווירטין האָט מיך געהייסן אַריינרופן דעם הער...

— גוט, כ׳קום באַלד.

די דינסט גייט, ווי אַן חשק, צוריק. יחיאלכי טוט נאָך אַמאָל אַ קוק אַרום זיך, ער באַמערקט ווידער דאָס ווייב מיטן גרינעם פּנים און די איינגעגראָבענע אויגן ווי שפּיזן, אויפגעשטעלט גלייך צו אים. ער ווערט מיט־אַמאָל ווי אויסגעלאָשן.

— אַ מנהג אַזאַ ביי אייך, זיך משדך זיין אין דער אייגענער משפחה?

— פרעגט וואָלף דרך־ארצדיק ר׳ אפרימען, און גלאָצט אין דער לופט מיט אַרויסגעשטאַרצטע אויגן. פון מרדכי הענוים הויף קרויזלט זיך אַ רויך, יחיאלכי ווייסט: מען הייצט דאָרט די מקווה...

— לאו־דווקא, — ענטפערט ר׳ אפרים. — די ערשטע ווייבער פון מיין ברודער זיינען דאָך געווען פון דער פרעמד.

פון הויז קומען אַרויס די כלה מיט נאָך אַ פרוי און לאָזן זיך אין הויף. וואָלף באַוויזט נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן דער יונגער כלה אין פרישן שוואַרץ־חנעוודיקן פּנים. מאַכט אַ מינע, ווי ער וואָלט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן. ער כאַפּט זיך אָבער באַלד און מיט כלומרשט־פעסטערע טריט ווי געוויינלעך גייט ער פאַרביי די פענצטער פון זיין שטוב, פונוואַנען עס קוקט אַרויס זיין ווייב מיטן פאַרמוטשעטן פּנים פון דער אָפּעראַציע וואָס מ׳האָט איר אין האַנאָווער אַראָפּגענומען אַ ברוסט...

די חתונה איז געווען אַ ברייטע. פון כלהס צד איז געווען אַ קליינער עולם. פון חתנס צד, דאָס הייסט פון די דריי קהלות, ניט ווייניקער ווי צען מנינים.

דער ראש־הקהל מיט די פרנסים זיינען ביי דער חופּה ניט געווען. אין פרימאָרגן האָט דער ראש־הקהל גערופן דעם אַלטן דיין מאיר־בערן און עס איז פאָרגעקומען צווישן זיי אַזאַ געשפּרעך:

— דער אַשכנזי האָט זיך שוין אַריינגעצויגן אין נייעם הויז?

— היינט אָוונט.

— ער האָט דאָך שוין דאָס הויז לאַנג געקויפט.

— אַ ווייב איז אויך אַ הויז, זאָגט די גמרא...

— דער אַשכנזי קאָן חרוב מאַכן דאָס שענסטע הויז, צוויי האָט ער שוין חרוב געמאַכט...

— דער דריטער בית־המקדש וועט זיין אַ בנין עדי עד...*)

---

*) אַ געביידע, וואָס וועט אייביק שטיין.

— פאַרגעסט ניט, דיין, איינמאָנען דעם חופה־שטייער.

נאָך איידער ר׳ יעקב איז געגאַנגען צו דער חופה, האָט ער שוין געהאַט אַ צוזאַמענשטויס מיטן דיין.

פאַרן שטעלן די חופה האָט דער דיין אַריינגערופן דעם חתן אין אַ חדר־מיוחד. ס׳האָט היבשלעך געדויערט און ווען זיי זיינען פון דאָרטן אַרויסגעקומען איז ר׳ יעקב אַביסל ברוגזלעך געווען.

מען איז דערגאַנגען, אַז דער דיין האָט ר׳ יעקבן געזאָגט:

— דער ראש־הקהל האָט באַפוילן מען זאָל ניט לאָזן שטעלן די חופה ביז איר וועט ניט סילוקן דעם גאַנצן קהל־שטייער פאַר דער נייער הויז און פאַר דער חופה.

— סיי איך און סיי מיין ברודער, זיינען געבוירענע אין די דריי קהלות, זין און אייניקלעך פון די, וואָס האָבן די קהלות געהאָלפן באַפעסטיקן, — האָט אים ר׳ יעקב געענטפערט.

— אַ באַפעל פון ראש־הקהל מוז אויסגעפאָלגט ווערן, — האָט דער דיין געזאָגט שטרענגער.

— פאַרשעמט מיך ניט אין די אויגן פון מיין ברודער, פון דער כלה. איך בין דאָ לענגער ווי יחיאלכי וואָלף, — האָט זיך ר׳ יעקב געבעטן.

— אַ אזהרה, ר׳ יעקב, אויך פון אב בית־דין, איך מוז אויספאָלגן, — האָט דער דיין זיך פאַרענטפערט.

גאָרניט האָט געהאָלפן. ר׳ יעקב האָט זיך איינגע׳עקשנט: ער וועט ניט צאָלן. אין צער פון שוויגן האָט בתיה־צביה אַוועקגעגעבן דאָס צירונג פאַר אַ משכון...

פרייטיק פאַרנאַכט האָט מען געשטעלט די חופה.

שבת נאָך הבדלה, מיט שטומער פרייד, אָן אויפגעלויכטענער, שרייבט ר׳ יעקב דעם טייל פון זיין סידור, וואָס ער רופט „מיטת זהב״.*) „... זיי ויסן, אַז דער ענין פון זיווג, פון מאַנס באַהעפטן זיך מיט זיין ווייב, איז ניט קיין גנאי**), ווי די יוונים זאָגן. ווייל חבור ווערט אָנגערופן ידיעה, ווי עס שטייט: און אָדם האָט געוואוסט זיין ווייב חוה און דאָס איז געווען די סיבה פון זייער זינד, וואָס דער נחש האָט זיי מקנא געווען דעם

---

*) גאָלדן בעט.
**) שאַנד.

זיווג... סיי ווייב און סיי ברויט ווערן אָנגערופן לחם, אויך מלחמה שטאַמט פון שורש לחם און אַלע מלחמות זיינען געווען צוליב די צוויי סיבות: ברויט און ווייב.

„... ווער אָבער עס לאָזט זיך ניט איינשלינגען פון גלוסטנדיקן לייב, פילט אָן מיט קדושה די באַהעפטונג, און דער טראָפן זאָמען זיינער ווערט הייליקער פלאַם, וואָס טריפט אין איר נוקבא דתהומא, און עס ווערט פון זייער יחוד, אַ יחוד מיטן שורש, וואָס ברענגט די פרוכט פון הימל און בויגט דעם דין צום חסד. אָבער דער וואָס גלוסט צום ווייב מיט טומאהדיקע כוונות, דער זינקט אין טומאה און אין חושך. — — —"

שבת נאַכט. שפּעט אין אָוונט גייט יחיאלכי אַליין אויף דער ברייטער שטראָסע. פון ר' יעקבס מויער שלאָגט אַ בלאַסע שיין, וואָס מישט זיך אויס מיט די לאַמטערנס אויפן ברוק. ער גייט פּאַמעלעך און אין זיין מוח וועבן זיך אַזעלכע ניט־פאַרגינערישע, קינאהדיקע מחשבות:

האָט ער, הייסט עס, אַ ווייב, אַ משונהדיקע, אַ קראַנקע, מיט וועלכער ער וועט נאָך דאַרפן לעבן ווער ווייסט ווי לאַנג. און דער אשכנזי איז פון זיינע ביידע קראַנקע ווייבער פּטור און האָט איצט אַ בתולה, און מען זאָגט, אַז זי האָט אים געגעבן נדן פאַר נייע אותיות אין דרוק...

עט, וואָלט ער אַזאַ ווייב געהאַט... וואָלט ער מיט איר שפּאַצירט ביי דער עלבע אָדער אין הויז געזעסן און גערעדט וועגן מסחרים. ער וואָלט איר געזאָגט: דאָס צירונג פאַרזעצן ביי מיר וואָלסטו ניט געדאַרפט. . . .

דער דרוקער

ר׳ יעקב אַשכּנזיס הויז מיט אַ מעקה *) אויפֿן דאַך איז געשטאַנען אויף דער ברייטער שטראַסע, דרך־ארצדיק אָפּגערוקט פֿון אַלע אַנדערע הייזער.

דער טראָטואַר איז דאָ געווען ברייטער. דער האַרטער ברוק, וואָס ציט זיך אַראָפּצו, צו דער עלבע, די גרענעץ פֿון האַמבורג און אַלטונא, איז געווען אויסגעפּלאַסטערט מיט פּירקאַנטיקע שטיינדלעך. ברייטע אויס־געקרימטע שטאַמען פֿון ביימער האָבן פֿאַרשטעלט דעם צוגאַנג צו דער צוויי־גאָרנדיקער הויז, עס געשיצט פֿון דער טומלדיקער גאַס.

אַנטקעגן דער הויז האָט זיך אין די אָוונטן געמיניעט אַ פֿאַרשטויבטער נאַפּט־לאַמטער.

אויף ברייטערשטראַסע האָבן זיך אויך געצויגן קראָמען און לאַמטערנס.

ר׳ יעקב האָט באַוואוינט דעם אויבערשטן שטאָק. אויפֿן אונטערשטן איז געווען די שול, וואו אַ מנין האָט געדאַוונט טאָג־טעגלעך, און נאָך דער שול, צום הויף, אַ גרויסער חדר מיט טונקל־געפּאַרבטע ווענט, וועלכע האָבן זיך געקרישלט. אין דעם גרויסן חדר האָט זיך געפֿונען די דרוק, וואָס ר׳ יעקב האָט געעפֿנט אין האַמבורג מיט דער דערלויבעניש פֿון דעניש קעניג.

קאַסטנס מיט אַלטער און נייער שריפֿט, מיט רש״י־כתב, געבראַכט פֿון אַמסטערדאַם און מאַנטאָווע, זיינען געשטאַנען ביי דער מזרח־וואַנט איינס אויפֿן אַנדערן. אַנטקעגן, ביי דער מערב־וואַנט, זיינען געשטאַנען עמערס שוואַרצע טינט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי שיטערע סמאַלע, און אין מיטן חדר זיינען געווען אויסגעשטעלט לאַנגע טישן, אויף וועלכע עס זיינען געלעגן לאַנגע און שמאַלע אָפּגעדרוקטע בויגנס.

די בויגנס האָבן געוואַרט ביז זייער מחבר, דער אייגנטימער פֿון דרוק, זאָל זיי נעמען צווישן זיינע לענגלעכע למדנישע פֿינגער, זיי דערנעענטערן צו זיינע קורצזיכטיקע אויגן און נאָכדעם זיך איבערבויגן איבערן טיש און באַשרייבן די ראַנדן פֿון די בויגנס מיט זיין געציקלטן כתב.

יעדן טאָג פֿלעגט ר׳ יעקב אַריינקומען אין דרוק, לייענען די לאַנגע

---

*) מעקה — אַרומרינגלונג אויפֿן דאַך, ווי דער יידישער דין פֿאָדערט ביים בויען אַ הויז.

בויגנס, זיי באַשרייבן און נאָכדעם איינקנייטשן און אַוועקלייגן ביז יוסף פּרעגער, זיין בעל־מגיה *), וועט קומען און זיי נאָכאַמאָל איבערגיין.

עס איז געווען דער דריטער טאָג חשוון פון יאָר תק״ה (1745). ר׳ יעקב איז דעם טאָג אויפגעשטאַנען פרי, גאָרניט ווי זיין שטייגער איז געווען. ניט די געציילטע מתפּללים, וואָס זיינען געקומען צום פריען מנין, און נישט זיין יונג ווייב, די משונהדיק־שטילע בתיה־צביה, די טאָכטער פון זיין ברודער, מיט וועמען ער האָט ניט לאַנג צוריק חתונה געהאַט, — האָבן ביי אים געפרעגט, פאַרוואָס ער איז אַזוי פרי אויפגעשטאַנען.

ר׳ יעקב האָט אַ גאַנצע נאַכט ניט געקענט צוטאָן מיט קיין אויג. די שעהן האָבן זיך געצויגן מוראַדיק לאַנג. ער איז געלעגן מיט האַלב־אָפענע אויגן און געזען ווי אויף דעם אַנטקעגנאיבערדיקן, נישט־באַלויכטע־נעם מויער האָבן געפלאַטערט שאָטנס.

ווען אין דרויסן האָט געגומען טאָגן, די נאַפט־לאַמטער אויפן ברוק האָט זיך פאַרלאָשן און דורך די לאָדנס האָט זיך אַריינגעשלייכט די פאַר־טאָגיקע גרויקייט — איז שוין ר׳ יעקב געווען אויף די פיס.

ער איז אַראָפּ אין מנין, געוואַרט אויפן זון־שפּראָץ, און ווען אַ שטראַל האָט זיך אַריינגעריסן אין מנין, באַגילדט דעם אָרון־קודש, האָט ער אָנגעטאָן דעם טלית. ער האָט דאָס מאָל ניט געשמועסט אַפילו מיט די עטלעכע יונגעלייט, אַריינגייער, וועלכע פלעגן אים אָפּטראָגן לייכטע רכילותלעך וועגן ר׳ יחזקאל קאַצענעלנבויגן, דעם רב פון די דריי קהלות.

ר׳ יעקב האָט אָפּגעדאַוונט, צונויפגעלייגט דעם שווערן טלית מיט דער זילבערנער עטרה — אַ מתנה פון זיין ערשטן שווער, און געמורמלט די נאָכן־דאַווענען פסוקים, די פרשה פון מן, פון עמלק און די עשרת־הדברות.

אויף זיין לענגלעכן פּנים איז איצט געווען פאַרקילט אַ כעס. דאָס האָט ער אַ גאַנצע נאַכט געליטן פון אַ פאַרדרוס אויף די פרנסים, אויפן ראש־הקהל אין אַלטונאַ.

בלויז אין אַ יאָר צייט האָט זיך יעקב אַשכנזי דערשלאָגן צו צוויי גרויסע זאַכן אין האַמבורג. ערשטנס, האָט ער באַקומען אַ דערלויבעניש פון דענישן קעניג, פרידריך דעם פינפטן, צו האַלטן אַן אייגענע דרוק, וואו ער האָט פריי געקענט דרוקן זיינע אייגענע חבורים און איבערדרוקן אַלטע כתבי־יד, פון וועלכע ער האָט געקענט האָבן פרנסה בריוח; צווייטנס, האָבן

*) קאָרעקטאָר.

אים די פרנסים, נאכדעם ווי ער האט געקויפט דאס צוויי־גארנדיקע הויז אויף דער ברייטער שטראסע און תתונה געהאט צום דריטן מאל, דערלויבט צו האבן זיין אייגענעם מנין. דאס האט געמיינט, אז ער האט „חזקת־הקהל״. ער איז אבער ניט געווען צופרידן מיט די אלע זאכן.

אין די פרימארגנס פלעגט ר׳ יעקב אפט זיך דורכשפאצירן איבער די האמבורגער גאסן. די מסחרים־גאס האט ער אויסגעמיטן, דערפאר האט ער זיך אפגעשטעלט לעבן א קראם פון א האמבורגער סוחר. כאטש ער איז געווען שטאלץ מיט זיין יחוס און מיט זיין דרוק, איז ער אבער געווען צוגעלאזן צו די האמבורגער קלענערע סוחרים, ווי מרדכי העקשער, משה־יעקב שווערין און מרדכי פויזנער. ער פלעגט זיי אויסהערן מיט איבער־געלייגטקייט און זיך טיף אריינטראכטן אין זייער מעמד. פון זיי איז ער געוואויר־געווארן זאכן, וואס ער האט ביז אהער ניט געוואוסט, ווי, למשל, אז די האמבורגער האבן גארניט געגרן דעם ראש־הקהל מיט די דריי קהלות און־וואלטן וועלן, אז די פריי־שטאט זאל האבן איר אייגענע קהלה און ניט זיין אונטערוווארפן די אלטונער ריביתניקעס און תקיפים, וועמען עס הענגט נאך א קופה של שרצים.*)

טיילמאל, ווען ר׳ יעקב פלעגט שטיין מיט די האמבורגער סוחרים און מעקלערס, האט ער געהערט ווי די אלטונער ריביתניקעס, וואס האבן געהאט זייערע געלט־קראמען אויף ברייטער שטראסע, ווי משה הארטוויג, יעקל הויזן, יעקב כהן, פלעגן זיך שושקען הינטער זיינע פלייצעס: ר׳ יעקב אשכנזי — א גאנצער עניו! גיט זיך אפ מיט אבי וועמען.

נעכטן, ראש־חודש, האבן די פרנסים אפגעהאלטן זייער חודשלעכע אסיפה, וואו מען האט גערעדט וועגן איינפירן נייע תקנות אין די הייליקע דריי קהלות. ר׳ יעקב האט געוואוסט, אז אלעמען האט מען צו דער אסיפה איינגעלאדן. אפילו דעם ספרדישן חכם משה חגיזן, וועמען ער האט גערופן „דער פארדריפעטער ירושלמי״, האט מען פארבעטן, נאר אין אים, דעם זון פון „חכם־צבי״, דעם קרוין פון די דריי קהלות, האט מען פארגעסן...

דאס האט ביי אים געגרויבט דעם שלאף. ערשט איצט, נאכן דאווענען, האט ער זיך אביסל בארואיקט.

— ער וועט זיי נאך ווייזן, די חצופים, ווער חשוב איז! — האט ער שטעכיק און גיפטיק גערעדט צו זיך אליין אין געדאנק. זיינע ברוינע אויגן,

*) א קאסטן מיט שרצים.

וואָס האָבן שטענדיק געלויכטןביים דאַווענען, האָבן איצט אויסגעזען באַ־לײדיקט און אומעטיק.

ר׳ יעקב האָט פּאַמעלעך צונויפגעלייגט דעם טלית, זיך אויסגעגלייכט, געטאָן אַ לײכטן גענעץ און געקוקט אויף די יונגעלייט.

ביי די יונגעלייט האָבן די קליינע אויגן געשמייכלט, זיי האָבן זיך גע־גרייט אויסצודערציילן פאַר אים אַלץ וואָס עס איז נעכטן פאָרגעקומען אין קהל־זאַל. דאָס מאָל האָבן זיי אים געהאַט אַ סך וואָס איבערצוגעבן. דער אב בית־דין אַליין, דער זקן ר׳ יחזקאל, האָט זיך פלוצים, אין מיטן פון דער אסיפה, דערפילט שוואַך אויף די פיס, קיין כח ניט געהאַט צו פאַרענדיקן דעם תירוץ אויפן הארבן רמב״ם אין הלכות קידוש־החודש *) און האָט געמוזט פאַרלאָזן די אסיפה.

זיי האָבן געוואָלט אויסמאָלן פאַר ר׳ יעקבן ווי ר׳ יחזקאל איז אַ נעבעכדיקער, אַ נאַרישוואַטער אַוועק אהיים, און זיי זיינען געווען זיכער, אַז ר׳ יעקב וועט נאָכן אויסהערן אַריינרוקן יעדן איינעם אַ האַלבן רייכס־טאַלער...

איצט אָבער, ווען דער פאַרדרוס האָט זיך אויסגעצויגן אויף זיין פּנים, געלעגן אויף דער שפּיציקער נאָז און זיך שוין געפּלאָנטערט אין זיין באָרד, האָבן די יונגעלייט פאַר עפּעס מורא באַקומען. זיי האָבן זיך איינגעהאַלטן און געשוויגן...

אַ גאַנצע וואָך גייט פון ר׳ יעקבס טיש נישט אַראָפּ קיין פּאַפּיר, טינט און אַנדער שרייב־געצייג.

דער בליציקער זכרון טרייבט די דינע פינגער — נאָך אַ געדאַנק, נאָך אַ דין, אַ מנהג, אַלץ פאַרפעסטיקט מיט ראיות פון גמרא, פון רמב״ם, פון זוהר, פון די אחרונים. ער שרייבט זיין סידור „די זיילן פון הימל״, וועלכן ער רופט אויך „בית־אל״.

אַ יאָר באַשטייט פון אַ סך וואָכעדיקע טעג און פון ווייניק יום־טובדיקע. ר׳ יעקבס סידור וועט באַשטיין פון מער יום־טוב ווי פון וואָך.

פון די פילע אָפּטיילונגען האָבן בלויז עטלעכע צו טאָן מיט אינדער־וואָכן. פערצן חלקים האָט דער סידור און זיי ווערן גערופן מיט די נעמען פון די טויערן פון בית־המקדש און זיינען געווידמעט שבתים און ימים־טובים.

*) הייליקן דעם נייעם חודש.

ר׳ יעקב קוקט אויף די שוין־קאָרעגירטע בויגנס, וואָס דאַרפֿן איבער־געגעבן ווערן צום דרוק, און ציילט מיט אַ באַזונדער פֿאַרגעניגן די „טויערן", ווי אַ רייכער באַלעבאָס זיינע הויפֿן: „דער טויער פֿון זון"; „דער טויער פֿון מזרח"; „דער טויער פֿון בלעטערפֿאַל"; „דער אויבער־שטער טויער"; „דער אונטערשטער טויער". ער טראַכט, אַז זיין סידור דאַרף זיך געפֿינען אויפֿן טיש פֿון יעדן יידן.

ווען דער דאַרער און בלייכער יוסף פּרעגער איז אין אַ זומער־טאָג אַריינגעקומען נעמען פּאַרטיקע כתב־ידן צום דרוק, האָט ר׳ יעקב אָפּיר־געצויגן אַ פֿרישן בויגן, דעם אַריינפֿיר אין דעם טויער וואָס הייסט „שלכת" *) און דאָרט אַריינגעשריבן די ווערטער:

„שטענדיק זאָל זיך אַ מענטש זען אויסלערנען אַ גרינגע מלאכה און זאָל אַנטלויפֿן פֿון שענדלעכע און מיאוסע מלאכות, ווי, למשל, אַ שערער, אַ פּאַסטוך, אַ חנוני **), און אין היינטיקע דורות מעג מען צוגעבן צו זיי די שולחנים, וואָס זייער מלאכה איז גזלנות און אַן עבירה, וועלכע ברענגט אַן מהומה און אַנגעשריי..."

ער האָט אָוועקגעשאַרט דעם בויגן און איז זיכער געווען, אַז ער האָט אָפּגעטאָן אַ תּפֿילה.

יוסף פּרעגער האָט מיט אַ באַזונדער הנאה צוגענומען דעם בויגן און איז אַראָפּ פֿון די טרעפּ.

אונטן, אין דרוק, האָט ער מיט התמדה געלייענט דעם בויגן און גע־טראַכט, אַז עס וואָלט גלייך געווען די ריביתניקעס און וואוכער־נעמער, די שולחנים, זאָלן זיך דערוויסן וואָס ר׳ יעקב האָט וועגן זיי געשריבן.

שפּעט נאָך האַלבן טאָג איז דער מעקלער יעקל גליקשטאָט דורכ־געגאַנגען אַ פּאָר גאַסן און לסוף עטלעכע מאָל געגאַנגען אַרויף און צוריק איבער דער סוחרים־גאַס. גייענדיק האָט ער געטראַכט פֿון דעם, אַז היינט האָט ער זיך גערעכנט אויף אַ גרעסערן פֿאַרדינסט פֿון אַ מעקלעריי. ער האָט שוין גערעכנט אויף זיכער, נאָר אין דער לעצטער מינוט, ווען דער מסחר האָט שוין געהאַלטן ביים געשלאָסן ווערן, האָט זיך דער ריביתניק מענדל שפּייער ניט געקענט אויסגלייכן מיט דעם האַמבורגער סוחר נתן

*) בלעטערפֿאַל.
**) אַ קרעמער.

האמערשלאג וועגן דער ריבית אויף דער הלוואה, און דאס האט גורם געווען, אז זיין פארדינסט זאל אויסרינען.

און שוין צום ווימפלטן מאל איז ער איצט נאכאמאל אין זיך געקומען צו דער קלארער איבערצייגונג, אז ער טויג נישט פאר מעקלעריי, אז אים פעלט לחלוטין די געניטקייט וואס א מעקלער דארף האבן.

יעקל גליקשטאט ווייס, אז די ריביתניקעס קוקן אויף אים ווי אויף א בטלן און עס קומט אים אויס, אז ווען נאך א שווערער הארעוואניע פון צונויפפירן א סוחר, וואס נויטיקט זיך אין מזומן, מיט די רייכע מלווים, פאלט אים שוין יא צו א פארדינסטל, דאכט זיך אים ערשט, אז דער געבער קוקט אויף אים, דעם מעקלער, ווי ער וואלט אומזיסט ארויסגעריסן געלט.

צו דער מעקלערישער פראפעסיע האט זיך יעקל גענומען, ווייל ער האט קיין ברירה ניט געהאט. וואלט ער געהאט די נויטיקע סומע שוחד פאר די ראשי־הקהל, וואלט ער היינט זיכער געווען א ראש־בית־דין אין האנאווער, אין ליבעק אדער אין בראנשוויג — נאר טויג ער זיך דען אויס פאר רבנות? און ער דערמאנט זיך, ווי ער האט געהערט פון ר׳ יעקבן, אז רבנות ביי די ראשי־הקהל איז נאך א נידעריקערע באשעפטיקונג ווי מעקלעריי...

און ער האט זיך ביז זיין איין־און־צוואנציקסטן יאר געגרייט צו רבנות. זיין פאטער, זיין זיידע — רבנים אין פלענסבורג, אין איימערספארט.

— יא, ר׳ יעקב איז גערעכט, — טראכט איצט יעקל. — די ראשי־הקהל, די וואס זייערע אויגן זיינען שטענדיק אנגעשטעלט אויף געלט, אויף מאכט, זיי זיינען דער אומגליק פון די קהלות.

די היץ איז געווען גרויס. די זון האט געברענט. אין א פענצטער פון א דענישן בעקער זיינען ארומגעפלויגן פעטע פליגן און זיך געפארט אויף זיסע געבעקסן.

עס איז אנטקעגן אנגעקומען דער ברייטער און שמאלציקער פרנס משה קובעס. יעקל האט א קוק געטאן אויף אים פון דער זייט און זיך דערמאנט, אז דער סימן פון א תלמיד־חכם איז וואס א פליג ווערט ניט געזען אויף זיין טיש. ער האט זיך אויך דערמאנט, אז ר׳ יעקב איז אן אמתער תלמיד־חכם און איז די שיינקייט פון די דריי קהלות.

ער האט פארלאזן די מסחר־גאס און זיך אראפגעלאזט צום ים, כדי זיך אפצוקילן אביסל פון דער חמימה.

א קילער ווינט האט דא געבלאזן פון איין זייט, פון א צווייטער. ביים האפן האבן זיך אנגעקליבן א היפש ביסל ליידיקגייערישע מעקלער, זיי

זיינען געשטאַנען און געקוקט אויף די כוואַליעס ,אויף שיפן, וואָס קומען אָן און גייען אַוועק, האָבן געשמועסט און דער ווינט האָט אָפּגעטראָגן זייערע ווערטער אין אַן אַנדער זייט.

פון אַ געסל איז אַנגעלאָפן יוסף פּרעגער מיט דעם פרישן בויגן פון ר׳ יעקבס סידור אין האַנט. ער האָט דערזען יעקלען און אים אויס־געשטרעקט דעם בויגן:

— זע נאָר, יעקל, וואָס דער רבי שרייבט אין סידור וועגן די שולחנים.

יעקל האָט אַריינגעקוקט אין כתב און זיין קיילעכדיק פּנים האָט זיך צעשמייכלט פון גרויס התפעלות, פון גרויס גליק, וואָס לא אלמן ישראל — פאַראַן נאָך, גאָט זיי דאַנק, תלמידי־חכמים, וואָס נעמען זיך אָן פאַר אָרעמע לייט, וואָס וואַגן אָנרופן די ריביתניקעס, די שולחנים ביי זייער אמתן נאָמען: גזלנים.

תקנות פון קהל

אָנהויב תמוז האָבן זיך געשטעלט גרויסע היצן. פון דער מיטאָג־שעה אָן האָט די זון געפלאַקערט. ס׳האָבן געגליט די דעכער. די ברוק־שטיינער האָבן געבריט די טריט ווי בשעתן צולייגן ווינטער־צייט אַ האַנט צו אַ שטאַרק־אָנגעהייצטן אויוון.

אין דער מסחר־גאַס — פאַרגאַסן דורכאויס פון דער הייסער זון — איז איצט געווען שטילער. דער ראש־הקהל האָט פאַררופן אַן אסיפה. אַלע פּרנסים, מנהיגים און אויך די דיינים און דער ראש־בית־דין אַליין, ר׳ יחזקאל קאַצענעלנבויגן, זיינען זיך צוזאַמענגעקומען צו דער אסיפה. ר׳ יעקב האָט געוואוסט, אַז מען וועט היינט רעדן וועגן אים, האָט ער אַהין צוגעשיקט זיינע תלמידים: יוסף פּרעגער און יעקל גליקשטאַט.

די פּרנסים, צוועלף ווי די שבטים, זיינען כמעט אַלע געווען אַלץ־איינס אָנגעטאָן, אין לאַנגע שוואַרצע טוכענע געהאַקטע קאַפּטאַנס מיט אַרבל, וואָס האָבן זיך ענג געשלאָסן אַרום דער האַנט און מיט געבלימלטע שאַלעכלעך לויז אַרומגעבונדן אויף די העלדזער.

אָן עולם האָט זיך אַרומגעדרייט אין דעם גרויסן קהל־זאַל פון אַלטונא און אין די זייטיקע חדרים, און געשמועסט. כאָטש עס האָט אינדרויסן געגליט די היץ, זיינען דאָ די פענצטער געווען פאַרמאַכט, מען זאָל אינ־דרויסן גאַרניט הערן. די גרינע פענצטער פון קהל־זאַל האָבן פאַרטונקלט די נאַכמיטאָגדיקע שיין, בלויז עטלעכע געלע שייבלעך ביי די ראַנדן האָבן דורכגעלאָזן זוניקע שטראַלן.

דער ראש־הקהל האָט דערלויבט אַלעמען, אויך ניט־פּרנסים, ביי־צוואוינען די אסיפה, כאָטש קיין שטים־רעכט האָבן זיי ניט געהאַט.

ווען דער אב־בית־דין איז אַריינגעקומען און פאַרנומען זיין בכבודיקן פּלאַץ, האָט דער פּעטער ראש־הקהל, יחיאלכי וואָלף, אַ גלעט געטאָן זיין אויסגעקעמטע באָרד, אַ שפּרייט געטאָן די הענט, אויף אַ מנהיגישן מאַניער, און דער עולם האָט זיך אויסגעזעצט לויט דער ריי. די חשובסטע — העכער, די ווייניקער־חשוב — נידעריקער.

דער ראש־הקהל האָט אָנגעהויבן:

— וויכטיקע נייעס. איך האָב געבעטן די פּרנסים, די ממונים און דעם ראש־בית־דין קומען, כאָטש עס איז אָנהויב חודש. הערט־צו, רבותי! עס

איז געקומען צו אונדזערע אויערן, אַז יעקב עמדינער, וואָס האָט מיט אַ יאָר צוריק באַקומען רשות פון די פּרנסים צו מאַכן אַן אייגענעם מנין, האָט געשריבן שלעכטס אויף די פּרנסים.

פון צווישן דעם עולם האָט זיך דערהערט אַ פאַרוואונדערט קול:

— יעקב עמדינער? מיינט דער ראש־הקהל ר׳ יעקב פון דער הויז אַשכנזי? מיינט ער דעם זון פון ר׳ הירש, דעם אייניקל פון ר׳ זלמן מירלש?

— ריכטיק. דעם אַשכנזי, וואָס האָט פאַרלאָזן ס׳רבנות אין עמדין...

יעקב שלעזינגער, אַ הויכער, אַ שוואַרצער, מיט גרינלעכע אויגן, וואָס איז געזעסן אין אַ סאַמעטענעם כאַלאַט און זיך געשפּילט מיט דער גאָלדענער קייט פון זיין זייגער, האָט עפּעס אַריינגערוימט אין אויער דעם ראש־הקהל.

יחיאלכי וואָלף האָט ווייטער גערעדט:

— מיר האָבן אים געגעבן חזקת־הקהלה, כאָטש ער האָט ניט איינגעצאָלט אַלע מסים *), אָבער ער רופט אונדז „גזלנים״ און זאָגט, אַז מען טאָר ניט לייען קיין געלט אויף ריבית צו אַ גוי...

דער האַמבורגער פּרנס משה אהרן האָט זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ סאַמעטן דין קול אַ זאָג געטאָן:

— איך בעט רשות. איך וויל וויסן, צי דער ראש־הקהל אַליין האָט געלייענט וואָס ר׳ יעקב האָט געשריבן? איז ער זיכער, אַז ער מיינט די פּרנסים?

יחיאלכי וואָלף האָט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און אים מפסיק געווען:

— און אַז ניט זיכער, איז וואָס? וואָס ווילט איר, ר׳ משה אהרן, ער זאָל אונדז דערמאָנען ביי די נעמען? וועמען אַנדערש מיינט ער? ווער זיינען „שולחנים״, מיר אָדער די סוחרים פון מדינת־הים? **)

— וואו מ׳איז ניט פעסט און זיכער קאָן גרינג אַרויסקומען אַן אומזיסטער בלבול, — האָט משה אהרן ווידער אויסגערופן ווי אין חלל אַריין.

— ווער מאַכט בלבולים? — האָבן עטלעכע אויפגערעגטע שטימען פון פּרנסים זיך אַ טראַג געטאָן מאַנענדיק. — מיר ווייסן גוט וועמען דער אשכנזי מיינט. ער שטעלט פאַר זיך קיינעם ניט...

— ר׳ יעקב איז אַ זון פון אַ גאון, אַן אייניקל פון אַ האַר ביי יידן,

---

*) ציינזן, אָפּצאָל־געלט צום קהל.
**) יענער זייט ים.

וואָס תורה און רייכקייט זיינען געווען ביי זיין טיש. אַ תלמיד־חכם דאַרף זיין עומד על דעתו, דאַרף קיינעם פאַר זיך ניט שטעלן, — האָט משה אהרן געענטפערט געלאַסן.

— אויף דערויף זיינען מיר דאָ, מיר זאָלן ניט לאָזן שרייבן וואָס מען דאַרף ניט, — האָט יעקב שלעזינגער געענטפערט מיט אַ ניט־דאַאיק קול.

— סיי־ווי קאָנט איר אים גאָרניט טאָן, ער האָט חזקת־הקהל...

מען דאַרף אים אַרויסשיקן פון האַמבורג, מען דאַרף פאַרבאָטן דעם פאַרקויף פון זיין סידור, — האָט יחיאלכי וואָלף געצאָרנט. אָבער משה אהרן האָט אים ווידער געענטפערט. ער האָט גערעדט מיט ישוב־הדעת, אָבער איינגעשפּאַרט:

— פונקט ווי מען דאַרף זיין געוואָרנט מיט אַ גליַיענדיקער קויל, אַזוי דאַרף מען זיך היטן פאַרן צאָרן פון אַ תלמיד־חכם, מען זאָל חס־ושלום ניט אָפּגעבריט ווערן, ווייל זיין ביס איז פון אַן עקדיש און זיין כעס פייערט...

אַ געזשום האָט זיך אָנגעהויבן צווישן עולם.

יחיאלכי וואָלף, וואָס האָט שוין איצט געסאָפּעט פון היץ און פון זיין אייגענער שווערקייט, האָט פון פאַרדרוס אויף משה אהרנען מער קיינעם קיין וואָרט ניט געגעבן. ער האָט זיך אַריבערגעבויגן צום אַלטן ר׳ יחזקאל, געוואָלט ער זאָל מיט זיין וואָרט באַרואיקן די געמיטער.

דער אַלטער האָט איצט צום ערשטן מאָל אויפגעהויבן זיינע קליינע מוטנע אויגן אויף די פאַרזאַמלטע. ער האָט אַרויסגעלאָזן די אָפּגעגאַנגענע הענט פון די ברייטע אַרבל פון זיין זשופּיצע, זיך פּאַמעלעך געוויגט אויף דער שטול און אָנגעהויבן שטאַמלען:

— פון וועגן דעם וואָס ר׳ יעקב, דער זון פון גאון ר׳ צבי הירש, האָט געשריבן וועגן די שולחנים, איז נויטיק מען זאָל דעם ענין קלאָר מאַכן. מען טאָר ניט משפּטן אַ מענטשן אונטער די אויגן. אויב עס איז מעגלעך, זאָל דער ראש־הקהל מוחל זיין און אים מזמין זיין אַהער... און פון וועגן היתר־עיסקא, איז דאָך ניט שייך. ווי אַזוי קאָן עס ר׳ יעקב פּסקענען? דער מהר״ם מלובלין איז דאָך בפירוש מתיר, דער רמב״ם האַלט אַז עס איז אַ מצוות־עשה, לנכרי תשיך.

ער האָט פאַרענדיקט און זיינע ווייסע ברעמען האָבן זיך אַרונטער־געלאָזן, צוגעדעקט זיינע מידע אויגן.

— רבותי, מיר זיינען מפסיק די אסיפה אויף אַ שעה, — האָט יחיאלכי וואָלף געזאָגט מיט אַ באַרואיקט קול און זיך געווישט דאָס פּנים מיט אַ

קאַלירטער טוך. ווען די זיצונג האָט זיך געענדיקט, האָט זיך צווישן עולם אויפגעהויבן אַ טומל.

— אַן עזות, מטריח צו זיין אַהער ר׳ יעקבן אין אַזאַ היץ! — האָט זיך יעקל גליקשטאָט געשאַקלט.

— הדיוט! ווער ביסטו אַזוינס, וואָס דו רעדסט קעגן אַב־בית־דין און ראש־הקהל? — האָט עמעצער אויסגערופן.

— יחיאלכי וואָלף ווייסט וואָס ער רעדט! — האָט זיך דערהערט נאָך אַ קול.

— עמדין איז אַ בעל־גאווה, גרויסט זיך קעגן אַב־בית־דין, מען דאַרף אים מחרים זיין.

— אויב מחרים זיין, דאַרף מען יחיאלכי וואָלפן.

— פאַרמאַך דיין מויל, חצוף!

יעקל גליקשטאָט האָט זיך פאַרשטעלט מיט אַן עלנבויגן, ווי מען וואָלט זיך געקליבן אים שלאָגן, און האָט זיך אויף גיך אָפּגערוקט אין אַ זייט.

יחיאלכי וואָלף האָט עטלעכע מאָל געקלאַפּט מיט דער האַנט אין טיש ביז דער עולם, וואָס האָט זיך נאָך אַלץ געהיצט, געשפּאַרט און געטומלט, איז אַנטשוויגן געוואָרן.

ר׳ יחזקאל קאַצענעלנבויגן איז אַריינגעקומען. נאָך אים איז נאָכגעגאַנגען דער הויכער ר׳ יעקב, אַנגעטאָן אין שוואַרצן זייד. דער ראש־הקהל האָט אים אָנגעוויזן, ער זאָל זיך זעצן אַנטקעגן אַב־בית־דין.

די זיצנדיקע האָבן נייגעריק געמורמלט צווישן זיך. ר׳ יעקב האָט טעמפּ געקוקט אויף די פאַרזאַמלטע און דער אַלטער ר׳ יחזקאל האָט געקוקט אויף אים מיט גלעזערנע פאַרנעפּלטע אויגן.

יחיאלכי האָט ווידער עטלעכע מאָל געקלאַפּט איבערן טיש און האָט אַ וואונק געטאָן צום שרייבער: — לייען!

דער קהל־שרייבער, אַ יונגערמאַן מיט אַ ציגן קול, האָט אָנגעהויבן אַרויסלייענען ווי פון אַ מגילה:

„צום וויסן פון אַלע יידן, די הייליקע לייט, די זין פונעם בונד, דאָס די האַרן פון די יידן, די ראשי־הקהל אין די דריי קהלות „או״ה למושב״ *) האָבן זיך בארעטן און באַשלאָסן, אַז קיין שום ייד טאָר ניט לייען קיין ערל פאַר וויניקער ווי צוועלף פון הונדערט צינזן, כדי עס זאָל ניט ביליק ווערן

*) או״ה — אַלטונאַ, וואַנדזבעק, האַמבורג.

און ס'זאָל ניט ברענגען שאָדן צו די זין פונעם בונד, די קינדער פון ישראל, ווי אין פסוק שטייט: לנכרי תשיך — אַ פרעמדן מעגסטו צינזן... ביז דאָן די תקנה.

„און מיר, די פּרנסים פון די הייליקע קהלות, האָבן היינט, אַכט טעג אין חודש תמוז, פאַרפעסטיקט די תקנה, אויסגעקלאָרט די ווערטער, אַז ווער עס וועט עובר זיין זאָל צאָלן קנס דעם קהל, באַכדעם ווי דער פּרנס און די ראַטמענער וועלן פאַרשן און נאָכפרעגן און אויסגעפינען. — — —"

ר' יעקב האָט זיך אַרומגעקוקט, זיינע ברוינע אויגן האָבן מאָדנע געפינקלט. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— איך בעט רשות, אַזאַ תקנה איז קעגן דין־תורה. מען קאָן ניט מתקן זיין מען זאָל מוזן נעמען ריבית פון אַ פרעמדן, אויף קיין שום אופן אין דער וועלט ניט.

יחיאלכי וואָלף האָט אַ גלעט געטאָן זיין באָרד און געלאָסן גערעדט:

— ר' יעקב אַשכנזי, זאָל אייער כבוד מוחל זיין, ניט איר זענט פון די וואָס מאַכן די תקנות און ניט איר קאָנט פאַרווערן אַ תקנה.

— איך בעט מיך לערנען, — האָט ר' יעקב אויסגערופן מיט אַ ציטער־דיק קול, — כ'וויל הערן וואָס דער אַלטער מורה *) האָט צו זאָגן וועגן דער תקנה, איז זי על־פּי תורה?

אַלע אויגן האָבן זיך איצט געווענדט אויפן זקן. ר' יחזקאל האָט גאָר־ניט געענטפערט. ער האָט עפּעס אין דער שטיל געמורמלט און האָט גאָרניט געזען און גאָרניט געהערט.

ר' יעקב האָט ווידער געמאָנט:

— איך בעט מיך לערנען, וואָס מיינט מען, וואָס איז מען אויסן מיט אַזאַ תקנה...

צווישן די פאַרזאַמלטע האָט זיך ווידער אויפגעהויבן אַ טומל.

צווישן אויסרופן „שאַ" און „שטיל", האָט ר' יעקב אויסגעשפּרייט די הענט צו דער ערד און שוין גערעדט מיט אַן אויפגערעגט קול:

— איר האָט מיך גערופן, האָב איך אייך געוואָלט דעם כבוד אָנטאָן און בין צו אייך געקומען. יעקב, דער זון פון גאון ר' צבי הירש, שרעקט זיך פאַר קיינעם ניט. אויב די תקנות זיינען קעגן דין־התורה, וועל איך שרייבן, אַז זיי זיינען בטול.

*) מורה — לערער, רב.

דער טומל האָט זיך געשטאַרקט, קולות האָבן זיך געקרייצט:

— ווער איז אָזוינס דער אשכנזי, וואָס רעדט קעגן ראש־הקהל?

— משה אהרן, רעדסט ווי אַ האַמבורגער מעקלער.

— ר׳ יעקב איז אַזאַ למדן ווי דער אב־בית־דין, נאָך אַ גרעסערער...

— שוייג, דו פּרוטה־שנאָרער, יחיאלכי וואָלף וועט דיך אויסרייסן.

— מיר ווילן הערן, וואָס דער אב״ד ענטפערט אויף די טענות פון אשכנזי.

ר׳ יחזקאל האָט גענומען שטאַמלען, ווי ער וואָלט זיך געלערנט רעדן, און יחיאלכי וואָלף האָט געקלאַפּט אין טיש. דער עולם האָט זיך געהויבן, געשאַרט פון איין אָרט צום צווייטן און געמאַכט מיט די הענט.

ר׳ יעקב האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאָלצער, אויף זיין פּנים איז פאַר־גליווערט געוואָרן אַ שמייכל. ער האָט געקוקט אויפן אַלטן רב, וואָס איז געזעסן ווי אַ תם, אַ נידעריקער מיט זקניש פּנים, מיט אַ מויל פול מיט שיטערע פּעניעס, און האָט געהאַט אַ פאַרשלאָפענע נאָז און אַ ציגן־בערדל. איצט האָט ר׳ יעקב געפילט ווי שטאַרק ער קאָן ניט ליידן דעם רב פון די דריי קהלות און האָט אין אים געהאַט נקמה, וואָס ער האָט קיין כח ניט געהאַט אים צו ענטפערן.

יחיאלכי וואָלף האָט ניט אויפגעהערט צו קלאַפּן, און ווען דער עולם האָט זיך אַביסל באַרואיקט, האָט דער קהל־סופר ווידער גענומען אַרויס־לייענען פון דער מגילה:

„מען האָט פאַרפעסטיקט און צוגעגעבן, אַז ווער ס׳פאַרשוועכט גאָטס נאָמען און ווידערשפעניקט דער דאָזיקער תקנה, זאָל מען אים באַשטראָפן און ניט מוחל זיין און ניט צודעקן די עוולה, קיין שום מענטשן אין דער וועלט, נישט איבער אַ שייכות, נישט איבער תורה און נישט איבער קיין שום זאַך. — — —“

אין מיטן לייענען האָט מען באַמערקט, אַז ר׳ יעקב איז אַרויס פון זאַל.

„דער וואָס וועט עובר זיין“, — האָט דער סופר ווייטער געלייענט, — „זאָל אָוועק פון דער קהלה מיטן ווייב און קינדער, און זאָל אים קיין שום אויסרייד אין דער וועלט נישט העלפן, און וואָס געשען, איז געשען.“

יחיאלכי האָט אַ וויש געטאָן מיט דער פאַטשיילע דאָס גלאַנציקע פּנים. יוזפאַ האַלענדער, וואָס איז געזעסן ביי זיין רעכטער זייט, האָט אים עפּעס אַריינגערוימט אין אויער, האָט ער זיך פאַרנייגט פאַר דער אסיפה, דריי מאָל געקלאַפּט — אַ צייכן, אַז די אסיפה איז געענדיקט.

גדעונס שווערד

עס איז געווען אין אַ שפּעט־זומערדיקן פאַרנאַכט. ר׳ יעקב איז גע־שטאַנען אין פענצטער פון זיין מנין און אַרויסגעקוקט. דער מערב האָט רויטלעך געבליײַכט און די זון איז ניט געווען. ער האָט דערזען ווי פון אַנטקעגנאַיבערדיקן מויער טראָגט אַ גויאישער איינוואוינער זיינע קישנס און פעקלעך און לייגט זיי אָפּ לעבן זיין הויז.

— משולם־זלמן, — האָט ר׳ יעקב אַ באַפעל געטאָן זיין זון, — גיי אַרויס און פרעג דעם גוי וואָס ער וויל דאָ מיט זיינע מטלטלין.*)

— דער ערל איז דער מויערער פון יאָהאַן מאַנגערן, ער האָט אונדז געהאָלפן פאַרמויערן אַ וואַנט. איצט האָט אים זיין האַר אַרויסגעטריבן פון דער דירה און ער באַגערט אַוועקצולייגן זיינע זאַכן אין חדר ביי דער דרוק. ער זאָגט־צו דערפאַר אָפּצואַרבעטן, — האָט משולם־זלמן געענטפערט.

— אַז ער האָט ניט וואו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן, זאָל ער פאַרנעמען דעם חדר. „ורחמיו על כל מעשיו...״ **)

נאָך מעריב איז ר׳ יעקב אַרונטער אין דרוק און געטראָפן דאָרטן דעם נייעם שכן זיצן איבער אַ בוך. דער הויכער דייטש האָט פאַרמאַכט דאָס בוך און זיך אַ בויג געטאָן פאַר ר׳ יעקבן:

— איך דאַנק דעם האַר פאַר זיין לייטזעליקייט.

ר׳ יעקב האָט אים עפּעס געענטפערט אין אַ האַלב־צעבראָכענעם דייטש, אַז דער שכן האָט גאָרניט פאַרשטאַנען.

— איך וועל מאָרגן פרי דעם הויף אויסרייניקן, די ביימער אַרומ־קאָלעכן.

ר׳ יעקב האָט געעפנט דאָס בוך וואָס דער שכן האָט נאָר־וואָס, בעת זיין אַריינקומען, אַוועקגעלייגט; אַריינגעקוקט און אַ פרעג געטאָן:

— לייענסט געשיכטע?

— יאָ, הער ראַבינער, די געשיכטע פון דעם פויערים־אויפשטאַנד אין 1525, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון דעם „מאַן פון גדעונס שווערד״.

— ווער איז דער מאַן פון גדעונס שווערד?

— אַ קריסטלעכער הייליקער.

---

*) באַוועגלעך פאַרמעגן.

**) גאָטס רחמנות אויף יעדער באַשעפעניש.

ר׳ יעקב האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אין אַ ספר „צמח דוד״ פון איינעם ר׳ דוד פּרעגער, אַ תלמיד פון רמ״אָ, געלייענט וועגן זייערן אַ הייליקן וועמען זיי רופן „פּראַנציסקוס הקדוש״, וואָס פלעגט „גיין אין בעט־לערישע קליידער, רעדן צו פייגל און ווערים, רופן די זון — ברודער און די לבנה — שוועסטער״, און ניט געקענט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ שייכות יענער האָט מיט דעם בוך.

שפּעטער, ביי אַ הייסער גלאָז טיי, איז שוין ר׳ יעקב געזעסן איבערן „צמח דוד״, געלייענט די כראָניק פון דעם פּראַגער גאון און אויסגעפונען, אַז דער „מאַן פון גדעונס שווערד״ איז ניט דער זעלבער פראַנציסקוס, וואָס האָט גאָר געלעבט אין 13טן יאָרהונדערט לויט דער נוצרישער ספירה. ער איז גאָר געווען אַ רוימישער קאַטאָליק און אַ בן־דור פון ר׳ יהודה החסיד פון רעגענסבורג. — — — — — — — — — — — — — — — —
— —

. . . אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיך פון די דערפער, וואָס אויף יענער זייט רהיין, געצויגן פורן, כדי אָנקומען פרי אין שטאָט. רויטע, שוואַרצע, גרויע, געפלעקטע אָקסן האָבן קאַלטבלוטיק געמאָסטן דעם זאַמדיקן וועג מיט זייערע צעשפּאַלטענע קאָפּיטעס, שלעפערדיק געמאַלעגיירעוועט און אָקסיש־אונטערטעניק געשלעפּט אָנגעלאָדענע פויערשע וועגענער.

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע. ברודיקע און קנויליקע כמאַרעס האָבן נאָך פון אָנהויב אָוונט זיך געוויכערט איבערן הימל און אים קויטיק געמאַכט. ס׳האָט געשמעקט מיט רעגן, מיט היי, מיט פאַרוועלקטע קרייטעכצער, מיט געשמירטע וועגענער.

ביים ברעג טייך זיינען די פורן געבליבן שטיין. אַ לאַמטערנדל אויפן ברעג האָט אַרויסגעשיינט פון וואָרעמען נעפּל, אָנטבלויזט די שאַרפע קאַנ־טורעס פון דער שטאָט און זיך געשפּיגלט מיט אַ פאַרחלשטער שיין אין די גרויסע גלייכגילטיקע אָקסישע אויגן.

ביי פרידריך גוטמאַכער אין הויז, וואָס איז געשטאַנען צווישן שיטערע ליפּע־ביימלעך, איז געווען פינצטער. דאָס הילצערנע טירל, וואָס איז גע־האַנגען אויף זאַוויעסעס פון שטריק, פלעגט זיך יעדעס מאָל אויפמאַכן, שטיל און פאַרזיכטיק, און אַריינלאָזן אַ פרישן שטראָם ביינאַכטיקע קילב־לעכע לופט. אָפּגעריסענע קולות פון ברעג האָבן זיך געגליטשט — און אויך אַ מענטש — אין דער פינצטערניש.

— גוטן אָוונט, — האָט דער מענטש געהיימניספול אָפּגעאָטעמט אין דער געדיכטער פינצטערניש.

— גריס גאָט, — האָט אויך אַזוי סודותדיק געענטפערט עמעץ אין דער פינצטערניש דעם באַגריסער, אַ הויכער, אַ בלאָנדער מיט וואַסערדיקע אויגן.

און אַזוי שטיל ווי דאָס טירל האָט זיך געעפנט, אַזוי האָט זיך עס שטיל צוריק פאַרמאַכט און קיינער אין דער וועלט האָט ניט געקאָנט חושד זיין, אַז אין דעם קליינעם, אָרעמען הייזל קומט פאָר אַ געהיימע באַראַטונג פון אָרעמע פויערים. אַ באַראַטונג, וואו מען באַהאַנדלט פראַגן פון לעבן און טויט.

די לאַסט פון די רייכע באַראָנען, די לאַנד־אייגנטימער, איז געפאַלן שווער אויף די אָרעמע פויערים פון פראַנקאָניע, פון זאַקסן און פון שוואַביע. דער קעניג האָט געדריקט מיט שווערע צינזן און פאַר יעדן מינדסטן ווידער־שטאַנד האָט מען געהאַנגען.

מיט צוויי וואָכן פריער האָט דער פאַסטאָר טאָמאַס מיונצער פון בלאַנ־קענבורג געדרשנט פאַר די פויערים און געוואָרנט:

„אויב די אַלע, וואָס שאַפן דאָס גאַנצע רייכטום, האָבן נישט קיין רעכט אויף גאָטס וואָרט — אויפצוקלייבן די פרוכט פון דער ערד, וועלכע זיי האָבן, לויט גאָטס באַפעל, אויסגעאַרבעט מיטן שווייס פון זייערע פנימער, — דעמאָלט מוזן מיר אַריינטרעטן אין קריג אויף מעסערס מיט די שונאים, וועלכע זיינען גאָטס שונאים...“

נעכטן האָט מען פאַרמשפט צום טויט צען פויערים, און אַ הויל־קעפּיקער, מיידלש־פּולבאַקיקער קאַטוילישער פאָטער האָט זיי געפירט צו דער תליה.

דער שוואַבישער פרינץ רודאָלף, אַ שטרענגער, גאָטס־פאַרכטיקער עוואַנגעליקער, לוטערס אַן אָנהענגער, האָט שטרענג אָפּגעהיט די פרייהייט פון גלויבן, געזען אַז די פאַראורטיילטע זאָלן פאַרן טויט באַזאָרגט זיין מיט גייסטלעכע פון זייער אמונה. מאָרגן וועט מען הענגען דרייסיק עוואַנ־געליקער. אַ לוטעראַנישער פאַסטאָר וועט זיך אומקערן צוריק, טראָגן מיט זיך טויט־שרעק און אַ ריח פון פרישעביימער...

פאַסטאָר מיונצער, אַן עוואַנגעליקער און מיט יאָרן צוריק אַ הייסער חסיד פון מאַרטין לוטער, וועלכער האָט זיך איצט געפונען ביים פויער פרידריך גוטמאַכער אין הויז, האָט זיך געווישט דעם שווייסיקן שטערן און אַרויסגעזיפט דורך די ציין אַ טרייסט:

— ניין, מען טאָר די האָפענונג ניט פאַרלירן... נאָך מאָרגן וועל איך אַריבערפאָרן צו לוטערן און אים דערציילן וועגן דיליידן פון די ברידער אין משיחן. איך וועל אים בעטן, אַז ער מיט זיין פריינט מעלאַנכטאָן זאָלן רעדן צום פּרינץ און זאָל ער פאַרלייכטערן דעם יאָך...

— לוטער און מעלאַנכטאָן וועלן זיך פאַר אונדז ניט איינשטעלן, — האָט זיך פרידריך גוטמאַכער, אַ נידעריקער, קיילעכדיקער, אָנגערופן מיט אַן אַנטשלאָסענער שטים און דערביי געמאַכט אַ פויסט.

— נאָך צוויי טעג זאָל מען וואַרטן. נאָכדעם, אויב לוטער וועט גאָרניט טאָן, וועל איך אַליין אָנפירן מיטן אויפשטאַנד,—האָט מיונצער געענטפערט.

— נאַ, זע, ברודער, וואָס לוטער שרייבט, — האָט גוטמאַכער אַפיר־געצויגן אַ בויגן און געלייענט:

„עס העלפט אויך ניט די פויערים, ווען זיי זאָגן, אַז לויט בראשית א׳ און ב׳ זיינען אַלע זאַכן באַשאַפן געוואָרן פריי פאַר אַלעמען און אַז מיר אַלע זיינען גלייך געטויפט. ווייל אין דעם נייעם טעסטאַמענט האַלט מען ניט פון משהן און מען רעכנט זיך ניט מיט אים; נייערט דאָרטן שטייט אונדזער מייסטער יעזוס קריסטוס און וואַרפט אונדז אונטער מיט לייב און גוטס אונטער דעם קעניג און דער וועלטלעכער רעכט.“

— בלויז נאָך אַ צוויי טעג, וואַרט, האָט געדולד, — האָט זיך מיונצער געבעטן...

ווען מיונצער האָט אינדערפרי פאַרלאָזן גוטמאַכערס הייזל, האָט נאַכט זיך שוין געבאָדן אין פאַרטאָגיקער מילכיקער גרויקייט. ביים ברעג האָט ער געזען ווי די פויערים שפּאַנען רואיק, מיט אַ געמאַכטן גלייכגילט, ווי זיי וואָלטן זיך אומגעקערט פון אַ געבעט אין דער קירך. קיינער וואָלט זיך ניט געקענט ריכטן, אַז די דאָזיקע דערשלאָגענע און הונגעריקע נפשות וועלן אינגיכן אָנפירן מיט אַ גאַנצן אויפשטאַנד קעגן די לאַנד־באַזיצער, קעגן לוטערן, קעגן קעניג אַליין. — — —

„... און ווען דער פּאַסטאָר טאָמאַס מיונצער איז געקומען אין אויגס־בורגער שלאָס צו מאַרטין לוטערן און אים דערציילט וועגן די גערעכטע טענות פון די פויערים, האָט אים דער קריגערישער מאַן קעגן געצנדינערישן רוים געוואָרפן אַ פסוק: „פאַרכט גאָט, מיין זון, און דעם מלך...“ דער פּאַסטאָר פון די אָרעמע שוואָבישע און זאַקסישע פויערים האָט פאַר אים אויסדערציילט די ליידן פון די ערד־אַרבעטער און די קנעכט, די קינדער אין קריסטוסן, אָבער דער נידעריקער און כיטרער פאַטער פון דער רע־

פאַרמאַציע האָט אים געוואָרנט ער זאָל אַראָפּנעמען די פּסוקים פון דער ביבל, וואָס די פּויערים האָבן אויפגעשריבן אויף זייער פאָן, ווייל „די ביבל — האָט ער געזאָגט — איז ניט מאַסגעבנדיק פאַר די אָרעמע מאַסן...“

מיט צאָרן האָט מיונצער פאַרלאָזן דעם אויגסבורגער שלאָס, האָט אַפילו דעם צלם ניט געקושט.

אויף מאָרגן האָט ער אויף אַ בויגן פּאַפּיר אויפגעשריבן פּסוקים פון שופטים, פון ירמיהו און פון תהלים, צוגעגעבן זיינע פירושים און האָט פאַרענדיקט מיט די ווערטער:

„מאַרטין לוטער, דו ווילסט אונטער דעם נאָמען פון משיחן בלייבן אַ געצנדינער און זיך צודעקן מיט פּאָולן, מ׳וועט דיר אָבער דעם וועג פאַרלויפן.“

אונטערגעחתמעט האָט ער זיך:

„טאָמאַס מיונצער, דער מאַן פון גדעונס שווערד.“

„דעם וועג פאַרלויפן“ האָט זיך מיונצערן ניט איינגעגעבן. ווי אַלע געדריקטע אויפשטאַנדן פון די אָרעמע אין יענע צייטן, איז אויך מיונצערס פּויערים־בונט דערטרונקען געוואָרן אין טייכן בלוט. אָבער זיין מוטיקער גייסט האָט נאָך אַ היפּשע צייט געלעבט אין די געהיימע בונדן פון די דייטשע פּויערים, וועלכע פלעגן באַפאַלן די יונקערישע הייזער און פעלדער, רויבן און ירשענען.

די רויטע פאָן מיט דער אויפשריפט „כי לא לנצח ישכח אביון, תקות ענוים תאבד לעד“ *) ליגט נאָך ערגעץ אין אַ דאָרפיש הייזל אויף אַ שיטער גרוי פעלד פון שוואַביע, און מיונצערס ווערק „גדעונס שווערד“ ווערט געלייענט פון אָרעמע פרומע פּראָטעסטאַנטן. עס איז יאָ „מאַסגעבנדיק“ פאַר די געדריקטע אין משיחן. — — — — — — — — — — — — — — — —
— —

ווען עס ווערט קאַרל זעגערן — דעם אָרעמען מויערער, וואָס האַלט זיך אויף ביי ר׳ יעקב אשכנזין אין דער דירה — אומהיימלעך, און ער זוכט אַ היילונג פאַר זיין אומעט, פאַרטראַגט ער זיך אין כלערליי וויטקייטן. מערסטנס לייענט ער דעם תנ״ך. זיין אייגן לעבן לייענט ער דאָרט ווי פון אַ בוך אַרויס.

*) ניט אויף אייביק וועט דער אביון פאַרגעסן ווערן, די האָפענונג פון אָרעמע לייט וועט ניט פאַרלאָרן.

ווי רויך לייטערט זיך אין וואַסער פון אַ נאַרגילע־פלאַש, אַזוי לייטערט די ווייטקייט. ווייטקייט פון טעג, פון יאָרן.

פאַרטאָג. מען האָט שוין די לאָמפּן אויסגעלאָשן אויפן ברוק. אין דער דערבייאיקער שענק האָבן די נאַכטיקע האָפן־אַרבעטער די לעצטע גלעזלעך ביר אין זיך דערטרונקען. אויפן טונקעלן האַמבורגער הימל זינקט די לבנה אין גרויען נעפל, וואָס שפּרייט זיך איבער די מויערן אַראָפּצו, צו דער עלבע.

קאַרל זעגער זיצט ביי דער טיר פון ר׳ יעקבס הויז און טראַכט וועגן דעם בוך „גדעונס שווערד״ פון פּאַסטאָר טאָמאַס מיונצער, אַ באַשרייבונג וועגן פּויערים־אויפשטאַנד אין יאָר 1525.

פּאַר די אויגן נעפּלט אים, ווי פון אַן אויפגעמישטן בלאָט. ס׳האָט זיך ביים לייענען דאָס בוך געשטעלט דאָס יאָר 1525, ווען פּאַסטאָר מיונצער האָט ביים רהיין, אויף די אַרץ־בערג, געפירט אַ הייליקן קריג קעגן לוטערן און די גרויסע לאַנד־באַזיצער. — — —

אַכט אַזייגער אינדערפרי, ווען אַ בלייכע זון זיצט שוין אין מיטן גאַס און מיט קאַסע שטראַלן גילדט זי אָפּ די האַלב־קיילעכדיקע פענצטער פון ר׳ יעקבס מויער, גייט ר׳ יעקב אַרויס פון מנין אין גאַס אַריין מיט יוסף פרעגערן. לויט דעם אויסזען און דער קליידונג ווייסט קאַרל זעגער ווער איז ווער: אין אַט דעם הויכן, אָנגעטאָן אין שוואַרצן, מיט אַ סאַמעטענער יאַרמעלקע, דערקענט ער ר׳ יעקבן. דעם נידעריקן, מיטן קיילעכדיקן שוואַרצן בערדל אַרום די באַקן זעט ער צום ערשטן מאָל. ער איז זיך משער, אַז דער יונגערמאַן מוז זיין דעם ראַבינערס געהילף אין דרוק.

קאַרל זעגער דערמאָנט זיך, אַז איינער פון די זעצער אין דרוק האָט אים דערציילט וואָס פּאַר אַ גאָטספּאַרכטיקער מענטש דער ראַבינער איז, ווי ער היט אָפּ די געבאָטן צווישן מענטש און מענטש. ער באַהאַנדלט זיינע אַרבעטער מיט חסד און שטראָפט די רייכע יידן פון דער געמיינדע. ער האָט אַפילו געשריבן אַ געבעט־בוך, אין וועלכן ער שפּאָט אָפּ פון די אַלטונער וואוכער־נעמער און פּראָצענטניקעס. די אַלטונער יידישע פּראָצענטניקעס האָבן די האַמבורגער ניט־יידישע אַרבעטער ניט ווייניקער פיינט געהאַט ווי זייער אייגענעם סענאַט, ווי זייערע אייגענע רייכע באַלעבאַטים.

ר׳ יעקב און פרעגער ענטפערן פריינטלעך אויפן גוט־מאָרגן פון זייער קריסטלעכן שכן. ר׳ יעקב גייט אַרויף אין זיין דירה, יוסף פרעגער — אין דרוק.

קיינמאָל איז נאָך קאַרלען אַזוי שווער ניט געווען אויפן האַרצן ווי

איצט. ווען יוסף פרעגער נעמט זיך צו אַ פרישן בויגן, גייט קאַרל צו אים צו, באַקענט זיך און באַלד פאַרקניפּט זיך אַ שמועס. דער הויכער בלאָנדער דייטש דערציילט אים אויס זיינע געדאַנקען ביים לייענען דאָס ווערק „גדעונס שווערד". פרעגער פאַרשפּיצט אַן אויער, הערט זיך איין צו די פּירושים אויף תנ"ך פון אַ גלח וואָס נעמט זיך אָן פאַר די אָרעמע. דער גוי רעדט אַזוי שפּאַרעוודיק, מיט אַ נאַגגנדיק-הילפלאָזן אומעט. ווען ער בלייבט שטיל — ווייל צו פאַרענדיקן אַ געדאַנק קלעקן אים קיין ווערטער ניט — הייבט פרעגער אויף די אויגן און דערציילט אים וועגן דעם ריביתניק יחיאלכי וואָלף, וואָס באַוואולהט די מעקלער, די האַמבורגער קליינע הענד־לער. ביסלעכווייז ווערט זיין שטים צאָרנדיקער, אויפגערעגטער, ווי אויך ער וואָלט וועלן אויסלאָדן אַלץ וואָס ער טראָגט אויפן האַרצן.

קאַרל זיצט פאַרטראַכט אויף אַ קאַסטן שריפט און טוט זיך קיין ריר ניט. אָפט גיט ביי אים בלויז אַ ציטער די לינקע ברעם און ער שוויגט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אויפוועקן מיט זיינע רייד אַ נייעם שווערן ווייטיק, וואָס ליגט ביי אים באַהאַלטן טיף אין האַרצן. אַ ווייטיק און אַ פּראָטעסט קעגן זיין אייגענעם געוועזענעם האַר, וואָס האָט אים געטאָן אַזויפיל עוולות, געצאָלט אַ הונגער־לוין און נאָכדעם אַרויסגעשמיסן ווי אַן אויסגענוצטע זאַך, וואָס טויג שוין צו גאָרנישט.

וואָס מער פרעגער האָט גערעדט, אַלץ מער האָבן זיינע פשוטע, ביט־פאַרשפּיצטע ווערטער, אין אַ שלעכטן דייטש, געמישט מיט יידיש־טייטש, ווי שאַרפע שטיקלעך גלאָז געריסן קאַרלס האַרץ, זיך געשניטן אין זיין נשמה.

— אַך, — טוט קאַרל אַ טראַכט, — ווען דער גוטער ראַבינער זאָל וויסן וועגן אַמאָליקן פויערים־בונט קעגן די שוואַבישע באַראָנען און גוט־באַזיצער אין לוטערס צייטן, וואָלט ער עס געקאָנט אויסנוצן אין זיין שרייבן קעגן די היינטיקע יידישע באַזיצער פון אַלטונאַ... עפּעס אַ מאָדנע ליבע האָט ער איצט דערפילט צום ראַבינער אשכנזי, וואָס האָט אים אַריינגעלאָזן אין זיין וואוינונג און זאָגט זיך אַפילו אָפּ פון זיין קליינעם חודשלעכן אָפּצאָל, הייסט אים אָפּאַרבעטן. עס איז אַ ליבע צו אַן עכט־פרומען מאַן, וואָס דער־מאָנט אים אַזויפיל אין מיונצערן, וועלכער האָט געוויטיקט מיט די פויערים אויף די גרויע פעלדער פון שוואַביע. — — —

פרעגער רייסט אים איבער די מחשבות און גיט אַ זאָג:

— עס וואָלט גאָרניט שלעכט געווען זאָלסט אײַנגעבן אין געריכט קעגן דײַן האַר.

— אין געריכט? ווער וועט פאַר מיר גיין אין געריכט? — פרעגט דער דײַטש.

— דערצייל־אויס דײַנע טענות פאַרן ראַבינער. ער וועט דיך שוין ראַטן וואָס צו טאָן. מעגסט אים אויסדערציילן וועגן דעם בוך „גדעונס שווערד״. גדעון איז דאָך אונדזערער אַ נביא, דער תנ״ך איז הייליק ביי יעדן פאָלק. געוויינ, אַז אַ מענטש זאָל לערנען די ביבל, און ער זאָל גאָטס יושר דערקענען.

— יאָ, יאָ, — רופט אויס קאַרל זעגער, — איך בין זיכער, אַז דער ראַבינער איז איינער פון גדעונס אַרמיי. ער האָט קיינמאָל קיין פאַלשע געצן ניט געדינט, פאַר דעם געלט־בעל ניט געקניט...

קאַרל דערפילט ווי אינעווייניק צעגיסט זיך ביי אים עפּעס אַ וואַרעמ־קייט, טרעט־צו צום האַרצן און גלעט, אַז שיער וואָס ער צעוויינט זיך ניט.

ער וואַרפט אַ צופרידענעם בליק אַרום זיך, און גייט אַרויס אין הויף.

די טיר עפנט זיך און דוד גאַנדז קומט אַריין.

אַן אַנגעוואָרעמטער פון די אייגענע רייד, זאָגט יוסף פרעגער:

— דוד, דער נייער שכן איז גאָר אַ פיינער ערל, ער קען גוט תנ״ך. ער האָט געוואוינט ביי דעם רשע מאַנגער אין דער אַנטקעגנאיבערדיקער הויז, ביז יענער האָט אים אַרויסגעטריבן. אַ באַעוולהטער, נעבעך. ער האָט מיר היינט אַלץ דערציילט, פאַר מיר אויסגעגאָסן זיין האַרץ. וואָס קאָן איך אים העלפן, האָב איך אים געשיקט צום רבין.

— צום רבין? וואָס קאָן אים דער רבי העלפן? — פרעגט דוד גאַנדז.

— הער־צו, דוד! ר׳ יעקב פסקנט ניט קיין דיני־ממונות אין קהל־זאַל, ער קריגט ניט קיין פּסק־געלט פון יחיאלכי וואָלפן און יוזפּאַ האַלענ־דערן, וועט אים קיינער ניט פאַרקוקן, וואָס ער נעמט זיך אָן פאַר אַ גוי. עס איז אַ מצווה צו ראַטעווען אַ באַרויבטן פון זיין רויבער. און דער רבי האַלט אין איין איינחזרן דעם פּסוק: „והאלהים יבקש את הנרדף״, גאָט איז אויף דער זייט פון די גערודפטע...

אַ צופרידענער וואָס זיין שנאה צו וואָלפן האָט איצט געקראָגן אַ נייעם אָנהאַלט אין דער שנאה פון קאַרל זעגערן צו מאַנגערן, פון מיונצערן צו די דײַטשע באַראָנען, צו לוטערן, נעמט זיך יוסף פרעגער מיט פלייס צו זיין אַרבעט פון קאָרעגירן באַשריבענע בויגנס...

די עבודה

„. . . אין דריי ערטער האַלטן די כהנים וואַך. אין גרויסן שייטער־הויז, אין די אויבערשטיבלעך פון אבטינס, און אין הויז פון די פונקען.

„דאָס שייטער־הויז איז געווען באַדעקט מיט אַ קופּאָל און אַרום־געריגלט מיט געהאַקטע שטיינער. — — —"

ערב יום־כיפּור אינדערפרי, ווען אין ר' יעקב אשכנזיס מנין איז שוין קיינער ניט געווען, איז ער געבליבן זיצן ביים אָפענעם משניות, זיך פאַרטיפט אין דער עבודה פון די כהנים.

„האַלטן די כוהנים וואַך", — ברומט ער בייז אין זיין בלאָנד־גרוילעכער באָרד אַריין ,ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס געוואָלט דערמאָנען. ער קוקט אין ספר און אין מח בליצט אויף אַ געדאַנק: — און די פאַלשע כהנים, וואָס זייערע אויגן זיינען געווענדט נאָר צו די פעטע חלקים פון די קרבנות? —

ר' יעקב האָט געפינטלט מיט די אויגן אויפן זון־באַגאָסענעם משניות, זיך דערמאָנט אין זיין כתב־יד „עבודת הקרבנות", וואָס ער האָט נעכטן פאַרענדיקט שרייבן, וואו ער האָט באַהאַנדלט די כהנים־פּרושים און די כהנים־צדוקים, און געפילט ווי זיינע מחשבות פלעכטן זיך מיט די רייד פון די חכמים וועגן די פאַרדאָרבענע כוהנים. — — — — — — — — — — — — —

— —

. . . אויף דעם נאָכטיקן הימל האָט זיך באַוויזן אַ גרויער פּאַס און איבער דער ברייטער מאַרמאָרנער עזרה האָבן זיך דערהערט די שווערע טריט פון דער וואַך — די כוהנימשע וואַך ביינאַכט אין בית־המקדש.

חנמאל, דער געניטער כהן, וואָס האָט זיך שטענדיק געפעדערט אויפ־צושטיין וואָס־פריער, כדי זוכה צו זיין און האָבן אַ האַנט אין עולת־תמיד (פרימאָרגן־קרבן), האָט געוואוסט וואָס דער גרויער פּאַס אויפן טונקעלן **הימל באַדייט. אָט באַלד — ווי אַ שוואַרצער פאַרהאַנג הייבט זיך אויף די** טונקעלע געדיכטעניש. אָן שום הקדמות, אָן שום צוגרייטונגען, קומט דער פרימאָרגן אָן אויפן באַרג פון בית־המקדש — קומט ווי אַ בשורה צו דעם, וועמען גאָט האָט ליב, — אַזוי פּלוצלונג און אומגעריכט. דער באַגינען צעקושט זיך מיט דער נאַכט, — און די צעשיידונג איז אָן טרערן און אָן בענקשאַפט.

דאָס אויג פון חנמאלן, דעם ממונה אויף דער לעצטער אשמורה, האָט דערקענט דעם אויגנבליק, — און פון זיין ברוסט האָט זיך דערהערט דאָס ציטערנדיקע באַגינען־ליד, וואָס האָט זיך אויסגעבויגן אין אַ פּראַגע:

— האָט שוין דאָס פּנים פון מזרח אויפגעשיינט?

— אויפגעשיינט ביז חברון!

— גייט און וואַרפט גורל ווער עס זאָל זוכה זיין צו רויכערן קטורת, אָפּשיידן דאָס אַש פון מזבח, דעמפן די חלבים, די אברים. — — — —

באַלד איז אין דער עזרה געוואָרן רעשיק. אין דעם גערויש האָט זיך יעדעס מאָל אַריינגעריסן דאָס פרימאַרגנדיקע קול פון אַ לעמעלע, מע־מע־מע . . .

אַ הייסע נאַכט געווען, אַזאַ הייסע, אַז עס איז אַפילו אויף דער קילער געפלאַסטערטער ערד פון היילקן זאָל כמעט אוממעגלעך געווען צו שלאָפן. די כהנימשע פאַרטוכער האָבן זיך געפּאַרעט אונטערן צוקאָפּנס.

ביסלכעוויז האָבן זיך אין דער עזרה אָנגעהויבן באַוויזן געשטאַלטן.

— וואוהין איז, בן־צדוק?

— ביסט אויך ניט געשלאָפן, אלקנה?

— צו־הייס געווען. און ווייסטו, עס שלאָפט זיך בכלל ניט. עפּעס ווייזט זיך אויס — אָט־אָט, מיר זיינען שוין דאָ אַזוי לאַנג — און אָט באַלד וועט דער אדומי אַריינשטעקן זיינע טריפהנע נעגל און מאַכן אַ סוף צו דעם אַלעם. . . .

— יאָ, קהת, האָסט געהערט וואָס עליוני דערציילט? — האָט אַ קורץ־גראָבער כהן מיט אַ שוואַרצער באָרד, דורכגעפּעדעמט מיט גרויע האָר, אַ זאָג געטאָן. — ער דערציילט, אַז ער האָט נעכטן פאַרנאַכט נאָכן מקריב זיין דעם תמיד של בין־הערבים *) דערהערט עפּעס אַ קול, ביין, גאַנצע פיר קולות. ער איז פאַרבייגעגאַנגען ממש ביים זוים פון דער יריעה, וואו דער כהן־גדול הענגט־אויף זיינע ווייסע קליידער נאָכדעם ווי ער איז זיך טובל פאַר דער יום־כיפורדיקער עבודה. ער האָט זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט און דערנאָך דערהערט קולות: — „אַרויס פון דאַנען, אומ־ווירדיקע זין פון עלי. איר זייט מטמא גאָטס היכל, אייערע גאָפלען וואַרפט איר אויף די פעטע פליישן און דער כבוד פון גאָט גייט אייך ניט אָן.“ — ער האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז ער איז שוין נאָכדעם אַפילו ניט געקומען

*) צווישן טאָג און נאַכט קרבן.

צום משמר. ער איז פאַרשוואונדן, ממש ווי פאַרזונקען געוואָרן אין דער שוואַרצקייט פון דער נאַכט. אפשר איז עס שוין אַ צייכן, אַז דער שרעק־לעכער סוף איז נאָענט...

דער קורץ־גראָבער כהן האָט אַ ברום געטאָן אין דער שוואַרץ־גרוי־לעכער באַרד אַריין, ווי ער וואָלט זיך דערמאָנט אין אַ סכנה. „עפן, לבנון, דיינע טויערן און זאָל אַ פייער פאַרצערן דיינע פונדאַמענטן, לבנון, דאָס מיינט מען דעם בית־המקדש, ווייל ער מאַכט ווייס די זינד פון ישראל“. — אַזוי האָט שמעון הצדיק געדרשנט. —

גרופּקעלעך, צו דריי און צו פיר, זיינען די כהנים דערגאַנגען ביזן גרויסן שטיין אונטערן קופּאָל אין מיטן דער עזרה, וואו די כהנימשע וועכ־טער האָבן זיך פאַרזאַמלט כדי צו וואַרפן גורל, ווער עס זאָל האָבן אַ האַנט אין פרימאָרגן־קרבן.

צווישן די כהנים איז געזעסן אָנגעלענט אָן אַלטער מאַן — קיינער האָט ניט געוואוסט געננוי ווי אַלט ער איז, אָבער די עלטסטע געדענקען אים שוין ווי אַ דערוואַקסענעם, אין רייפע יאָרן. — אַזוי האָט ער זיך, וויניקסטנס, זיי אויסגעוויזן. קליין אין וואוקס און דאַר און תמיד אַזוי ערנסט און פאַר־טראַכט, און אין דעם משמר *) פון די פיר־און־צוואַנציק עלטסטע כהנים איז ער געווען איינער פון די אָנגעזעעענסטע. צו אים איז מען געקומען נאָך עצות ווען דער יאָך פון די בני־חנן, די זין פון דעם צדוקישן רשע כהן־גדול, האָט זיך שווער געלייגט.

ער האָט אַלצדינג געוואוסט, אַלצדינג געדענקט — אָן אוצר פון זכרונות. ער האָט געקענט פּינקטלעך זאָגן, על־פּי שמועה, ווער עמענס זיידע האָט דורכגעמאַכט די בחינה ביים לעצטן נביא חגי, ווען ער האָט פאַרהערט די כהנים נאָכן צוריקקער פון בבל; וואָס דער אָדער אָן אַנדערער האָט געטאָן, נאָך איידער די סירישע יוונים האָבן פאַרלאָזן דאָס הייליקע לאַנד; און ער האָט געדענקט מיט אַלע פּרטים די ערשטע כהונה אין איר גלאַנץ־תקופה אונטער די פּרושישע סנהדרין און די צייט ווען הורדוס, דער רוימי־שער קנעכט, האָט אַלע סודות איבערגעגעבן דער מלכות־הרשעה רוים, און איידער נאָך די פאַררעטערישע צדוקים האָבן מיט זייערע שטאַרקע אָרעמס איבערגענומען די מאַכט אין בית־המקדש און אים פאַרוואַנדלט אין אַ הייל פון פאַרברעכער. און ווי שיין ער פלעגט אַלץ דערציילן אויף אַראַמייאיש.

---

*) משמר — ראָט.

— דערצייל אונדז עפּעס, בן־גמלא, דו פאַרזאָרגטער קעמל, דערצייל און טרייסט אונדז, מענטשן פון צער און לייד, פון חלומות ניט־דערפילטע, מענטשן פון זיפץ און בענקשאַפט. דערצייל פון יענע ברענענדיקע הייליקע טעג און קילע לויטערע נעכט, איידער ר׳ ישמעאל כהן־גדול איז געשטאָרבן און די לויטערקייט פון דער כהונה האָט זיך אָפּגעטאָן... —

בן־גמלא האָט זיך אויפגעשטעלט, זיך אַרומגעקוקט און אַרויסגענומען פון צווישן די פאַלדן פון זיין כאַלאַט אַ רויטן טוך.

דער באַגינען איז ביסלעכוויז אויסגערונען. אַ רויטקייט איז אויס־געבראָכן אויפן מזרחדיקן הימל, זיך אויסגעמישט מיטן תכלתדיקן אויס־שפּרייט און זיך געזויקלט ווי אַ שאַל איבער די בערג פון יריחו.

— גוט, מיינע יונגע ברידער, איך וועל אייך דערציילן אַ מעשה פון נעכטן.

אין הויף האָבן דערווייל די כהנים גענומען אויסלייגן פרישע שייטלעך פייגן־האָלץ אויפן גרויסן הילצערנעם מזבח. אַ גרויער רויך האָט זיך גע־נומען פאַרשפּרייטן. דאָס האָלץ האָט גענומען טליען. די לויים האָבן צו־געגרייט זייערע שפּיל־כלים, די טימפּאַנען, די טרומייטן און די גלעקלעך — דער הייליקער שבט האָט אָנגעהויבן די טעגלעכע עבודה.

אַ קרייזל כהנים מיט מידע, ניט־אויסגעשלאָפענע און פאַרחלומטע אויגן, אַריבערגעבויגענע איבער דער געקיזלטער מצבה, האָבן אַרומגע־רינגלט דעם אַלטן און פאַרטיפט געהאָרכט.

דעם אַלטנס קול איז בניחותאדיק געפלאָסן: ער האָט דערציילט פון יענע טעג, פאַרן טויט פון ישמעאל דעם זון פון פאבי, ווען דאָס מערב־ליכט אין היכל האָט געצאַנקט אַ גאַנצן מעת־לעת; דאָס פייער האָט געלויערט אויפן מזבח ווי אַ לייב; דער רויך פון קרבן צווישן די קאָמען פון דרויסנ־דיקן מזבח האָט זיך געטורעמט צו די שווערע וואָלקנס, וואָס הענגען אויפן הר־הבית, און וואַסער האָט זיך געגאָסן פון הימל איבער דעם נאַטירלעכן פייער פון דער מערכה און עס ניט געקאָנט אויסלעשן...

„און אין זיינע ווייסע קליידער — מיט גלעקלעך באַהאָנגען און מיל־גרוימען באַמאָלט — איז ישמעאל כהן־גדול, יום־כיפור פון יענעם יאָר, אַריין לפני־ולפנים, בעטן גאָט פאַר אַ גוט יאָר און אַ צייכן פון הימל זאָל זיך באַווייזן, אַז די שונאים, וואָס לויערן פון דרויסן און פון אינעווייניק, זאָלן קיין שליטה ניט האָבן...

„און אַז ישמעאל כהן־גדול פלעגט אַ זאָג־טאָן: „אָנא השם, חטאתי,

עויתי, פשעתי״, און דאָס פאָלק איז געפאַלן כורעים, האָט מען זיין קול געהערט אַזש אין יריחו.

„און ער האָט גענומען די פייער־פאַן, אַריפגעשאָטן די קטורת, די דינסטע פון די דינע, אויף די גליענדיקע קוילן. קטורת־רויך האָט זיך געקרייזלט אין רינגען, געקנוילט אין רעדער, אָנגעפילט דעם דביר, דעם היכל.

„און דער כהן־גדול, מיד פון די זיבן טבילות און פון די קניאונגען, פאַרמאַטערט פון אָנטאָן און איבערטאָן זיך, האָט זיך צוגעשאַרט צום אָרון, אויפגעהויבן די אויגן און אַריינגעאָטעמט דעם שאַרפן קטורת־רויך, איז ער פאַרציטערט געוואָרן. ער האָט דערהערט אַ שטים, וואָס האָט געברומט ווי אַ טויב, נאָגנדיק, דיק. ער האָט נאָכמער אָנגעשטרענגט די אויגן. זיין קוק האָט דורכגעשפּיזלט די דינע קטורת־וואָלקנס און פאַר אים האָט זיך אָנט־פלעקט אַ הויכער, פייערדיקער זייל־שטול. הויך ביזן הימל. פון דעם פייערדיקן שטול האָבן געשלאָגן כוואַליעס ליכט. — — —

„ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. דאָס האַרץ איז אים איינגעפאַלן. די אויגן האָבן זיך געצונדן פון אימה און די אָרעמס האָבן זיך געצויגן, זיך אויסגעשטרעקט. „יה ה׳ צבאות!״ — האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן דאָס וואָרט, און איצט האָט זיך געטראָגן צו אים דאָס תחנונימדיקע קול: „ישמעאל, מיין זון, בענטש מיך!״

„ישמעאל איז געפאַלן מיטן פּנים צו דער ערד און זיין פייכטער שטערן האָט אָנגערירט דעם אבן־השתיה. זיין מויל האָט זיך געעפנט, די הענט האָבן זיך אויפגעהויבן, די פינגער האָבן זיך צעשפּרייט, צעטיילט פון אויבן און פאַראייניקט אין גרונט, און די ליפּן האָבן געשעפּטשעט: „יהי רצון, עס זאָל זיין דער ווילן . . . אַז דיין רחמים זאָל איינצוימען דיין כעס, אַז מיטלייד זאָל זיך מתגבר זיין איבער דיינע מידות און זאָלסט באַהאַנדלען דיינע קינדער לפנים משורת־הדין...״ — און דער כביכול האָט אים צו־געשאָקלט מיטן קאָפּ, און דאָס איז געווען. . . .״

דאָ האָט זיך אַ טראָג געטאָן אַ כוואַליע געזאַנג. די לוויים האָבן געזונגען דעם שיר פון טאָג. דער אַלטער האָט איבערגעריסן:

— גענוג געחלומט. איצט זינגט ,זינגט מיט מיר אינאיינעם דאָס גע־זאַנג פון דוד, דעם שיר פון עתיד־לבוא, דער אָנגעגרייטער צוקונפט, דאָס ליד פון אחרית הימים, ווען די טעג וועלן קומען צו ענד. זינגט מיט מיר

אינאיינעם דאָס ליד פון די שפּעטסטע צייטן. לאָמיר אונדזער געזאַנג צוזאַמענגיסן מיטן ציבור פון די לויים. —

עולם כהנים האָט אָנגעהויבן זינגען. מיטאַמאָל איז בן־גמלא אַנטשוויגן געוואָרן, זיין קול האָט אויסגעקלונגען אין דער עזרה. און פאַר די אויגן פון די מידע כהנים האָט זיך באַוויזן אַ זעאונג:

בערג און טאָלן, טייכן און ימים, שמאָלע און גרינע סטעזשקעס, ברייטע, ווייטע זאַמדיקע וועגן, שטעט און פעלדער, פּאַלאַצן פון גאָלד און פייערשע כאַטעס פון ליים און שטרוי, און געלע שפּיזן, שווערדן; אויך וועגענער עסנוואַרג און וועגענער מיט כלי־זיין, און צווישן זיי — אין דעם גאַנצן טומל — אַ פאָלק, וואָס וואַנדערט קיין בבל, קיין פּרס און צום ים־הגדול — און זיי האָבן דערזען: זיך אַליין, מן העולם ועד העולם, פון אייביקייט ביז אייביקייט.

— וואוהין, בן־גמלא? — ווי לאַנג נאָך כהן און וועכטער, זעער און זינגער?

אָבער בן־גמלא האָט ניט געענטפערט. ער האָט דערזען אויפן הימל אַ גאָלדענע ראָד און מיטאַמאָל איז די זון געשטאַנען איבער זייערע קעפּ.

דער האָרן האָט געבלאָזן. „שמע ישראל!״ — האָט אַ כהן אויסגערופן — און פיר כהנים האָבן אָוועקגעלייגט אַ ווייס געבונדן שעפּעלע אויפן צעגליטן מזבח. —

דער געררודער פון אַ וואָגן אויפן ברוק אינדרויסן האָט ר׳ יעקבן אויפגעוועקט פון די מחשבות, וועלכע ער האָט ביז איצט געפּעדעמט און געפלאָכטן. ער האָט זיך אויפגעהויבן אַ צופרידענער, ווי זיין האַנט וואָלט אָנגערירט אַן אוצר פון שטיינער, דעם חושן־ואופד פון כהן־גדול. ער איז אויך געווען אין שמחה, וואָס אין זיין מח איז געבוירן געוואָרן אַ פאַרגלייך פון די אַמאָליקע פאַלשע כהנים מיט די היינטיקע: ר׳ יחזקאל דער אב״ד, די אַלטונער דיינים. ער איז אַרויס פון מנין און זיך געלאָזט אין הויף אַריין, צו דער מקווה. אין הויף האָט זיך געצויגן אַ פּאַס גאָלד — די זון, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ליכטיקער שפּור פון יענעם גאָלדענעם ראָד אויפן הר־הבית.

ר׳ יעקב עמדינס טאָגבוך

פריער ווי אַלע אַנדערע יאָרן אין דער צייט, האָט דער האַרבסט אַרומ־גענומען די האַפן־שטאָט האַמבורג. פון ים האָבן יעדן פרימאָרגן געזעצט פייכטע נעפּלען און זיך געלייגט אין די גאַסן, איבער די הייזער, מיט אַ געדיכטער שווערקייט.

אַ נאָך־סוכותדיקער פרימאָרגן. דער נעפּל רינט ביסלעכווייז אויס און דורכן פענצטער אַנטפּלעקט זיך ר׳ יעקב אשכנזיס הויף און די עטלעכע אַלטע ביימער מיט ברייטע שטאַמען.

פון די ביימער זיינען געפאַלן האַלב־געלע, האַלב־פאַרטריקנטע בלעטער. פאַלנדיק האָבן זיי זיך עטלעכע מאָל איבערגעדרייט אין דער לופט און סוף־כל־סוף געבליבן ליגן געפאַלענע און שוואַך־פרעגנדיקע: ווען מיר שוין בלייבן אַזוי ליגן שוואַכע, דערשלאָגענע, אויף אייביק אָפּגעריסענע?

אַ בלאָז פון ווינט האָט זיי געענטפערט. זיי האָבן זיך געקייקלט איבערן הויף, פון איין ווינקל צום צווייטן, און געבליבן ליגן ביים פאַרקאַן. פון די האַלב־נאַקעטע ביימער זיינען געפאַלן נייע בלעטער, אויך אַזעלכע האַלב־געלע און פאַרטריקנטע.

ר׳ יעקב איז אַריין אין זיין גרויסן אויבערשטן חדר, וואו די ווענט זיינען געווען באַדעקט מיט ספרים פונעם געשניטענעם סופיט ביז דער פאַדלאָגע, און איז געווען באַשטעלט מיט גלעזערנע שאַפעס. די שאַפעס זיינען געווען פול מיט אַלטע חפצים: פאַרמעטן, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין טאַטן; בעכערס, כוסות, טאַצן, זילבערנע פסח־קערות פון סאַראַיעוואָ; אַ בשמים־ביקסל פון אַמסטערדאַם; געשניצטע פעדערן, מיט וועלכע זיין טאַטע האָט געשריבן די תשובות; אַן אויסגעהאַפטענער „שויתי" פון לאָנדאָן און אַ בינטל צונויפגעקלעפּטע חליצה־שיך פון לבוב.

ער האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים טיש, וואָס איז געווען אָנגעלייגט מיט שרייב־געצייג, פעדערס, טינט, געבונדענע כתב־ידן, פאַפּיר און לעש־פאַפּיר.

זיין אויג איז געפאַלן אויפן ספר „חכם צבי" פון זיין פאָטער, דעם גאון און שאַרפן פוסק. דער ספר איז קיינמאָל ניט אַראָפּ פון זיין טיש און ער האָט זיך געשפּיגלט אין אים, כסדר פון אים מעתיק *) געווען.

---

*) אָפּגעשריבן, קאָפּירט.

ווי נאָר ער עפנט דעם ספר, אַזוי דערמאָנט ער זיך אין זיינע קינדערשע יאָרן, אין זיין טאַטן, דעם רב פון די דריי קהלות. ער זעט פאַר זיך זיין טונקל־זיידן פּנים, וואָס איז תמיד געווען אַזוי ערנסט און שטאָלץ, זיינע קלאָרע אויסגעוואַשענע אויגן, זיין רחבותדיקן בוילעטן פאַרעקשנטן שטערן, אויף וועלכן עס האָט געָרוט די עקשנות פון נצח־ישראל, זיין קליין מויל און די זאַפטיקע ליפּן, און זיין באָרד, וואָס האָט זיך געענדיקט שפּיציק אויף איין האָר. ר׳ יעקב געדענקט ווי ער, דער בכור, פלעגט זיך שטילערהייט אַריינכאַפּן אין פּאַטערס שטוב און טרעפן דעם טאַטן זיצן ביי געצונדענע ליכט אַריבערגעבויגן איבער לאַנגע בויגנס און שרייבן, האָט ער זיך שטילערהייט אַרויפגעדראַפּעט אויפן בענקל, פון בענקל אויף די אַקסלען פון טאַטן און אַרויסגעשאָסן אַ געלעכטערל. דער פאָטער פלעגט אויפהערן שרייבן, אים נעמען אויף די קני, גלעטן מיט זיינע אויסגעגאַנגענע הענט, אים טוליען צום הארצן און זאָגן מיט אַ בנעימותדיק קול:

— יעקב ישראל, ווען דו וועסט גרויס ווערן און שרייבן ספרים, זאָלסטו זיך אונטערשרייבן: יעב״ץ.

— יעב״ץ, אַן אשכנזישער נאָמען צי אַ ספרדישער? זאָג, טאַטע! — האָט ער אים געפרעגט מיט אַ דין קולכל.

— ניין, זונעלע, אַ ראשי־תיבות. יעב״ץ מאַכט: יעקב בן צבי.

נאָכדעם פלעגט ער זיך אַראָפּכאַפּן פון טאַטנס הענט, לויפן איבערן בית־דין־שטוב און שרייען: יעב״ץ, ספרים, יעקב בן צבי. — — —

— שטילער, יעקבל, מיין האַרציקער, מיין איינציקער, געליבטער, — פלעגט זיין מאַמע שרהלע, אַריינקומענדיק, אים גלעטן די פּיאות, דאָס פּנימל. — שריי ניט, יעקבל, דו שטערסט דיין טאַטן.

און אין זיידנס קלויז, אין ר׳ זלמן מירלש קלויז, איז דער קליינער יעקב געוואַקסן ביז זיין בר־מצווה. די קלויז איז פול געווען מיט לומדישע קעפּ. מען האָט געלערנט אינעווייניק און אין פּאָליש אויף די טרעפּ. קיין ליכט איז דאָרט קיינמאָל פאַר חצות ניט אויסגעלאָשן געוואָרן.

ווען די שטילע בתיה־צביה איז אַריינגעקומען אין חדר מיט אַ קריגל מילך און אַ שטיק קוכן ,האָט שוין ר׳ יעקב געהאַלטן ביים אויסשפּרייטן האַלבע בויגנס פּאַפּיר. אויף איין בויגן האָט ער אויסגעכתיבהט מיט גרויסע אותיות: מגילת ספר.

ער האָט אַ זופּ געטאָן פון דער גלאָז. צעברעקלט דעם קוכן, גענומען

עטלעכע ברעקלעך אין מויל און זיך ניט געוואונדערט וואָס די מילך איז אייז־קאַלט און דער קוכן — אַלט־געבאַקן, נאָך פון יום־טוב פאַרבליבן. ער האָט אָפּגעווישט די באָרד און גענומען שרייבן זיין אויטאָביאָגראַפיע, די געשיכטע פון זיין לעבן, וואָס ער האָט צוזאַמענגעשטעלט פון זיינע טאָג־ביכער. —

דורך די פענצטער האָט שוין אַריינגעקוקט דער וואָלקנדיקער האַרבסטיקער בין־השמשות. ר׳ יעקב האָט אויפגעהערט שרייבן. אַ קוק געטאָן אויפן וואַנט־זייגער און זיך דערמאָנט, אַז עס ווערט שפּעט, ס׳איז צייט צו דאַוונען מנחה. ער האָט באַטראַכט די בויגנס מיט די לאַנגע שורות, וואו אַלע אותיות זיינען געווען גרויס און קיילעכדיק, און געטראַכט, אַז דאָס איז ערשט אַן אָנהויב. ער וועט נאָך דאַרפן שרייבן און שרייבן ביז ער וועט אָנשרייבן די געשיכטע פון זיין לעבן.

עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד האָט זיך ר׳ יעקב אשכנזי פאַרנומען מיט איבערשרייבן זיינע טאָגביכער, וואָס ער האָט אָנגעהויבן פירן נאָך אין יאָר תע״א (1711). איצט איז געווען דאָס יאָר תק״י.

ר׳ יעקב האָט אויפגעזוכט אַלטע העפטן, פאַרשריבענע בלעטלעך, און באַשלאָסן צו לאָזן די בלעטלעך אַליין רעדן, אַזוי ווי זיי זיינען אַמאָל פון זיין איילנדיקן געדאַנק פאַרשריבן געוואָרן.

ער האָט צעשפּרייט ניט־געווירעטע בויגנס פּאַפּיר און געשריבן מיט גרויס הנאה זיין לעבנס־מגילה, „מגילת ספר״, וואָס ער האָט געוואָלט לאָזן נאָך זיך ווי אַ צוואה פאַר זיינע קינדער. ער איז געווען צופרידן, וואָס די בלעטלעך טענהן פאַר אים און ער אַליין פילט זיך דערביי ווי אַ זייטיקער. —

* * *

אָנהויב שבט תפ״א איז ער געקומען קיין פּראַג אויסלייזן דעם טאַטנס ספרים פון צאָל־אַמט. ער איז איינגעשטאַנען ביי זיין פעטער וואָלף כ״ץ און ס׳האָבן מיט אים די לעצטע טעג געטראָפן ניסים, לויטער ניסים.

צוויי טעג פאַר חמשה־עשר בשבט איז ער געפאָרן קיין ברין אין אַ לאַנד־קאַטש. זיינען דאָרטן געזעסן צוויי שונאי־ישראל און זיך געטשעפּעט צו אים, געטייטלט אויף אים מיט די פינגער און אים גערופן: „געלער מצורע״.

אין דעם פיר־און־צוואַנציק־יאָריקן ר׳ יעקבן האָט זיך צעפייערט דער כעסן. דאָס אויפגערודערט הייס האַרץ, דער אָנגעצונדענער מח, האָבן אין אים אַרויסגערופן אַ פעסטן באַגער צוצוגיין צו די צוויי שקצים און אַראָפּ־לאָזן זיינע ביינערדיקע הענט אויף זייערע גרינע פּנימער. ער האָט אָבער געוואוסט, אַז דאָס קאָן מיינען אָדער אַ וואָך תפיסה אָדער זיבן רייכסטאַלער קנס, האָט ער געשלונגען זיין כעס, געלאָשן דעם שטאָלצן פייער און געחזרט אַ פּסוק: „און דאָס הויז פון יעקב וועט זיין אַ פייער . . . און דאָס הויז פון עשו צו שטרוי, און ער וועט זיי אָנצינדן און זיי פאַרצערן...״

ווען דער לאַנד־קאָטש איז אַריינגעפאָרן קיין ברין, איז אַרויף אויף דער בריק, האָבן זיך די פערד צעפּודזשעט, דער וואָגן האָט זיך איבער־געקערט. די ערשטע זיינען אַרויסגעפאַלן די צוויי שונאי־ישראל און האָבן זיך צעבראָכן הענט און פיס. ער איז אָפּגעקומען מיט שרעק. קיין פּראָג האָט ער זיך אומגעקערט אַ שטאָלצער מיטן פאַרשיכורנדיקן טעם פון נקמה אין מויל.

ביים אָונט־ברויט האָט דער קליינער וואָלף מירלש, זיין מאַמעס ברודער, זיך שטאַרק איבערגענומען מיט זיין פּלימעניק און געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— דעם חכם־צביס זון איז ווערט, עס זאָלן אים געטאָן ווערן ניסים...

אינדערפרי האָט ער געהערט, אַז ער וועט האָבן שוועריקייטן ביים אַרויסנעמען די ספרים פון צאָל־אַמט. דער פעטער וואָלף האָט אים אַפילו איינגערוימט אַ סוד, אַז דער פּראָגער דרשן און ראש־ישיבה יהונתן אייב־שיצער האָט באַפוילן ר׳ יעקב זאָל זיך מטריח זיין און אַריבערקומען צו אים, וועט ער שוין זען פועלן ביי זיינע פריינט, די גלחים, קרובים־למלכות, מען זאָל אים די ספרים אַרויסגעבן. ר׳ יעקב האָט זיך אָבער איינגע׳עקשנט:

— ער וועט ניט גיין! דעם חכם־צביס זון שטייט ניט אָן צו באַזוכן אייבשיצערן, וואָס האָט זיך אין זיין יוגנט געחברט מיט די שבתי־צביניקעס. אויב אייבשיצער וויל אים זען, מעג ער זיך מטריח זיין צו אים...

דער קליינער וואָלף האָט ר׳ יעקבן אָנגענומען ביי די הענט, אים צו־געפירט צום פענצטער און געוויזן ווי אייבשיצער שטייט אין גאַס און שמועסט מיט אַ גלח... ער איז געווען נידעריק און גראָבלעך און דער יונגער אשכנזי האָט אים גלייך פיינט באַקומען...

צוויי אַזייגער האָט מען אים אָן שום שוועריקייטן אַרויסגעגעבן די ספרים און ביז פאַרנאַכט האָבן די פּראָגער נגידים צעכאַפּט ביי אים די

ספרים. מען איז געשטאַנען אין ריי, ווי נאָך „מים שלנו״, אַ רענדל אַ ספר האָט מען אים געצאָלט...

נאָך מעריב האָט דער פּראַגער פּרנס דוד ערפורט געפּראַוועט אַ סעודה לכבוד דעם גאַסט און לכבוד דעם נס וואָס מיט אים איז געשען אין ברין. אונגאַרישע ווייַנען, חמשה־עשר־פּירות, מעהרישע לעקעכער און פעטע פּליישן זייַנען אַרויפגעבראַכט געוואָרן אויפן מלכותדיקן טיש. ר׳ יעקב האָט איבערגעזאָגט שאַרפע תורה פון זייַן טאַטנס ספר און אַזוי איז מען פאַרזעסן ביז שפּעט אין אָוונט.

אַהיים איז ר׳ יעקב געגאַנגען אַן אויפגעהייטערטער. ער האָט געשפּאַנט מיט שטאָלצע טריט אויף דעם קויטיקן שניי, וואָס האָט זיך געוואַלגערט אין די גאַסן. אינדרויסן האָבן קאַלטע ווינטן געיאָגט פון טייך מאָלדוי, ער האָט אָבער ניט געפילט די קעלט. די ווייַנען און די תורה האָבן גע־וואַרעמט. אַ שוואַרצער מאַנאַך איז אים אַנטקעגנגעקומען. אין יענע יאָרן איז פאַר ניט־אָפּטרעטן אַ קאַטוילישן גייסטלעכן דעם וועג געקומען תפיסה, אָבער ר׳ יעקב האָט אים דעם וועג ניט אָפּגעטראָטן.

— דעם חכם־צבים זון טרעט קיינעם אָפּ דעם וועג, אַפילו ניט דער יראה... —

דער גלח האָט געוואָרפן אַ בייזן בליק אויפן שטאָלצן יידן און איז אַוועק. ר׳ יעקב האָט אים נאָכגעקוקט, געזען ווי די שוואַרצקייט פון מאַנאַך ווערט אַלץ דינער און דינער, מישט זיך אויס מיט דער נאַכט.

ווען ער האָט אַן עפן געטאָן די טיר פון פעטערס הויז, האָט אויף אים גלייך אַ ווייע געטאָן אַ היימישע וואַרעמקייט.

אין הויז איז קיינער ניט געווען, חוץ דעם פעטער וואָלפס יינגסטע טאָכטער רבקהלע, וואָס איז אַ חודש נאָך דער חתונה פאַרבליבן אַן אלמנה. זי איז אים אַנטקעגנגעלאָפן מיט אַ פרייד און ער האָט דערפילט אויף זיך אירע אויגן, אַזעלכע שוואַרצע און טיפע.

זי האָט אים געהאָלפן אויסטאָן דעם פוטער, האָט אַריבערגעבויגן איר גלייכן סאָסנע־קערפּער און אים צוגעפירט צום טיש, זיך אַוועקגעזעצט לעבן אים און זיך שיינענדיק צעשמייכלט:

— יעקבל, ביסט דאָך אַזוי שיין! ניט אומזיסט האָט דיך דער ראש־הקהל אַזוי ליב...

ער איז געזעסן און געקוקט אויף איר שוואַרץ־חנעוודיקן פּנים, געזען ווי אירע אויגן שטראַלן, ווי עס פּלייצט פון זיי וואַרעמקייט, גליק.

— וועסט טרינקען אַ גלאָז טיי, יעקבל, — האָט זי זיך אויפגעשטעלט און אַן אָטעם געטאָן אויף אים.

— אויב ס׳איז ניט צופיל טירחה פאַר דיר.

זי איז אַוועק און האָט אים באַלד אַריינגעבראַכט אַ הייס גלאָז טיי. זיך ווידער אַוועקגעזעצט און ליבלעך געשמייכלט. ר׳ יעקב האָט געמישט דאָס לויטערע גאָלד און פּאַמעלעך געזופּט. מיט יעדן זופּ איז זיך אַ נחת־דיקע וואַרעמקייט צעגאַנגען אין זיינע ביינער, אין יעדן אבר. ר׳ יעקב האָט געקוקט אויף זיין שיין שוועסטערקינד, וואָס האָט געלויערט ווי אַ רעגנבויגן איבער זיינע גלידער, און געטראַכט, אַז דאָס יונג און חנעוודיק ווייבל איז אַ פּנויה, מסתמא אַ כשרע. אַ מחשבה איז אַריינגעפלויגן און אים אונטער־געזאָגט: ער דאַרף נאָר וועלן און זי וועט אים זיין נאָכגיביק אין אַלע זיינע פאַרבאָרגענע פאַרלאַנגען. פון אירע ליפּן האָבן אַראָפּגעטריפט זיס־קייטן. דאָס האַרץ האָט געגלוסט און די גלידער זיינען געווען פאַרשיכורט. דער קאָפּ האָט אָבער דעם האַרץ ניט געפאָלגט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן און אַ זאָג געטאָן אין דער זייט:

— בין זייער מיד, רבקהלע! פון אַרומגיין אַ גאַנצן טאָג ברעכן מיר די קני. דערצו האָבן איך נאָך גענומען אַביסל צופיל משקה. ס׳איז צייט זיך אָפּצורוען. — ער האָט אָנגעהויבן לייענען קריאת־שמע.

דאָס שלאַנקע ווייבל איז אַריין אין אַ צימער און איז באַלד אַרויס־געקומען:

— דאָס געלעגער איז גרייט, יעקבל, קענסט זיך גיין לייגן. — זי האָט עס געזאָגט שטיל און אַ ליבשאַפט איז געקומען איבער אירע אויגן.

מיט די אויגן געווענדט צו דער ערד, איז ער אַריין אין שלאָף־צימער, וואו עס האָט זיך געפונען אַ ברייט בעט, אַ שאַפע, אַ הויך טישל מיט אַן אָנגעצונדענעם לאָמפּ. ער האָט זיך אויסגעטאָן און איז באַלד אַרונטער אונטער דער קאָלדרע און הנאה געהאַט פון פרישן בעטגעוואַנט. שוין ליגנ־דיק אין בעט איז אים געווען אַ חידוש, וואָס זי האָט אים מער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן...

ער האָט פאַרשטייפט די אויגן, געמורמלט די פסוקים פון „המפּיל“, און איז געווען גרייט זיך איבערצוגעבן אין די הענט פון דעם מלאך פון שלאָף. דערהערט ווי זי עפנט די טיר, האָט ער נאָך שטייפער פאַרמאַכט די אויגן און האָט זיך איבערגעקערט אויף דער לינקער זייט...

שוויגנדיק איז זי צוגעגאַנגען צום בעט, אויסגעגלייכט דעם קישן

צוקאַפּנס און צאַרט פאַרריכט דעם צודעק. נאָכדעם איז זי שטיל, ווי שוועבנדיק אויף פליגלען, אַרויס פון חדר און לייכט פאַרמאַכט נאָך זיך די טיר.

איצט איז אים געוואָרן אי ענג, אי וואַרעם אין אַלע אברים. ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון בעטגעוואַנט, זיך אויפגעזעצט, אַראָפּ פון בעט און אָנגעצונדן דעם לאָמפּ. נאָכדעם האָט ער אַרויסגענומען פון זיין פוטער דאָס קליינע ביכעלע, וואו ער האָט אַריינגעשריבן די ניסים פון ברין, פון צאַל־אַמט, די באַגעגעניש מיטן גלח און זיין שנאה צום אייבשיצערן, האָט איבער־געמישט אַ בלעטל און שנעל געשריבן:

„היינט האָט מיט מיר געטראָפן אַ נס אין עניני־הנפש. איך בין ביי־געשטאַנען אַ נסיון ווי יוסף הצדיק. שוין עטלעכע טעג ווי איך געפין זיך ביים פעטער וואָלף אין הויז. אין שטוב איז היינט אָוונט קיינער ניט געווען, חוץ זיין יונגע טאָכטער. זי איז אַ יפת־תואר און אַ בנעימותדיקע און אַ פנויה, אפשר אויך אַ געטובלטע. איך בין שוין דריי חדשים פון דער היים, בין הונגעריק נאָך אַ פרוי. איך בין זיכער, אַז וואָס איך וואָלט פון איר פאַרלאַנגט וואָלט זי ניט מעיז־פּנים געווען און געטאָן מיין רצון. זי האָט מיר אַרויסגעוויזן גרויס פריינטלעכקייט. כמעט מיך געקושט. ווען איך בין שוין געלעגן אין בעט, איז זי אַריינגעקומען און מיך צוגעדעקט... ווי גרויס זיינען די נסיונות פון אַ מענטשן! עס האָט שוין געהאַלטן ביי דעם, אַז דאָס פייער פון יצר־הרע זאָל זיך אָנכאַפּן ווי פלאַם אין פלאַקס, און ווער וואָלט געקאָנט לעשן די שריפה? איך האָב זיך אָבער געשטאַרקט און האָב גובר געווען די תאווה און אָפּגעטויט מיין יצר־הרע. אַזוי זאָל דער האַר פון די עולמות שטענדיק אָפּהיטן מיך און מיינע קינדער און קינדס־קינדער פון פייער פון גיהנום. וואויל דעם מענטשן, וואָס זיין שטאַרקייט איז אין דיר. די פיס פון דיינע פרומע טוסטו היטן. — — —“

דער אַלטער רב איז קראַנק

דער אַלטער רב פון די דריי קהלות, ר׳ יחזקאל קאַצענעלנבויגן, איז קראַנק געוואָרן. זיינע טעג זיינען געציילטע.

ווען די נייעס האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן שטאָט, איז אים ר׳ יעקב געגאַנגען מבקר־חולה זיין. ער האָט מיטגענומען מיט זיך זיין מגיה אין דרוק, דוד גאַנדז, וואָס איז געווען איינער פון זיינע געטרייסטע און איבער־געגעבנסטע תלמידים.

דוד גאַנדז איז געווען אַ נידעריקער און אַ דאַרער. ער איז געווען בלייך, אָן אַ טראָפּן בלוט אין די באַקן. קאַלטע, הונגעריקע אויגן האָבן שאַרף אַרויסגעקוקט פון זיין פאַרצאַרנטן פּנים און געשניטן ווי חלפים — אַלץ האָט אין אים געטריקנט און געברענט.

אינדערפרי האָט ער געדאַוונט אין דער אַלטונער שול. ער האָט דאָרט דער ערשטער אויסגעטאָן די תּפילין, זיך אַ דריי געטאָן און אויף גיך אַוועק קיין האַמבורג, צו ר׳ יעקבן אין דרוק.

אין אַלטונא האָט מען געוואוסט, אַז גאַנדז איז דער נאָענטסטער צו ר׳ יעקבן און אַז אויב ער גייט אַמאָל אַריין צום אב״ד אין שטוב, אָדער אין קהל־זאַל, איז עס נאָר כדי אויפכאַפּן פאַרדעכטיקע רייד וועגן זיין רבין און עס אים גלייך אָפּטראָגן.

אין זיין אויסזען איז טאַקע געווען עפּעס פון אַ מרגל, וואָרים אַז ער איז געגאַנגען איבערן גאַס, האָט ער זיך געשאַרט אין אַ זייט.

אַ קאַלטע כוואַליע ווינט איז אַנגעלאָפן פון ים און דורכגענומען דעם רבין און תּלמיד. אין די גאַסן איז געלעגן אויסגעשפּרייט דער חשוונדיקער פאַרנאַכט, געשראָקן מיט אומהיימלעכער פייכטקייט דעם גוססדיקן טאָג. איבערן הימל האָבן זיך געצויגן צעפליקטע וואָלקנס, ווי שלייערן, און זיינען איינציקווייז צעטריבן געוואָרן פון קאַלטן האַרבסט־ווינט.

אויף עלבע־שטראָסע אין אַלטונא האָבן זיך שוין די יידישע קראָמען געהאַלטן אין שליסן. איינצלנע קרעמער מיט שליסלען אין די הענט האָבן ר׳ יעקבן דרך־ארצדיק באַגריסט.

ר׳ יעקב האָט געשפּאַנט אַ הויכער, אַ שטאָלצער און געשוויגן. כאָטש זיין לענגלעך פּנים האָט איצט אויסגעזען רואיק און מילד, האָט אָבער דוד גאַנדז געוואוסט, אַז אינעווייניק פייערט אין אים דער שטאָלצער יחסן.

ר׳ יעקב אשכנזי, ווען מען האָט שוין איצט אין די דריי קהלות גערופן ר׳ יעקב עמדינער, האָט ניט ליב געהאַט דעם רב פון די דריי קהלות ר׳ יחזקאל קאַצענעלנבויגן. ער פלעגט פון אים אָפּחוזקן, אים גערופן: „ליטווישער שטאַמלער״.

כאָטש ער אַליין איז געווען אַן איניקל פון ווילנער — זיין זיידע, זיין עלטער־זיידע, האָבן געשטאַמט פון ווילנע און זיינען געווען פאַרברענטע אָנהענגער פון נוסח אשכנז, איז ער אָבער געווען אַ שטאַרקער מקפיד אויף דער ספּרדישער הברה.*)

ער האָט גוט געוואוסט, אַז ר׳ יחזקאל, וואָס האָט געשטאַמט פון קיידאַן אין דער ליטע, האָט באַקומען דאָס רבנות אין די דריי קהלות, ווייל ער האָט געהאַט קרובים פאַר פּרנסים, און דאָס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן.

באַלד נאָך זיין אָנקומען פון עמדין קיין האַמבורג, האָט ער זיך פאַר־טשעפּעט מיטן אַלטן ליטווישן רב און דורכדעם אַרויסגערופן דעם צאָרן פון מרדכי פירשט און יוסף כהן, שוועסטערקינדער פון ר׳ יחזקאלן און געוועזענע פּרנסים, וואָס האָבן געהאַט אַ דעה אין קהל־זאַל.

עס איז געווען דער ערשטער פרייטיק־צו־נאַכטס. ר׳ יעקב איז גע־קומען דאַוונען אין דער גרויסער אַלטונער שול. ווי נאָר מען האָט אים דערזען, אַזוי באַלד האָבן אַלע דערפילט, אַז דער פרייטיק־צו־נאַכטס איז עפּעס ניט זייערער, ער איז עפּעס ווי אַ פאַרשטערטער, כאָטש מיט וואָס ער איז אַ פאַרשטערטער, האָט קיינער אויף זיכער ניט געוואוסט. די גאַנצע צייט פון דאַוונען האָט יעדן מתפּלל עפּעס ווי געבויערט אין האַרצן.

נאָכן דאַוונען איז דער לענגלעכער און מאַגערער ר׳ יעקב צוגעגאַנגען צום רב. זיין פּנים איז געווען רויטלעך פון מרחץ און צעשטראַלט פון דער שכינה פון שבת, און אַ פייערל האָט זיך געצונדן אין זיינע ברוינע אויגן.

נאָך איידער ר׳ יחזקאל האָט צייט געהאַט באַשליסן צי ער זאָל אים פריער אויסשטרעקן די האַנט און זאָגן אַ „גוט־שבת״, אָדער ער זאָל וואַרטן ביז דער גאַסט וועט אים פריער געבן שלום, האָט אים ר׳ יעקב נערוועז אַ וואָרף געטאָן אין פּנים אַ פּסוק: „ושבת וכיסית את צאתיך״.**)

— וואָס מיינט זיין כבוד דערמיט צו זאָגן? — האָט זיך דער אַלטער אַ שאָקל געטאָן און זיך אָנגעכאַפּט ביים ציגענעם בערדל.

*) הברה — דיאַלעקט, אויסשפּראַך.

**) אַ וואָרט־שפּיל: דו זאָלסט זיך אומקערן און צודעקן דיין צואה... צואה — אָפּפאַל.

— איך מיין דעם חזן אייערן, דעם ליטוואַק. ער האָט אַנשטאָט „ושמור צאתנו" געזאָגט „ושמור ציאתנו"... דער פּראָסטאַק קען קיין עברי ניט...

אין שול האָט זיך אויפגעהויבן אַ געמורמל, וואָס איז באַלד איבער־געגאַנגען אין אַ רעש, און ר׳ יעקב איז שוין אַן אַ „גוט־שבת", להכעיסדיק אַרויסגעגאַנגען פון שול מיט שטאָלצע יחסנישע טריט.

דער רב איז אַ באַליידיקטער געבליבן אין שול און זיין ציגן בערדל האָט זיך געהאַלטן אין איין שאָקלען, ווי אין שול וואָלט אומגעגאַנגען אַ ווינט. שפּעטער, ביי זיך אין דער היים, האָט שוין דער אַלטער — וואָס איז דווקא געווען אַ גרויסער עסער — פון די שבתדיקע מאכלים קיין הנאה ניט געהאַט. אַ גאַנצן מעת־לעת האָט ער געטראַכט ווי אָפּצוצאָלן דעם אשכנזי פאַר זיין באַליידיקנדיקן וואָרט. אויף מאָרגן איז שוין אָבער ר׳ יעקב ניט געקומען אין שול. ער איז אַוועק דאַווענען צו משה חגיזן אין ספרדישן מנין.

נאָך הבדלה, האָט ער דערציילט די פּרנסים, אַז ער קלייבט זיך צו שרייבן עמדינען אַ בריוו, אָבער זיי האָבן אים געראָטן בעסער מיט אים ניט אָנהייבן. — אין שרייבן, — האָבן זיי אין אים אַריינגערעדט, — קאָן ער זיך מיטן שטאָלצן אשכנזי בשום אופן ניט פאַרמעסטן. יענער קאָן די מלאכה בעסער. פאַרקערט, ער וועט אים מיט דעם נאָר געבן אַ נייע געלעגנהייט אָפּצוחוזקן פון אים...

ר׳ יחזקאל האָט זיין כעס געשלונגען מיט טיפן וויטיק און ביי זיך אָפּגעמאַכט צו דערווייטערן זיך פון דעם קנאי.

נאָכדעם האָט ר׳ יעקב איינגעאָרדנט אַן אייגענעם מנין און פלעגט זיך זייער זעלטן טרעפן מיטן אַלטן רב. ער האָט אים אין משך פון די צען יאָר, וואָס ער האָט געוואוינט אין האַמבורג, געזען געציילטע מאָל: ביים סכסוך מיט די ריביתניקעס אין קהל־זאַל; אויף אַ ברית ביי ר׳ יעקבן און אויף אַ דין־תורה.

איצט, גייענדיק מבקר־חולה זיין דעם אַלטן, האָט זיך ביי ר׳ יעקבן אין האַרץ דערוועקט אַ שטיקל חרטה־געפיל. ער האָט געקלערט: אַז מען וויל צוריק, איז אדרבה, דער אַלטער איז גאָרניט קיין שלעכטער. ער האָט אים שוין אַוודאי מוחל געווען... און איצט, ווען ער האַלט שוין ביי . . . איז דאָך אַוודאי ניט שייך קיין מחלוקת. אַזוי האָט ער געטראַכט, דוד גאַנדזן האָט ער אָבער גאָרניט געזאָגט.

ר׳ יעקב איז אַריין אין בית־דין־שטוב, וואָס איז אויך געווען אַ בית־

מדרש. דאָס צימער איז געווען קאַרג באַלויכטן. אויפן נידעריקן אָרון־קודש האָט דאָס ליכט פון נר־תמיד געטריפט, ווי בלוט פון וואונדן. פון בית־מדרשל איז ער אַריין אין צווייטן צימער און איז געבליבן שטיין ביי דער שוועל. דער ווייסער ר׳ יחזקאל, אב־בית־דין פון די דריי קהלות, איז געזעסן אויף אַ וויג־שטול, די פיס אַרומגעדעקט מיט אַ וואַטאָווער קאָלדרע. נאָענט פאַר די אויגן האָט ער געהאַלטן אַ ספר. ער האָט דערזען ר׳ יעקבן און אים געוואָלט אַנטקעגנגיין מחמת כבוד, אָבער די שווערע וואַטאָווע קאָלדרע האָט זיך אים געפּלאָנטערט אַרום די שוואַכע פיס און ער האָט קיין טראָט ניט געקאָנט שטעלן.

ר׳ יעקב איז צו אים צוגעגאַנגען, אים דערלאַנגט אַ קאַלטע האַנט און זיך אַוועקגעזעצט. דער אַלטער האָט אויף אים געקוקט, ווי ער וואָלט אים געזען צום ערשטן מאָל אין לעבן.

ר׳ יעקב האָט געקוקט אויפן רבס גלייך און האַרט בערדל, אויף זיינע מאָגערע אָפּגעצויגענע באַקן און אַנגעהויבן רעדן מיט אייפער, ווי זיין שטייגער איז געווען:

— רבנות, אין די דריי קהלות, ווערט אַלץ ביליקער. עס איז אַ מחיה בזויה. מען דאַרף האָבן צו טאָן מיט עמי־הארצים, כסדר זיך געפינען אין די פיר איילן פון די גראָבע נפשות. אָט דערפאַר האָב איך, דעם גאון ר׳ הירש אַשכנזיס זון, שוין לאַנג אָפּגעמאַכט מער זיך ניט פאַרנעמען מיט רבנות. בעסער קויפן הייזער, דרוקן ספרים.

דער אַלטער האָט שווייגנדיק געהאָרכט און יעדעס מאָל האָט זיין נידעריקער דאַרער גוף אויפגעציטערט, ווי אַ בוים אין האַרבסט וואָס וויל ניט אָפּגעבן די לעצטע בלעטער.

— יענע יאָרן, — האָט ר׳ יעקב ווייטער גערעדט, — ווען אַלטונא איז טאַקע געווען אַ שטאָט מיט לומדים, האָט זיך געלוינט ס׳רבנות. עס איז געווען אַ כבוד. אָבער איצט? עס בלייבט צו טאָן ווי דער נביא האָט גע־הייסן: „הודע את ירושלים את תועבותיה" — לאָז וויסן אַלטונא, ירושלים ביי דער עלבע, אירע זינד...

ר׳ יעקב האָט גערעדט מיט אייפער און געקוקט אויפן אַלטן, וועמענס אויגן האָבן איצט אויסגעזען ווי צוויי געדיכטע טראָפּנס, וואָס קאָנען שטאַר פאַרגליווערט ווערן אָדער אינגאַנצן אויסרינען...

פון דעם גאַסטס רייד איז דער אַלטער ר׳ יחזקאל רויט געוואָרן. זיין האַרט בערדל האָט אַלץ געציטערט און ער האָט גענומען שטאַמלען, עפּעס

אים געוואָלט ענטפערן און זיך צעהוסט. אויף דעם האָט ר׳ יעקב, ווייזט אויס, געוואַרט. ער האָט זיך אויפגעהויבן, אים אויסגעשטרעקט אַ לעבעדיקע האַנט, אַ מורמל געטאָן: „אַ רפואה שלימה" — און זיך געלאָזן צו דער טיר. דער אַלטער האָט זיך ווידער אונטערגעהויבן מחמת כבוד און זיין שווערע קאָלדרע האָט זיך אים געפּלאָנטערט צווישן די פיס.

שוין אין גאַס, גייענדיק מיט דוד גאַנדזן אַראָפּצו, צו דער עלבע, האָט ר׳ יעקב דערפילט ווי נעבעכדיק ר׳ יחזקאל זעט אויס קעגן אים.

דער רבי מיטן תלמיד האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביי דער שיפוע פון דער עלבע־שטראָסע, וואָס פירט צום טייך. אַ ווינט האָט געטריבן די כוואַליעס פון דער עלבע און געשאָקלט מיט לאַמטערנס אויף די סלופּעס און מיט די ביימער.

די געל־פייכטע ביימער האָבן געציטערט אין ווינט. אויף ווייטע גאַסן פון יענער זייט טייך אין האַמבורג האָבן זיך פייערן געצונדן. ר׳ יעקב האָט אָנגענומען גאַנדזן פאַרן לאַץ און זיך צערעדט, אָפּגעחוזקט פון רב:

— אַזאַ שטאָמלער, ס׳האָט גאָר קיין לשון ניט, און שוין גאַנצע דרייסיק יאָר אַז דאָס פאַרנעמט דעם כסא הרבנות פון ר׳ זלמן מירלש, פון טאַטן ז״ל.

— טאַקע, טאַקע, — האָט דוד גאַנדז אים צוגעגעבן היץ. — פאַרוואָס, רבי, האָבן עס די פריערדיקע ראשי־הקהל צוגעלאָזן?

— שוטה איינער, און די אַמאָליקע פּרנסים זיינען געווען בעסער? דור דור ודורשיו, שוין אַ קימאַ־לן פון פופציק יאָר אַז נייע פּרנסים זיינען אויפגעקומען. אַ קעסטל מיט שרצים שלעפּט זיך זיי נאָך...

ר׳ יעקב האָט זיך אָפּגעשטעלט און ווייטער גערעדט:

— עס איז מיין חוב צו וואָרענען די קינדער פון די קהלות קעגן זייערע פאַרפירער און שלעכטע פאַסטוכער, ווייל איך מיין זייער טובה און וואוילזיין, אָבער וואָס קאָן איך טאָן, אַז זיי הערן זיך ניט צו?

— רבי, איר דאַרפט זיין דער אב״ד פון די דריי קהלות, ווייל איר זייט ווי אַ טאַטע צו אַלע אביונים, — האָט דוד געענטפערט.

אָפּגעריסענע קולות זיינען צוריקגעקומען פון טייך, ווי פון ליידיקע נאַסע פעסער, און זיך פאַרלוירן אין ווייטער טיפעניש.

פון ווינקל עלבע־גאַס, וואו עס איז געשטאַנען אַ פאַרקלערטע קירך, האָבן זיך באַוויזן עטלעכע וואָרעם־איינגעהילטע ברואים. זיי זיינען גע־שטאַנען ביי אַ לאַמטערן־סלופּ, וואָס האָט געוואָרפן אַ שיין אין דער אַראָפּ־גייענדיקער טונקלקייט און אים פאַרוועבט אין די ברייטע שטאַמען פון די

ביימער, און זיי האָבן געקוקט אויף די צוויי בערדיקע יידן, זיך געוואונדערט וואָס זיי פילן גאָרניט די קעלט.

ר׳ יעקב האָט מיטאַמאָל אַ קוק געטאָן אויף די צוויי גויים, דערפילט אַז אַ קעלט יאָגט פון זיי, האָט ער זיך איינגעוויקלט אין פוטער, אַ נעם געטאָן גאַנדזן אונטערן אָרעם און ביידע האָבן זיך געלאָזן מיט דער בריק צו האַמבורג.

דער פאַלשער נביא — אַ כינעזיש מעשהלע

די ערשטע נאַכט סליחות פון יאָר תק״י, ווען דאַוונענדיקע קולות האָבן זיך הייזעריק געריסן אין די אַלטונער און האַמבורגער שולן און דער־שטיקטע צו דער ערד געפאַלן, איז ר׳ יחזקאל קאַצענעלנבויגן, דער רב פון די דריי קהלות, נפטר געוואָרן.

מיט אַ דריי חדשים צוריק האָט ר׳ יעקב געהאַט אַ נייעם סכסוך מיטן ראש־הקהל און די פרנסים. ער איז אַ צייט אַרומגעגאַנגען אַ פאַרכמורעטער און אַ דערצאָרנטער. איצט איז ער אַביסל אויסגעלייטערט געוואָרן. ער האָט זיך געפילט פריש, מונטער. געווען זיכער, אַז ער איז בכח אַ וועלט איינצונעמען.

פאַר די אויגן פון די פרנסים זיינען געשטאַנען די שטומע, אויס־געלאָשענע אויגן פון ר׳ יחזקאלן פאַר זיין טויט; זיין געבראָכן, כאָרכלענדיק קול. זיי האָבן גוט געדענקט, ווי ער האָט זיך ביי זיי געבעטן זיי זאָלן זיין זון מאַכן פאַרן שטעל־פאַרטרעטער נאָך זיין טויט. די פרנסים האָבן אָבער געהאַלטן, אַז זיין זון איז נישט ראוי צו פאַרנעמען זיין פלאַץ, און מורא־האָבנדיק ער זאָל נישט אַראָפקומען, האָבן זיי באַלד אויסגערופן בחירות פאַר אַ נייעם רב.

קיינער פון די פרנסים האָט אויך נישט געוואָלט מען זאָל דערוויל איינלאַדן אין בית־דין־שטוב, אין דער גרויסער אַלטונער שול, ר׳ יעקב אשכנזין. דער ראש־הקהל האָט געטענהט, אַז ער קאָן ענטפערן מיט אַ געבייזער און קהל וועט אים נישט דולדן...

דריי טעג פאַר די בחירות איז יוסף פרעגער געקומען צו ר׳ יעקבן אין הויז, רעדן מיט אים וועגן דעם ליידיקן כסא הרבנות.

ס׳איז געווען נאָכמיטאָג. ר׳ יעקב איז געשטאַנען אין פענצטער, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין הויף. לויט זיין שטיין אין פענצטער, לויט זיין פאַרטונקלטן בליק, איז געווען קאָנטיק, אַז ער מוח׳ט זיך.

יוסף פרעגער האָט געוואוסט, אַז דער רבי ליידט, וואָס קיינער פאַר־שטייט אים נישט. ער האָט גוט געדענקט וואָס דער רבי האָט אים מיט אַ פאָר יאָר צוריק, בעת זיין סכסוך מיט די ריביתניקעס אין קהל־זאַל, געזאָגט, אַז די פרנסים פאַרשטייען אים נישט. ער איז פאַר זיי אַ סוד. — זיי האָבן זיך אויסגעטראַכט אַ יעקב אַשכנזי, — האָט ער געזאָגט, — און שלאָגן זיך

מיט אים. ער אַליין האָט אפשר גאָרניט צו זיי. וואָלטן זיי זיך אַריינגעטראַכט אין יעדן אות פון זיינע ספרים, וואָלטן זיי געזען, אַז דאָרט ליגט אַ טיפער מיין. ער וויל דעם סדר־העולם מתקן זיין. צו זיי האָט ער גאָרניט, ווייל וואָס זיינען זיי שולדיק אַז זיי לעבן אין אַ דור פון קלקול... צוליבן איינציקן, צוליב יחידים, ווערט דער סדר ניט געענדערט. זיי פאַרשטייען אים ניט. וואָלטן זיי אים פאַרשטאַנען, וואָלטן זיי אַפילו זיין עקדישדיקן ביס פאַרנומען מיט ליבשאַפט און זיין בייזקייט — געטריי, ווי וואונדן פון אַ פריינט, פון אַ רופא נאמן... ווייל, באַגלובט זיינען די וואונדן פון אַ ליבהאָבער און פאַלש זיינען די קושן פון אַ שונא...

דער תלמיד האָט זיך גענומען אויף צוריק אַרויסשאַרן פון חדר, ניט געוואָלט שטערן. ר' יעקב האָט אים באַמערקט און איז אים אַנטקעגנ־געגאַנגען. אין זיינע אויגן איז נישט בלויז געווען טיפע פאַרטראַכטקייט נאָר אויך גבורה. דער שטערן האָט זיך נאָך אַלץ געקנייטשט אונטער די מחשבות. ער האָט אַ נעם געטאָן פרעגערן אונטערן אָרעם און געזאָגט:

— קום, יוסף, לאָמיר זיך אַביסל דורכגיין צום טייך.

פאַרטראַכט מיט אַ זיקנהדיקער מיושבדיקייט איז געלעגן דער ברעג טייך. אַ ווינטל האָט צו דער ערד געבויגן די גרעזעלעך מיט די פאַר־דאַרטע שפיצן. פייגל זיינען דאָ און דאָרט אַרומגעפּלויגן, נישט רירנדיק מיט די פליגל. דער הימל האָט געקוקט רחבותדיק מיט אַ דורכזיכטיקער בלויקייט.

ר' יעקבס פנים האָט אויסגעזען ערנסט און שטראַלן פון דער אלול־זון האָבן זיך געפּלאָכטן אין זיין באָרד און זיך געשפּיגלט אין זיין אַט־לעסענעם בגד. ביי די ביימער זיינען אומגעפּלויגן שנירלעך פייגעלעך און אין זייער פליען איז געווען עפּעס אַזעלכעס, אַז דאָס אויג האָט פון זיך אַליין געקוקט צום הימל. אַ וואָרעמקייט האָט געשטראָמט פון רבין צום תלמיד און זיין טרויער איז איבער אים געקומען.ביידע זיינען געגאַנגען פאַר־זונקען אין מחשבות און זיינען, אַליין ניט־וויסנדיק, נעענטער צום וואַסער געקומען. אַ זילבערנער שפּיגל האָט אַ בליאַסק געגעבן, זיך אין זיי ווי איינ־געשניטן. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין.

ר' יעקב האָט יוספן געגלעט מיט דעם סאַמעטענעם טרויער פון זיינע אויגן און מיט אַ געבראָכן קול געזאָגט:

— ס'האָט ניט געקלעקט קיין מוט ביי די פרנסים מיך איינצולאַדן פאַר ימים־נוראים אין דער גרויסער שול. זיי האָבן מורא...

אין יוסף פרעגערן האָט ר׳ יעקבס בליק אַ ווייכקייט אָנגעיאָגט. זיין געבראָכן קול, אָנגעפילט מיט צער, האָט רחמנות אין אים געוועקט און אַ באַדערפעניש איז איבער אים געקומען דעם רבין צו פאַרשטיין געבן פאַר־וואָס די פרנסים האָבן מורא פאַר אים. ער האָט אַ זאָג געטאָן:

— מען דאַרף דעם חכם־צביס ירושה ניט לאָזן אונטערגיין.

— גערעכט, יוסף, אָבער די תקיפים ווילן ניט די ירושה...

— רבי, אפשר דאַרף מען אַביסל נאָכגיביק זיין, ניט צופיל איינרייסן מיט זיי. פאַרט תקיפים. „תעלה בעידנה סגי ליה״ *), — האָט ער געזאָגט, פליסטערנדיק מיט געבעט. — לאָמיר פרוואוון אַ רעד טאָן מיט זיי, חזקה, — האָט ער זיך געבעטן.

— נאָכגעבן, נאָכגעבן, — האָט ר׳ יעקב אויף אים די אויגן אָנגע־שטעלט. — איך פאַרשטיי דיך ניט. צוליב וואָס? צוליב כבוד? אפשר צוליב געלט? זאָל איך מוותר זיין אויפן אמת? אויף הקדוש־ברוך־הואס חותם? איך בעט יעדן טאָג: גיב אמת צו יעקבן...

ביידע האָבן געשוויגן. נאָך אַ צייט שוויגן האָט ר׳ יעקב אָנגעהויבן שטיל, ווי ער וואָלט צו זיך אַליין גערעדט:

— אין מיין ספר „מגדל עוז״ האָב איך פאַרשריבן אַ מעשה, וואָס איך האָב געלייענט אין איינעם פון די ספרים פון די חכמי־סין:

— דער הימלישער קעניג איז אַמאָל געקומען צו רייטן אויף אַ ווייסן דראַגונער אין זייער מדינה אַריין און האָט איינגעלאַדן איינעם פון די פאַלשע נביאים צו אַ סעודה. ביים עסן האָט זיך דער פאַלשער נביא אויפגעהויבן פון טיש, איז אַרויף אויפן ווייסן ים־פיש און איז אַרויפגעפלויגן אין הימל און דאָרטן פאַרכאַפּט פאַר זיך דעם כסא־המלוכה. ווען דער מלך האָט זיך געכאַפּט, אַז דער נביא איז ניטאָ, איז שוין געווען צו שפּעט. ער האָט זיך געוואָלט אומקערן צו זיין ממשלה, אָבער יענער האָט שוין פאַר אים פאַר־שלאָסן אַלע טירן. קיינע בקשות און תחנונים האָבן שוין ניט געהאָלפן. דעם מלך איז געבליבן איין ברירה: זיך פאַרקלייבן אין אַן איינזאַמען שלאָס, דאָרטן שרייבן ספרי־חכמה און אַזוי אָפּלעבן זיינע יאָרן...

— יוסף, עס וועט נישט העלפן קיין הכנעה, קיין געבעט. פאַלשע נביאים פאַרכאַפּן דעם כסא־המלוכה און רעדן־איין דעם עולם, אַז זיי הערשן אויף דער ערד מיטן כח פון הימל...

---

*) אַ פוקס ווען ער איז קעניג, דאַרף מען זיך צו אים בוקן...

אַ גרויס רחמנות איז יוספן געווען אויפן רבין. אַזאַ צעווייטיקט האַרץ, און ווי אַן איינגע׳עקשנט קינד, וואָס מען וויל עס מיט גוטן איינגעמען, האָט ער אים געזאָגט:

— רבי, אפשר וועט מען זיך דאָך מיישב זיין.

אַ דערציטערטער האָט ר׳ יעקב אַ זאָג געטאָן:

— יעקב ווייסט נאָר דעם אמת. ביים אמת קאָן קיין ישוב־הדעת ניט זיין.

איצט האָט שוין ר׳ יעקב געברויזט ווי אַ קעסל. דעם תלמיד איז אַזש אַ שוידער דורכגעגאַנגען איבערן קערפּער. — דער רבי איז געָרעכט.

ער איז געבליבן זיצן אַ דערדריקטער און די אויגן־וויעס האָבן ביי אים פאַר שרעק אָנגעהויבן פּינטלען. ער האָט נישט געוואָגט צו אָטעמען. ער האָט געטראַכט: — זאָל געשען וואָס עס וויל. אין שאול־תחתיה אַריין וועט ער אַפילו גיין מיט ר׳ יעקבן. ער וועט אים נישט פאַרלאָזן. און ווי ער וואָלט מורא געהאָט, אַז ער וועט דעם נסיון נישט ביישטיין, האָט ער זיך שנעל אויפגעהויבן. ער האָט קיין חוצפה נישט געהאַט ר׳ יעקבן פון די רעיונות אויפוועקן. אַן אייגעבויגענער איז ער געשטאַנען און געקוקט אויפן וואַסער.

ער האָט געזען ווי די שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון שפּיגלען זיך אין וואַסער. די וועלעכלעך כאַפּן אַ בלישטש זון, לויפן דערמיט צום ברעג, שטויסן זיך אָן מיט די קעפּלעך אין זאַמד, ווערן צערונען, און באַלד קומט אַ צווייטס אָנצולויפן מיט אַ בלישטש פון דער זון אויף די אַקסלען.

— שטענדיק אַזוי, — האָט ער געטראַכט, — אייביק מוז איינער טראָגן די זון אויף די אַקסלען. אָבער שרצים האָבן מורא פאַר דער זון. טוען אָפּ אין דער פינצטערניש זייערע אומווירדיקייטן.

ר׳ יעקב האָט זיך אויפגעכאַפּט פון די מחשבות, אַ קוק געטאָן צו מערב. געזען אַז ס׳איז שוין נאָענט צו מנחה, האָט ער אַ נעם געטאָן דעם תלמיד פאַר דער האַנט אוןביידע זיינען געגאַנגען אין שטאָט אַריין.

ביים ברעג זיינען טויבן אַרומגעשפּרונגען אויף די רויטלעכע פיסלעך און געוואָרקעט זייער מנחה־תפילה, געקליבן ברעקלעך צווישן די פייכט־לעכע שטאַמען פון די ביימער.

מען קלייבט אַ נייעם רב

טעג. וואָכן. חדשים. נויג צו דיין אויער, בן־אָדם, און הער: אין אַלטן ספר „בחינת עולם" — פון ידעיה הפניני — שטייט געשריבן: טעג, חדשים, יאָרן, זיינען אין תוך ענלעך צום מענטשן. אַזוי ווי מענטשן זיינען נישט גלייך איינער צום צווייטן אין פּנים, אין כאַראַקטער, אין הלבשה, אַזוי זיינען טעג אויך פאַרשיידן. פאַראַנען טעג וואָס מאַכן פריילעך דאָס געמיט און פאַראַנען טעג וואָס זיינען מרה־שחורהדיק, טרויעריק, ווי אבלים אויף שבעה־בענקלעך. אָבער פּונקט ווי אבלים זיינען אויך נישט תמיד אָן אַ רגע פון נחמה, פון פרייד, אַזוי ברענגען אויך טעג פרייד און פריינט וואָס טרייסטן און מונטערן.

שוין צען יאָר אַז ר׳ יעקב אשכנזי וואוינט אין האַמבורג. די שטאָט מיט אירע פּרנסים האָבן אים אַ סך מאָל אַנטוישט, אַריינגעוואָרפן אין מרה־שחורה, אָבער אָפט קומען פריינט און טרייסטן, דערלייכטערן.

ר׳ יעקב ווייסט פון נאָך אַ סוד, וואָס ברענגט אים נחמה — דאָס איז: שרייבן. נאָכדעם ווי ער שרייבט אָפּ אַ גאַנצן טאָג, איז דער מאָרגנדיקער טאָג אַ ליכטיקערער.

תורה, מוסר — דאָס זיינען די ליכט, וואָס מאַכן העל זיין נשמה, קוקן אים פון די אויגן אַרויס ווי אַ נר־תמיד.

סוף תשרי תק״ט. אין די באַמויערטע גאַסן שיינט די זון מיט עצבות פון ערב־שטאַרבן. אַ גאַנצן טאָג איז דער הימל מאַט־בלוי און טיף און די זון זעט זיך אָן ווי אין אַ גאָלדענעם טעלער.

היינט אָוונט קומען פאַר בחירות פאַר אַ נייעם רב און ר׳ יעקב האָט ניט־ווילנדיק מסכים געווען מען זאָל זיין נאָמען אויך אַרויפשטעלן אויפן צעטל.

ביי זיך אין האַרצן האָט ער גוט געוואוסט, אַז די אַלטונער פּרנסים, די ריביתניקעס, וואָס טראָגן שוין פון לאַנג אַ האַרץ אויף אים, וועלן אים ניט אויסקלייבן. יחיאלכי וואָלף וועט זוכן נקמה־נעמען אין אים. פונדעסט־וועגן האָט ער זיך געלאָזט צורעדן. פּאָרט, דעת חברים, און ווער ווייסט...

פאַרנאַכט. אין דרויסן האָבן שוין די לאַמטערנס געברענט. כאָטש די גאַסן זיינען נאָך געווען אָנגעגאָסן מיט תשרידיקן גאָלד פון בין־השמשות.

דער הימל איז געווען בלוי און האָט זיך געשפּרייט נידעריק איבער די מויערן.

ביי ר׳ יעקבן אין הויז זיינען זיך צונויפגעקומען זיינע מקורבים: יוסף פּרעגער, דוד גאַנדז, דער האַמבורגער פּרנס משה אהרן און אַנדערע.

ר׳ יעקב איז געזעסן אין זיין שרייב־צימער, ביי אָנגעצונדענע ליכט, און פאַר אים איז געלעגן אָפן דער צווייטער טייל פון זיין ספר „מור וקציעה״.

די גוטע פריינט זיינען געזעסן און געזוכט מיטלען ווי אַזוי אַרויסהעלפן זייער רבין אין די בחירות. ר׳ יעקב איז געזעסן איבערן אָפענעם ספר, ווי די זאַך וואָלט אים גאָרניט אָנגעגאַנגען.

— עס איז אַ מנהג, אַז די בחירות זיינען אָפענע, ביים קלייבן אַ רב מעג קומען די גאַנצע שטאָט. לאָמיר אַלע אַהין אַריבערגיין, — האָט זיך משה אהרן אָנגערופן.

— לאָמיר אַלע גיין, ברוב עם הדרת מלך, — האָט יוסף פּרעגער גע־ענטפערט.

— און די רביצין זאָל אויך גיין, אַ סך נשים וועלן דאָרטן זיין, — האָט משה אהרן פאַרגעלייגט.

אין קהל־זאַל איז געווען ענג און רעשיק. חוץ די פּרנסים זיינען דאָרט געווען פאַרזאַמלט אַ סך כלי־קודש, האַמבורגער סוחרים און מעקלער.

צוויי שעה פאַר חצות איז דער ראש־הקהל יחיאלכי וואָלף אַריינגעקומען אין דער באַגלייטונג פון יוזפּאַ האַלענדער, פאַרנומען זיין פּלאַץ אויבנאָן און מיט אַ בליק פון אַ גערניטן מענטשן באַטראַכט דאָס גאַנצע זעמל־מעל, די פּרנסים, די ריביתניקעס, וואָס זיינען געזעסן אויף די ערשטע בענק.

צוויי שמשים האָבן אויסגעטיילט צעטלעך צווישן עולם. אויף די צעט־לעך זייענען געווען אויסגעכתיהט די נעמען פון די מועמדים *): ר׳ אריה לייב פון אַמסטערדאַם; ר׳ שמואל הילמאַן פון מאַנהיים; ר׳ יהונתן אייבעשיץ און ר׳ יעקב עמדין.

בתיה־צביה איז געזעסן אין אַ סאַמעטן קלייד מיט אַ זיידן טיכל אויפן קאָפּ און מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים געהערט ווי דער עולם אַמפּערט זיך שטילערהייט וועגן איר יעקבן.

יחיאלכי וואָלף האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין טיש:

---

*) קאַנדידאַטן.

— מורי ורבותי, ממונים און פרנסים! מיר זיינען זיך צונויפגעקומען קלייבן אַ פּאַסטוך פאַר די צאַן־קדשים פון די דריי קהלות. אַ פּאַסטוך דאַרף וויסן ניט נאָר ווי צו פירן ,נאָר אויך ווי צו היילן די קראַנקע שאָף, די הינקעדיקע לעמער, ווי אין פסוק שטייט: „ידוע תדע פני צאנך, שית לבך לעדרים.״ איך זאָג עדות, אַז דער גאון ר׳ יהונתן אייבשיץ איז אַ באַגלויב־טער פאַסטוך. ער איז ניט נאָר אַ מנהיג, נאָר קאָן אויך מיט זיין וואָרט היילן. איך, אייער ראש־הקהל, לייג דעריבער פאָר, היות די אַנדערע צוויי מעומדים, די רבנים פון אַמסטערדאַם און מאַנהיים, קענען מיר ניט, און ר׳ יהונתנס נאָמען איז ווי אַ גוטער בוימל, וואָס טראָגט זיך אין דער וועלט, — אַז מיר זאָלן איצט, בפה אחד, אויסקלייבן ר׳ יהונתן אייבעשיץ פאַרן פאַסטוך פון די דריי קהלות. זייט איר מסכים, פרנסים?

— מסכים, מסכים! — האָבן זיך עטלעכע פרנסים אויפגעהויבן און געוואָרפן חניפה־בליקן אויף וואָלפן.

— איך בעט רשות, — האָט זיך דערהערט די שטים פון משה אהרנען, דעם האַמבורגער פרנס.

— איר האָט ס׳וואָרט, האַמבורגער פרנס!

— רבותי, איך מיין אַז מיר דאַרפן ניט ברענגען אונדזערע פאַסטוכער פון דער וועלט. דאָ אין האַמבורג האָבן מיר אַ גאון און אַ זון פון אַ גאון, ר׳ יעקב אשכנזי.

— ניין, רבותי, — האָט זיך יחיאלכי וואָלף אויפגעשטעלט און גערעדט געלאַסן. — מיר דאַרפן אַ מנהיג, אַ פאַסטוך, ניט קיין בייזן מוכיח, וואָס ברענגט שאָדן דער קהלה. דער אשכנזי איז אַ שרף, ער פאַרברענט בהבל פיו און זיין פען שניידט ווי אַ חלף...

— איך בעט רשות, — האָט משה אהרן גערעדט מיט צאָרן. — עולם, לאָזט זיך ניט פאַרפירן. ר׳ יעקב אשכנזי איז ווי דער האָן, וואָס ווען ס׳גיט אים אַ ברי אונטער די פליגל, מוז ער קרייען, אַזוי מוז ר׳ יעקב שליידערן זיין אמת וואָרט, וואָס בריט אים אויף די ליפּן...

יוזפאַ האַלענדער האָט עפּעס אַריינגערוימט וואָלפן אין אויער און דער ראש־הקהל האָט ווידער געקלאַפּט:

— זאָל דער קהל־סופר פאַרצייכענען, אַז יעקב עמדין האָט באַקומען אין די בחירות איין קול. ר׳ יהונתן איז מרוצה צום גאַנצן קהל...

משה אהרן האָט געוואָלט רעדן, אָבער באַלד האָבן זיך דערהערט ווייבערשע אויסרופן. „מזל־טוב! מזל־טוב״ — האָבן זיי געשריגן. דער

עולם האָט זיך געהויבן פון די בענק. יחיאלכי וואָלף האָט דריי מאָל געקלאַפּט. אַ צייכן, אַז די אסיפה איז געענדיקט.

בתיה־צביה איז אַהיים געגאַנגען אַ פאַרשעמטע. ביים אַרויסגאַנג האָט זי געהערט ווי יחיאלכי וואָלף רעדט צו יוזפאַ האָלענדערן, שפּאָט אָפּ פון ר׳ יעקבן, חכמהט זיך אויף איר חשבון:

— יוזפאַ, ווי געפעלט דיר די חוצפה פון האַמבורגער סוחר? ער וויל דעם אשכנזי פאַרן אב״ד. ניט כל־זמן איך בין ראש־הקהל. זעסטו, זיין פלוניתטע, די רביצין, געפעלט מיר דווקא יאָ...

דער הימל איז געווען אויסגעשטערנט. די לבנה האָט געאיילט ערגעץ־וואו דורך קליינע וואָלקנדלעך ווי דורך בערג און טאָלן. בתיה־צביה האָט געאיילט נאָך דער זיך־יאָגנדיקער לבנה.

ר׳ יעקב איז געזעסן פאַרטיפט אין זיינע אָנגעשריבענע כתבים. די ליכט האָבן געפלעמלט און געוואָרפן אַ רויטע שיין אויף די בויגנס מיט די געציקלטע אותיות. ער איז געווען מיד און זיינע דיקע, אומעטיקע ברעמען האָבן זיך אים אַרונטערגעלאָזן, די אויגן האָבן זיך אים געקלעפּט און ער האָט איינגעדרימלט זיצנדיק. — — —

פלוצלונג האָט זיך אַ פלעמל אָפּגעריסן פון ליכט, אַ פלאַטער געטאָן ווי אַ געל זומער־פייגעלע און זיך אָנגעכאַפּט אין אַ בויגן. אַ פלאַם האָט געלעקט די שוואַרצע אותיות פון די בויגנס און אַ בלויער רויך האָט זיך געהויבן איבער ר׳ יעקבס דרימלענדיקן קאָפּ. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, דערזען ווי דער פייער פאַרצערט די בויגנס, און אָנגעהויבן שרייען:

— בתיה־צביה, ברענג וואַסער!

זיין עלטערער זון משולם־זלמן, מיט אַ רויטלעך פּנים און שוואַרץ־געדיכטע ברעמען, איז אַריינגעלאָפן מיט אַ קרוג וואַסער.

— וואו איז בתיה־צביה?

— אין קהל־זאַל ביי די בחירות.

— וואָס אַן אישה קאָן איינפאַלן!

בתיה־צביה איז געשטאַנען אין דער טיר. מען האָט דערקענט, אַז זי איז טרויעריק, פול מיט פאַרדרוס.

— ווער איז דער נייער אב״ד? — האָט ר׳ יעקב צונויפגענומען דאָס רעשט אָפּגעסמאַליעטע כתבים, געבלאָזן ס׳אַש פון טיש.

— יחיאלכי וואָלף, דער רשע, האָט זיך איינגעשטעלט פאַר יהונתן אייבשיצער, — האָט בתיה־צביה געענטפערט שטיל, קוים איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

— מוחל, מוחל די ריביתניקעס דעם כבוד! אייבשיצער, וואָס האָט זיך געחברט מיט שבתי־צביניקעס, איז אַ גרעסערער למדן פון מיר, מער הדרת־פנים, — האָט ר׳ יעקב גערעדט מיט אַ ציטעריק קול און די ברוינע אויגן האָבן געבלישטשעט, זיינען פייכטלעך געוואָרן.

— ניטאָ וואָס זיך מצער צו זיין, יעקב, — האָט אים בתיה־צביה געטרייסט. — זיינען אַ סך כתבים פאַרברענט געוואָרן?

ר׳ יעקב האָט זיך אויסגעגלייכט, געוואָרן נאָכאַמאָל אַזוי גרויס, די אויגן זיינען אים געווען בליציק און אויפגעריסן, און ער האָט מיט אַ פינגער געטייטלט אויף די ליכט:

— פון הימל האָט מען מיר געוויזן, אַז מיין תורה איז ניט פאַר די דריי קהלות!...

אויף מאָרגן האָט ר׳ יעקב אַריינגעשריבן אין זיין טאָגבוך:

„כ״ה תשרי, תק״ט.

„נעכטן אָוונט, אין מיטן שרייבן מיין ספר „מור וקציעה״, האָב איך איינגעדרימלט. אַ פלאַם האָט זיך אָפּגעריסן פון אַ ליכט און אַ טייל פון מיינע כתבים זיינען געוואָרן צו אַש. די כתבים זיינען מיר זייער טייער. מיין פּען איז, ברוך־השם, אַ ריינע, ניט קיין געשענדטע. בעת־מעשה האָב איך געפילט ווי צו נעמען אַביסל אַש און עס אַריינטאָן אין מיין טינט־פעסל, פאַרזיגלען און עס טראָגן אין אבלות... די שריפה איז אַן עונש פון הימל, ווייל איך האָב זיך געלאָזט צורעדן פון מענטשן און געזוכט ס׳רבנות פון די דריי קהלות. איך האָב זיך פאַרלאָזט אויף מענטשן, ווּעמענס חסד איז ווי דער שפּראָץ פון פעלד. איצט וועט שארית־יעקב זיין ווי טוי פון גאָט, ווי שפּריי־רעגן אויף גראָז וואָס האָפט ניט אויף אַ מענטשן און וואַרט ניט אויף בני־אָדם, און זאָל מקוים ווערן אויף מיר די רייד פון נביא: „דיין האַנט וועט זיין דערהויבן איבער דיינע דריקער און אַלע דיינע פיינט וועלן פאַרשניטן ווערן.״ *)״

---

*) מיכה, ה, ו.

ג
גערֲאנגל

דער אר״י און זיין תלמיד

אין דער נאַכט פון ערב־יום־כיפור, ווען די גמרא־ניגונים אין דער גרויסער ישיבה פון מעץ זיינען ביסלעכווייז אויסגעגאַנגען און די ישיבה־לייט האָבן איינציקווייז פאַרלאָזן די קלויז, — איז ר׳ יהונתן אייבשיץ, דער ראש־ישיבה און דער רב פון מעץ, אין דער לאָטרינגער פּראָווינץ, געבליבן זיצן ביים פענצטער און אַרויסגעקוקט צום טייך מאָזעל.

עס איז געווען אַ מילדע תשרידיקע נאַכט. טיף־בלוי. דער אויס־געשטערנטער הימל האָט די צוויי־גאָרנדיקע טורעם־פּאַרשפּיצטע הייזער פון דער יידן־גאַס מיט זיין ברייטער דלאָניע אַרומגענומען און צו די אונטערשטע בערגלעך צום טייך געבויגן, ווי ער וואָלט זיי וועלן אַ סוד אַריינרוימען.

ר׳ יהונתן, אַ קליין־געוויקסיקער, אַ גרויער מיט אַ רונד פּנים און אַ מילך־ווייסער באָרד, איז געזעסן מיט אַן איינגעבויגענעם רוקן און הנאה געהאַט פון דער קילער לופט. אַ ווינטל, וואָס האָט זיין שטייפע באָרד צע־פלאָשעט, אים געקילט דעם ברייטן שטערן, און ווי עס וואָלט פּלוצלונג מורא באַקומען פאַר אים, האָט עס זיך באַהאַלטן צווישן די הייזער. דער רב האָט לויז־געמאַכט זיין שוואַרצן זיידענעם כאַלאַט און האַלב צוגעמאַכט די אויגן אויף איינצודרימלען.

איצט האָט ער שוין מער ניט געזען די גאַס, די אַלטע שול פון בעל־„יראים״, וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן העכער מיט אירע קאָלירטע פענצטער איבער די געטורעמטע הייזער, מיט די הילצערנע טרעפּ, וועלכע האָבן זיך געצויגן באַרג־אַראָפּ צום טייך. ער האָט געזען אַ חזיון.*) —

פון ברעג טייך נילוס איז ער אָנגעקומען, רבי יצחק לוריא, דער אר״י הקדוש, דער פאָטער פון דער תורת־הסוד, די קבלה, און האָט מיט זיין געליבטן תלמיד ר׳ חיים וויטאַל שפּאַצירט ביים טונקל־בלויען ים כנרת.

און ווען די זון, וואָס האָט געפלאַמט ווי אַ קרוין אויפן שפּיץ פון באַרג חרמון, איז געוואָרן אַלץ שמעלער און שמעלער און איז געזונקען אין ים,

*) אַ וויזיע.

האָבן זיך דער רבי מיטן תלמיד אַנגעהויבן שיפּן איבערן טייך און גע־טרונקען ס׳וואַסער פון מרים־קוואַל.

ווען דער רבי האָט געזאָגט תורה, האָט זיך ס׳שיפל אין מיטן טייך געוויגט, און ס׳איז געווען אַ נס וואָס עס איז ניט געזונקען.

און אַז די צווי הייליקע יידן האָבן זיך אומגעקערט צום ברעג און זיך געלאָזט מיט די בערג צו דער עיר־הקדושה צפת, זיינען אויפן הימל אויפ־געגאַנגען דריי שטראַלן. איין שטראַל איז אויבן געווען אַביסל אויפגעהויבן. דער אר״י איז אַרונטער אונטער דעם שטראַל און די שטראַלן זיינען באַ־האַפטן געוואָרן און האָבן אויסגעזען ווי אַ פייערדיקער „שין", דער ערשטער אות פון אַלמעכטיקסטן נאָמען „שדי" און דער צווייטער אות פון משיחן. און דער „שין" איז געוואַקסן, האָט געשפּרייט אַ שיין איבערן בלויען גליל־ים און באַלויכטן די בערג פון צפת, ביז מירון און די שוואַרצע פעלזן, און זיך געשפּרייט איבערן לאַנד, איבער דער וועלט.

און אַז ר׳ חיים וויטאַל איז געקומען צו זיך פון צעטומלטקייט, האָבן די בלויע כוואַליעס פון כנרת אויסגעזען ווי פריער, די בערג — אַזוי ווי פריער, אָבער דער רבי, דער אר״י הקדוש, איז שוין ניט געווען.

מער ווי דעם אות „שין" האָט שוין דער רבי ניט געשריבן. וואָרים ווען דער אר״י האָט געזאָגט תורה זיינען זיינע רייד געפאַלן פון מויל, ווי ברענענדיקע קוילן, וואָס מען קאָן ניט איינהאַלטן. ער האָט זיין פריערדיקע תורה ניט פאַרשריבן און האָט אויך ניט געוואָלט אַז זיינע תלמידים ר׳ חיים וויטאַל, ר׳ משה זכות און מנחם עזריה מפאנו, זאָלן זיי פאַרשרייבן, ווייל דאָס געשריבענע — האָט ער געהאַלטן — איז בלויז דאָס פאַרגליווערטע, טויטע, און דאָס גערעדטע איז לעבעדיק. פאַרשריבענע ווערטער זיינען געגליכן צו טויטע אויסגעריסענע שטאָמען און דאָס גערעדטע צום לעבע־דיקן וואָרצל. נאָר אין מויל פון די יודעי־חן, פון די וואָס ווייסן די נשמה פון אַ זאַך, ווערט דער כתב צוריק לעבעדיק.

אָבער נאָכדעם ווי דער רבי איז נעלם געוואָרן, האָט דער תלמיד פאַר־צייכנט אין זיין טאָג־בוך „שבחי האר״י" די מעשה פון זיין התעלות און אויך זיין תורה געזעצט אין שריפט. אַזוי זיינען אויפגעשריבן געוואָרן די ספרים „עץ חיים", „ספר הכוונות" און „ספר הגלגולים".

ליבטיק איז געווען ר׳ יצחק לוריאס חכמה און זיין תורה — טיפער ווי די אָפּגרונטן.

אין זיינע טעגלעכע חזיונות האָבן זיך באַוויזן משה רבנו און אליהו הנביא און אין זיינע נעכט — דער שטראַלנדיקער ר׳ שמעון בן יוחאי.

און אַלץ האָט ער געוואוסט, קיין זאַך איז פאַר אים ניט געווען פאַר־באָרגן. ער האָט געשפּירט דעם אָטעם פון דער וועלט, באַנומען אַלע קלאַנגען פון דער נאַטור, דעם ציטער פון אַ בלאַט און דעם שאָרך פון אַ ווינטל, און ער האָט געפילט ווי אַ גרעזל וואַקסט און האָט פאַרשטאַנען דאָס שטומע לשון פון שטיין, פון באַרג, פון פלאַם.

די קבלה האָט אים דורכגעלויכטן דעם סוד פון די זאַכן. ברענענדיקע זעקס־פליגלדיקע מלאכים האָבן מיט אים גערעדט. ער האָט אין יעדן עצם געזען סודות, אָבער פאַר אים האָבן זיך די סודות געעפנט, געשטאַנען פאַר אים ווי געהאַרכזאַמע קנעכט.

ניסים זיינען אויפגעגאַנגען מיט יעדן טראַט זיינעם און ווי אַ בוים זיינען זיינע וואָרצלען געווען טיף אין גרונט און האָבן געטראָגן פרוכט אויבן.

אָבער גאָר אַנדערש האָט אויסגעזען די תורה אין די כתבים פון זיין תלמיד. טיף און טונקל, פאַרפלאָכטן און פאַרצווייגט, און מען האָט פון זיי אַרויסגעלערנט חכמה און שטות, כישוף און מופת, ביטול־היש און תאווה, גלוסט צו מאַכט און אויפלייזונג אין אין־סוף.

דער העל־שיינענדיקער פּנים פון ר׳ שמעון בן יוחאי האָט אַרויסגעקוקט פון די געשריבענע אותיות און אין דער געדיכטעניש פון זיין זילבערנער באָרד זיינען געלעגן רבוא רבבות נשמות פון צדיקים און טהורים; עס האָבן אָבער פון דאָרטן אויך אַרויסגעבליצט די באַקעטע בריסט פון לילית און פון איר האָבן פאַרשיכורטע געזויגן די קינדער פון תאווה און מאַכט. וואָרים אַזוי שטייט געשריבן אין דער תורה, וואָס עס האָט געלערנט דער אר״י:

„עס טרעפט, אַז עס קומען זיך צוזאַמען צוויי נשמות אין איין גוף, כדי איינאיינעם דורכמאַכן זייער גלגול אין דער וועלט. איינע איז ליכטיק, די צווייטע — חושך. איינע קומט פון אַ למדן, אַ תלמיד חכם; די צווייטע — פון אַ הדיוט, אַן עם־הארץ. איינע איז אויסגעהאַקט פון כסא־הכבוד, די צווייטע איז גאַלע טומאה. אָבער זיי זיינען פאַרט באַהאַפטן אין איין גוף, ניט אָפּצוטיילן, „כשלהבתא בגומרא״ — ווי דאָס פלעמל פון דער קויל. אָפט גיסן זיי זיך צונויף, באַהעפטן זיך, ווערן מעוברת. אָפט צעברעכן איינע די אַנדערע. אָבער תמיד איז אַזאַ פאַראייניקונג אַ ישועה און אַ כפרה פאַר זינד.״

אַזוי האָט געזאָגט דער יונגער היילִיקער אר״י, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין ירושלים, האָט זיבן יאָר געפּייניקט זיין גוף אויפן בּרעג פון נילוס, האָט זיין חכמה געלאָזט פלייצן צווישן די בערג פון צפת און טבריה און ביי די ברעגעס פון לויטערן כנרת. ער האָט זיין תורה קיינמאָל ניט פאַרשריבן און איז אַזוי סודותדיק פאַרשוואונדן ביים ברעג ים־גינוסר אין אַכט־און־דרייסיקסטן יאָר פון זיין לעבן. — — — — — — — — — — — — —
— —

ר׳ יהונתן האָט געעפנט די אויגן. ער האָט דערהערט טריט אויף די טרעפּ פון דער קלויז, געטראַכט וועגן דער מאָדנער זעאונג, וואָס ער האָט איצט געזען אין האַלב־דרימל, און געקלערט אַז ער אַליין פאַרמאָגט אין זיך צוויי נשמות, אַ נשמה פון אַ למדן און פון אַ מקובל.

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען ער איז אַמאָל געווען אין פּרעשבורג האָט ער דאָרטן ביים טייך דונאַי אָנגעשריבן אַ ספר פול רמזים וועגן משיחן... „ואבוא היום אל העין״ — בין היינט געקומען צום קוואַל, האָט דער ספר געהייסן. איז עס ניט צומאָל געווען דער קוואַל פון מרים?

דער הויכער שמש, גומפּריך ריישער, איז אַריינגעקומען און אים דערלאַנגט אַ בריוו. ר׳ יהונתן האָט געעפנט און דערזען אַ כתב־רבנות פון די דריי קהלות: אַלטונא, האַמבורג און וואַנדזבעק. אויפן כתב איז געלעגן דער שטעמפּל פון יחיאלכי וואָלף, ראש־הקהל.

קנאי, דער זון פון אַ קנאי

זיבן טעג נאָך סוכות, ווען די יום־טובדיקע פריילעכקייט האָט זיך אָפּגעטאָן, די ריחות פון אתרוג און גרינעם סכך זיינען אויסגעוועפט געוואָרן און די וואָכעדיקע טעג זיינען אָנגעקומען, האָבן די דריי קהלות געמאַכט אַ יום־טוב אין מיטן וואָך.

דינסטיק, פרשה נח, האָט דער יידישער תחום פון האַמבורג געשטשט. אַ יום־טובדיקער עולם האָט געשטראָמט קיין אַלטונא צו דער גרויסער שול, וואו עס קומט־פאָר אַ קבלת־פנים פאַר דעם נייעם רב פון די דריי קהלות, דעם גאון ר׳ יהונתן אייבשיץ, וואָס איז בעכטן אָנגעקומען פון מעץ.

ר׳ יהונתנס נאָמען איז געווען ברייט באַקאַנט איבער דער וועלט. פון זיין יוגנט אָן איז ער מפורסם געוואָרן. קיין גרויס זכות־אָבות האָט ער ניט געהאַט, ער איז אָבער געווען אַן עילוי, איינער אין קראָקע, זיין געבורטסשטאָט.

צו פינף יאָר האָט ער געלערנט גמרא מיט תוספות; צו זיבן האָט ער פאַרענטפערט די קשיות פון תוספות אויף רש״ין; צו צען יאָר האָט ער געהאַלטן אַ דרשה אין רמ״אס שול און פאַרענטפערט די השגות פון ראב״ד אויפן רמב״ם, אַז די לומדים זיינען געבליבן געפּלעפט.

ווען ער איז נאָך געווען גאָר אַ יונג בחור׳ל האָט ער זיך אַריינגעלאָזן אין קבלה. ער האָט געקענט אויף אויסנווייניק אַלע ספרי פילאָסאָפיע: דעם „אמונות והדעות״ פון ר׳ סעדיה גאון; „מקור חיים״ פון ר׳ שלמה בן גבירול״; „מורה נבוכים״ פון רמב״ם און דעם „אור ה׳״ פון ר׳ חסדאי קרשקש.

אין דער יוגנט האָט מען גערעדט, אַז ער חברט זיך מיט די „בני־הימנותא״, די פאַרבליבענע מאמינים אין דעם משיח, וואָס איז געוואָרן אַ טערק. ווען ער איז אָנגעקומען אין פּראָג האָט ער געפירט וויכוחים מיט קאַטוילישע גלחים און די פּראָגער פרנסים האָבן געגלויבט, אַז ער קען אַלע זיבן חכמות.

בעתן עסטרייכיש־פראַנצויזישן קריג האָט ער געגלויבט, אַז די פראַנצויזן וועלן מנצח זיין. ער האָט זיי אַרויסגעגעבן מלוכה־סודות, וואָס ער האָט געוואוסט פון די קאַטוילישע גלחים, וועלכע זיינען געווען הויף־לייט ביי דער קיניגין מאַריע טערעזע.

אין מיטן קריג איז ער געוואָרן רב פון דער גרויסער קהלה מעץ, אין

דער פּראָווינץ עלזאַס־לאָטרינגען. בײַזע צינגער האָבן גערעדט, אַז דאָס האָט אים פראַנקרייך באַלוינט פאַר זיין הילף אין דער מלחמה.

ווען ר׳ יחזקאל קאַצענעלנבויגן, דער רב פון די דריי קהלות, איז געשטאָרבן, האָט ר׳ יהונתן אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיין ווייבס זיידן, דעם געוועזענעם ראש־הקהל ר׳ מרדכי כהן, און יענער האָט צונויפגערופן די פּרנסים און געפּועלט מען זאָל אים אַרויפשטעלן אויפן צעטל פון די רבנים, וואָס זוכן ס׳רבנות פון די דריי קהלות.

ר׳ יהונתן איז געווען אַ גרויסער דרשן. ער האָט געהאַט אַ קלאָרע, ווייכע שטימע און אַ זיסן ניגון, וואָס ער האָט באַנוצט ביי זיין דרשה. ער פלעגט קייטלען אַ משל אין אַ משל, אַז די צוהערער פלעגן אין אַלץ פאַרגעסן און זיי פלעגט זיך דאַכטן אַז פון זיין מויל טריפט האָניק. מבינים האָבן דערפאַר גערופן זיינע דרשות „יערות דבש" — הויפנס האָניק.

אין די טונקל־אויסגעמעבלירטע חדרים פון ר׳ יעקב אשכנזיס הויז זיינען געלעגן זיינע צוועלף יאָר אין האַמבורג. די יאָרן זיינען ניט געווען קיין צופיל־רואיקע. ערשט מיט אַ חודש צוריק, נאָך דער פּטירה פון ר׳ יחזקאלן, האָט ער געמיינט אַז עס הייבט זיך אָן פאַר אים אַ ניי רואיק יאָר, אָבער עס איז אים ניט באַשערט געווען צו האָבן מנוחה.

ר׳ יעקב איז געזעסן אין אַ ברייטער וויג־שטול און האָט געזוכט זיינע פינף־און־פערציק יאָר, וואָס ער האָט אָפּגעלעבט אין אַמסטערדאַם, זיינע וואַנדערנישן איבער דער וועלט, זיין קורצע רבנות אין עמדין, זיינע יאָרן ווי אַ דרוקער אין האַמבורג.

די מערסטע יאָרן האָבן זיך געוויגט צווישן ליכט און שאָטן, מער שאָטן ווי ליכט. אַ צרה האָט געיאָגט אַ צרה און אין מחלוקת — ס׳אַנדערע. אין עמדין איז ער ניט געווען גליקלעך, צוליב זאַכן וואָס ער וואָלט געוואָלט אויסמעקן פון זיין זכרון... אין האַמבורג זיינען אים געשטאָרבן צוויי ווייבער און עטלעכע קינדער. פון די ווייבער האָט ער קיין גרויס נחת ניט געהאָט... פון דער דריטער, דער יונגער בתיה־צביה, איז ער יאָ צופרידן, האָט זי אָבער קיין שלום ניט מיט די קינדער פון דער ערשטער... נאָך מער צרות האָט ער פון די פּרנסים, פון ראש־הקהל. זיי האָבן אים פיינט, ווייל ער האָט מפרסם געווען זייערע עוולות קעגן די אָרעמע מעקלער און סוחרים.

כל־זמן דער לאַ־יוצלחדיקער שטאַמלער, יחזקאל קיידאַנער (אַזוי האָט ער גערופן ר׳ יחזקאל קאַצענעלנבויגן) האָט געלעבט, איז נאָך געווען צו

דערליידן. ער האָט ר׳ יחזקאלן ניט איינמאָל פּוגע בכבוד געווען און יענער האָט אים אָפּגעשוויגן. ערשט איצט טראַכט ער, אַז עס איז געווען אַ משוגעת פון זיין זייט מבייש צו זיין דעם אַלטן פּאַר קהל אין די אויגן, פּונקט ווי עס איז געווען נאַריש צו זאָגן, אַז ניט דער גאַנצער זוהר איז פון ר׳ שמעון בן יוחאי. ער ווייסט, אַז די עם־הארצישע מקובלים זיינען אים דערפאַר חושד אין מינות. אים איז מען חושד, דעם קנאי, וואָס איז יעדע רגע גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין פּאַר אַ קוצו של יוד פון דער תורה...

און אין דער אמתן, וואָס דאַרפן זיי, די בורים, זיין לומדות, זיין יחוס, זיין גאָלדענע פען? אַרט עס עמעצן וואָס יהונתן אייבשיצער, דער כיטרער שבתי־צביניק, האָט מיטן כח פון זיין ווייבס זיידן, דעם ריביתניק מרדכי כהן, פאַרכאַפּט דעם כסא־הרבנות, אויף וועלכע זיינע אבות זיינען געזעסן? און אַז זיי האָבן געמאַכט פון אַלטונא אַ ירושלים ביי דער עלבע, איז וואָס? דער עיקר איז חוצפה, איז שקר, איז געלט...

ער וועט ניט גיין צום קבלת־פּנים, ניט געבן אייבשיצערן דעם כבוד...

אַלטע חשבונות, בייזע מחשבות האָבן זיך געפּלאָנטערט ביי ר׳ יעקבן אין מח...

— ווייס איך וואָס? אַ שטות! — האָט ער געביסן זיינע ליפּן מיט אַ שמייכל. — וואָס אַרט עס אים, אַז אייבשיצער האָט געוואונען און ער איז דורכגעפאַלן? צו קיין גרעסערער מדרגה קאָן שוין אייבשיצער ניט שטייגן. ער אָבער, דער באַזיגטער, קאָן זיך לאָזן צו אַזעלכע הויכן, וואָס קיין בן־אָדם וועט ניט גרייכן. ערשט איצט וועט ער זיי וויזן, די פּרנסים, ווער ער איז. אַ מענטש טאָר ניט בלייבן מיט זיין חרפּה, מיט זיין שאַנד. — — —

נאָך אַזאַ מין אויסטענהן זיך מיט זיך אַליין איז ר׳ יעקב געוואָרן ביי זיך האָפּערדיקער. ער איז אַרויס פון זיין חדר, אַראָפּ די טרעפּ און איז געשטאַנען אין גאַס. די זון האָט געפינקלט אונטער אַ פאַרבלענדעניש פון אָנגעוואָרעמטן ים־נעפּל און האָט אויסגעזען חרוב. פאַר דער הויז זיינען געשטאַנען אַ גרופּע יונגעלייט אין אַ רעדל און זיך געסודעט, נייגעריק געווען צו וויסן, צי וועט ר׳ יעקב גיין צום קבלת־פּנים...

ר׳ יעקבן אַליין האָט געצויגן צו גיין אין שול, אָבער קוקנדיק אויפן רעדל, אויף דער לעבעדיקער טומלדיקער גאַס, האָט ער דערפילט, אַז ער איז מסוכן־שטאָלץ. ער איז אַרויף צוריק אויף די טרעפּ, געבליבן שטיין און זיך איבערגענומען וואָס ער, דער קנאי בן קנאי, שטעלט זיך קעגן אַ וועלט.

אַ חוב און אַ פּלגש

גרויע נאָך שבת־בראשית טעג, גייען אָפּ און דערוווייטערן זיך. קורצע טעג. אַ רעגן טריפט. טראָפּן נאָך טראָפּן. אין האַלב־טונקל פון האַרבסטיקן בין־השמשות רוקן זיך די טעג אָפּ פאַר דער גיך־צופאַלנדיקער נאַכט, לויטן געזעץ פון ששת־ימי־בראשית. אָבער ניט פאַר אַלעמען זיינען די טעג גלייך.

יחיאלכי וואָלף, זיצט אין זיין רייכן מויער אויף דער פעטער־שטראָסע אין וואַנדזבעק, וואו די דילן זיינען באַטעפּיכט מיט פּערסישע טעפּיכער, וואָס ער האָט געקויפט אויף אַ יאַריד אין קעניגסבערג. אויף ווינטער האָט ער געלאָזן זיינע וועגנט אויסשפּאַלירן. און ער זיצט און טראַכט וועגן באַ־שטעלן אַ צווייטע אייזערנע קאַסע, פאַר זיין געלט־קראַם. ווייל דאָס ביז־איצטיקע שענקל מיטן איינציקן טירל איז אים שוין צו־קליין. די נייע אייזערנע שאַנק דאַרף זיין אַ גרויסע, מיט צוויי טירן און זאָל זיך פאַרמאַכן אויף אייזערנע קייטן. דאָרטן וועט ער האַלטן די משכנות און די וועקסלען פאַרן ריבית.

פאַר יוסף פרעגערן, דעם ברעסלויער רבס זון, וואָס שרייבט אין די נעכט שאלות צו די גרעסטע רבנים און בייטאָג העלפט ער צו אין ר׳ יעקב אשכנזיס דרוק, און וואָס וואוינט אין האַמבורג, אין אַ מויער, געדיכט באַזעצט מיט אָרעמע איינוואוינער — פאַר אים גייען די טעג אַנדערש.

פאַרשיידן גייען די טעג פאַר די „טויגערס״, די חונפים, און פאַרשיידן אויך פאַר די „ניט־טויגערס״, אַזעלכע לאַ־יוצלחדיקע מעקלערס, ווי למשל, יעקל גליקשטאָט.

יחיאלכי וואָלף איז אויך ניט אַזוי גליקלעך. וואָס פעלט אים דען? גאָרניט פעלט אים, נאָר אָט — ער איז אַמאָל אַריינגעקומען צו יוסף כהן, דעם קהל־סופר, אין הויז, און האָט דאָרטן דערזען זיין פול־גופיקע טאָכטער שטיין ביז דער העלפט באָקעט, באַכן אָפּוואַשן זיך; אירע טונקל־בלאָנדע, גלאַנציקע און פייכטע האָר זיינען געווען צוזאַמענגעלייגט אין צעפּ אַרום קאָפּ, און זיין רויט פּנים האָט זיך זאַפטיק אַריינגעגראָבן אין איר היפּשלעך אָפּגעדעקטן בוזעם.

ער האָט נאָכדעם געפרעגט יוסף כהנען, צי זיי טאָכטער שטייט שוין

אין שידוכים, און די אויגן האָבן אים דערביי געפלאַמט ווי צוויי שויבן, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ אַ נאָענטע שריפה.

יחיאלכי האָט שוין נאָכדעם באַפוילן דעם קהל־סופר ער זאָל אים מיט דער טאַכטער צושיקן די פּראָטאָקאָלן, און ווען זי פלעגט אַריינקומען אין קראָם, פלעגט ער זיך גראָד דעמאָלט דערמאָנען, אַז זיין היפשלעך עלטער און קראַנק ווייב זעט אויס קעגן דער שלאַנקער בתולה מיט די שוואַרצע אויגן, ווי אַ פלעדערמויז קעגן אַ פּאַווע.

דינסטיק פרי, ווען דער אַלטער דיין מאיר־בער האָפן איז געקומען זיך באַראָטן מיט אים וועגן אַ קהל־ענין, האָט ער אים אַריינגערופן אין אַ זייטיק חדרל און אים אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט נאָר, דיין, אָפּגטן דאָס ווייב וואָלט איך געקאָנט?

— אויב די אישה איז מסכים, פאַרוואָס ניט? — אַלטונא האָט אַ טייך און זיצט ביים ים, פון קדמונים אָן גיט מען דאָ גטן.

— און ווי אַז זי איז ניט מסכים?

— אַ חרם פון רבנו גרשום, מען זאָל ניט גטן נאָר מיטן גוטן ווילן...

— און אַ פלגש מעג מען נעמען?

דער דיין, אַ הויכער, אַ דיקער מיט אַ גראָבער נאָז און ווילד־צע־וואַקסענער באָרד, האָט אַ שאַר געטאָן איבערן שטערן, זיך דערמאָנט, אַז מיט יאָרן צוריק האָט ר׳ יעקב עמדין געשריבן אַ תשובה וועגן אַ פלגש, און זייטיק אַ זאָג געטאָן:

— על־פּי תורה איז ביטאָ קיין איסור. נאָר אַ חרם דרבנו גרשום. דער אשכנזי האָט יאָ געוואָלט מתיר זיין... אָבער, דאַכט מיר, להלכה, ניט למעשה...

אויף ר׳ יעקב אשכנזין האָט וואָלף געהאַט אָן איינגעגעסענעם האַס, איינגעגעסן ווי זשאַווער אויף אַלט אייזן. זיינע אויגן האָבן אַ פלעמל געטאָן און ער האָט געזאָגט:

— יעקב אשכנזי? וואָס דאַרף ער פלגשים? — ער האָט דאָך גענומען אַ יונגע בתולה!

נאָך דעם זאָג האָט זיך דער ראש־הקהל דערפילט ניט אַזוי פעסט, און ווי ער וואָלט געוואָלט אויפהיטן דאָס תקיפות אין זיך, האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיטן דיין און איז אַרויס אין גאַס.

אָבער פון דעמאָלט אָן, האָט מען גערעדט, גייט יחיאלכי אַ סך מאָל בכיוון דורך דער גאַס וואו יוסף כהנס הויז געפינט זיך.

און אַט ווען ביי יחיאלכי וואָלפֿן אין באַנק־קראָם זיינען שוין גע־שטאַנען די צוויי שענק, די נייע אייזערנע און גרויסע, לעבן דער אַלטער, שמאָלער און קלענערער, ווי אַ הויכער ברייט־בייניקער רב לעבן אַ קליין דאָר שמשל — איז פֿרעגער געקומען צו אים.

יוסף פֿרעגער האָט אים פֿיינט געהאַט, דעם בייכיקן ריביתניק און ראש־הקהל.

מיט אַ צוויי וואָכן פֿריער, ווען עס איז אין שטוב אויסגעגאַנגען די לעצטע פֿאַרדינסט פֿון אַ זייטיקער מעקלעריי (זיין עיקר־פּרנסה איז איצט געווען ביי ר׳ יעקבן אין דרוק, אָבער די שכירות זיינען געווען מאָגערע), איז ער געגאַנגען צו יחיאלכי וואָלפֿן מאָנען אַן אַלטן חוב, אַ חלק נדן, וואָס ער האָט אַמאָל איינגעלייגט ביי זיין שווער, דעם פֿאַרשטאָרבענעם ראש־הקהל בער כהן.

יוסף פֿרעגער האָט גענומען די טאָכטער פֿון אַ תּלמיד־חכם אין וואַנדז־בעק און באַקומען נדן צוויי טויזנט דייטשע רייכס־טהאַלער. חוץ זיין בלייך־למדנישן אויסגעמאָגערטן קערפּער, האָט ער גאָרניט געירשנט פֿון זיין פֿאָטער אין ברעסלוי. אַ האַלבן נדן האָט ער אָוועקגעגעבן בער כהנען אויף קליינע ריבית. ער האָט בעת־מעשה אַפֿילו ניט געטראַכט זיך צו באַפֿעסטיקן מיט וועקסלען, זיך ניט פֿאַרגעשטעלט אַז די פּראָצענטן באַקומט ער טאָקע, אָבער דעם קרן וועט ער שוין ניט אָנזען. יחיאלכי, וואָס האָט די סומע געירשנט פֿון זיין שווער, האָט דאָס געלט, צוזאַמען מיט אַנדערע גרעסערע סכומים געהאַלטן אין זיינע הענט און אים איז קיינמאָל ניט איינגעפֿאַלן, אַז מען וועט עס ביי אים אַמאָל מאָנען. — צאָלן דעם שווערס חובות איז ניט מעשה־סוחר, — האָט ער געהאַלטן, און יחיאלכי איז געווען אַ צו־גרויסער סוחר, ער זאָל נתפּעל ווערן פֿון אַזאַ בטלן ווי יוסף פֿרעגער.

כל־זמן פֿרעגער האָט פֿאַרדינט פֿון מעקלעריי, איז אים אויך ניט איינ־געפֿאַלן צו מאָנען דעם אַלטן חוב. מייאש געווען האָט ער זיך אויך ניט. אָבער די לעצטע עטלעכע וואָכן, אַז די אינלענדישע מאַרקן זיינען געפֿאַלן, די פּרייזן פֿון אַלץ זיינען אין דער פֿריישטאָט בהלהדיק געשטיגן, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דענישע מאַרקן און היימיש קהל־געלט, וואָס ביידע האָט וואָלף געננג, וועלן אים צוניץ־קומען, און ער איז אָוועק צום ראש־הקהל דערמאָנען אים אין אַלטן חוב.

ס׳איז דעמאָלט געווען אַ טריבער, קאַלט־בייסיקער טאָג, ווי פֿאַר אַ שניי־שטורעם, אַז יוסף פֿרעגער איז נאָך האַלבן טאָג אַהיים געקומען פֿון

ר׳ יעקבס דרוק, איז זיין ווייב שרה געלעגן אין בעט אַ קראַנקע מיט אַ געשווילעכץ. עטלעכע שכנות האָבן איר אַריינגעטראָגן היימישע רפואות, גראָזן, טייגלעך פון קעז און האָניק, וואָס זאָל אַרויסציען די ווייטיקן, און אויך געזאָגט פאַרשיידענע שפּרעכערייען פאַר אַ גוט־אויג.

יוסף האָט דערפילט אַן עקל צום ראש־הקהל און ביי זיך אָפּגעמאַכט ניט גיין מאָנען דעם חוב. מיט עטלעכע טעג צוריק האָט ער גערעדט צום ווייב: — פאַרפאַלן, עס איז „הניח מעותיו על קרן הצבי״.*) געלט אַן אַ שטר ביי וואָלפן איז ווי אין אַ קבר. — איצט אָבער, אַז דאָס ווייב איז אים קראַנק געווען און די ריביתניקעס משה קובעס און יוזפאַ האַלענדער האָבן, ווי אויף צו־להכעיס, וויסנדיק אַז ר׳ יעקב פאַרבאָט ריבית, אים דווקא ניט געוואָלט געבן די הלוואה—איז ער מיט אַן עקל־געפיל אַוועק צום ראש־הקהל.

אין געלט־קראָם איז יחיאלכי וואָלף געשטאַנען אַ זאַטער, אַ שמייכלענ־דיקער און געקוקט אויף דער נייער קאַסע, וואָס ער האָט באַשטעלט אַזש אין בראָנשוויג. ער האָט דערזען יוספן און זיך אָנגערופן:

— ר׳ יוסף, דיין רבי שרייבט נאָך תשובות? פּרואוו און שרייבט אים אַן אַ שאלה: ווי איז דער דין, אויב מיין ווייב געפעלט מיר ניט, מעג איך נעמען אַ פּלגש? דאַכט זיך, אַז דער אשכנזי האַלט ניט שטאַרק פון חרם דרבנו גרשום, האַ?

די מעקלער, די סוחרים, וואָס זיינען געשטאַנען בעת־מעשה, געוואָרט אויף צוגעזאָגטע פאַרדינסטלעך, האָבן זיך צעשמייכלט, כאָטש אין האַרצן האָבן זיי מבזה געווען דעם גראָבן ראש־הקהל, דעם בעל־תאווה.

יוסף האָט זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט און איז געבליבן שטיין אַ פאַר־טראַכטער.

— פאַרוואָס זיך אַזוי פאַרטראַכט, ר׳ יוסף? אַ שווערע שאלה? — האָט וואָלף געשמייכלט. — שרייב אים, דעם רבין דיינעם, אויב מ׳מעג עובר זיין אויף אַ צוואה פון ר׳ יהודה החסיד, אַז אַ זקן טאָר ניט נעמען קיין יונגע, מעג מען אויך עובר זיין אויפן חרם פון רבנו גרשום! — האָט יחיאלכי אַ וואָרף געטאָן אויף אים אַ כיטרע אייגל...

— איך טראַכט איצט, — האָט יוסף געענטפערט מיט אַ ציטערדיק קול, — צי געלט מאַכט אַ מענטשן געמיין, אָדער פשוט: געמיינע מענטשן האָבן געלט...

*) אַוועקגעלייגט ס׳געלט אויפן האָרן פון אַ הירש...

לויט דעם ווייטיקדיקן טאָן וואָס האָט געקלונגען אין דעם ענטפער, האָט זיך געלאָזט משער זיין, אַז ער איז אינערלעך שטאַרק אויפגערעגט.

אַ בינטל פּרנסים זיינען אָנגעקומען. יחיאלכי וואָלף האָט זיך מיט זיי פאַרנומען. אַ ווײַלע איז יוסף פּרעגער געשטאַנען אַ ברוגזער, פאַרזונקען אין אייגענעם אומעט, און איז אַרויס פון קראָם.

די איסיים

די לעצטע עטלעכע טעג, זינט ר׳ יהונתן אייבשיצער איז געוואָרן דער רב פון די דריי הייליקע קהלות — אַלטונא, האַמבורג, וואַנדזבעק — האָט ר׳ יעקב אשכנזי פאַרהאַקט טיר און פענצטער, ווי אין דרויסן וואָלט געווען אַ מגיפה. ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון קהל און זיך פאַרקליבן אין זיין שרייב־חדר אויפן אויבערשטן גאָרן פון זיין הויז אויף ברייט־שטראַסע.

אַ געוואַלטיקער חשק האָט אים אָנגעכאַפּט צו שרייבן. פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט איז ער געזעסן און געשריבן, פלעגט מפסיק זיין בלויז פאַר מנחה און מעריב און פאַר אַ קאַרגן מאָלצייט.

אַ קילער האַרבסטיקער ווינט, וואָס האָט דורכגענומען מענטש, בוים און גאַס, האָט זיך געטראָגן פון טייך עלבע, זיך אַרומגעדרייט אין הויף און אָנגעקלאַפּט אויף די לאָדן פון דעם צוויי־גאָרנדיקן הויז, וואָס ר׳ יעקב האָט באַוואוינט.

עס איז שוין מער ווי אַ צוויי שעה אין דער נאַכט. אין אויבערשטן חדר איז קיינער ניט געווען. בלויז דער באַלעבאָס אַליין איז געזעסן ביים פול און הויך אָנגעלייגטן טיש מיט ספרים און פּאַפּירן. ר׳ יעקב האָט זיך געוויגט איבער אַן אָפענעם משניות, יעדעס מאָל זיך אויפגעכאַפּט, אַוועקגעריסן די אויגן פון ספר און גענומען שרייבן. ער האָט געשריבן זיין פּירוש אויף פרקי אָבות, „לחם שמים״. פון זיינע גרויסע ברוינע אויגן, פון די דיקע ברעמען, האָבן זיך געשאָרט שאָטנס, זיך צעלייגט איבערן לענגלעכן אָנגעשטרענגטן פּנים, עס נערוועזער און אומעטיקער געמאַכט. ס׳האָט אים ווי געטאָן, וואָס אַזאַ גרויסער עולם איז לעצטן זונטיק געקומען צו דער דרשה פון אייבשיצערן, געלעקט די פינגער און געלויבט זיין חכמה און חריפות. איצט האָט דער שטערן, די אומעטיקע אויגן איינגעזאַפּט די טרעומות און די האַנט האָט געשריבן מיט אַ פאַרכמורעטער רוגזה.

פון יענער זייט טיר האָבן זיך דערהערט טריט. דאָס איז געווען דוד גאַנדז, זיין געטרייער תלמיד, געקומען אים איבערגעבן די דרשה פון דעם נייעם רב, דעם רושם וואָס ס׳האָט געמאַכט אויף די צוהערער.

ווען גאַנדז איז אַריינגעקומען אין חדר, האָט ר׳ יעקב צומאָל דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן. באַלד האָט ער זיך אָבער אויפגעשטעלט, אַוועקגעשאָרט

די כתבים, זיך אָוועקגעשטעלט הינטער דעם הויכן אָנלען פון זיין פּאָטעל, זיך אין אים אָנגעשפּאַרט מיט ביידע עלנבויגנס און געשוויגן.

גאַנדז האָט אויסוואַרטנדיק געקוקט ר׳ יעקב זאָל עפּעס זאָגן. ער האָט וואויל געדענקט, אַז וועגן ר׳ יהונתן אייבשיץ האָט זיך ר׳ יעקב נאָך מיט צוויי יאָר צוריק געשפּאַרט מיט זיין שוואָגער ר׳ לייב אַמסטערדאַמער. ער האָט געטענהט, אַז אייבשיצער איז אַ פאַרשטעלטער שבתי־צביניק, פון די וואָס באַהאַלטן אויס זייער אמונה אין פאַלשן משיח און דעקן עס צו מיט די פּילפּולדיקע רייד. ר׳ לייב אַמסטערדאַמער האָט אָבער געהאַלטן אין איין פאַרטיידיקן אייבשיצערן, דערציילט אַז ער האָט אַריינגעקוקט אין זיין ספר „כרתי ופלתי" און אין אים געפונען גרויסע חידושים.

דוד גאַנדזן האָט זיך געוואָלט, שטאַרק געוואָלט, אַז ר׳ יעקבס שלעכטע מיינונג וועגן יהונתן אייבשיצער זאָל זיין אמת. האָט ער דאָך געהאָפט, אַז זיין רבי וועט ווערן דער רב פון די אשכנזישע קהלות אין האַמבורג, אַלטונא און וואַנדזבעק, וואָס מען האָט גערופן „ירושלים ביי דער עלבע". עטלעכע פּרנסים האָבן אים אַפילו צוגעזאָגט, אַז זיי וועלן שטיצן זיין רבין, ר׳ יעקבן, ביי דער אסיפה פון די בחירות, און האָבן אָפּגענאַרט, מיאוס אָפּגענאַרט, קיין איין גוט וואָרט ניט געזאָגט וועגן ר׳ יעקבן.

איצט איז דער רבי געשטאַנען פאַר אים אַ טרויעריקער, מיט שאָטנס אויפן מאָטן פּנים, געזשמורעט מיט די אויגן, ווי זיי וואָלטן זיך אים שטייענדיקערהייט אָנגעהויבן קלעפּן אויף אַ דרימל. האָט גאַנדז אָן חשק געשוויגן.

ר׳ יעקב האָט מיטאַמאָל אַרויפגעצויגן די גראָוולעכע ברעמען, האָט אויף אים אַ קוק געגעבן און אַ פרעג געטאָן:

— האָסט געהערט, דוד, די גאַנצע דרשה?

— געהערט, רבי.

— געווען דאָרט אַלע פּרנסים?

— געווען, רבי: מענדל שפּייער, יעקב ראָטשילד, יוזפאַ האַלענדער, משה קובעס, יחיאלכי וואָלף, יעקב שלעזינגער, הערץ שטאָק. אייבשיצער האָט זיי אַלעמען דערמאָנט, געלויבט זייער עשירות. „רבי מכבד עשירים", האָט ער געזאָגט.

גאַנדז האָט דערציילט, איבערגעגעבן אַלע פּרטים ווי די פּרנסים האָבן גענומען ספרי־תורות אין די הענט און ווי געטרייע דינער נאָכגעגאַנגען דעם

נייעם רב, אים אַרויסבאַגלייט פון שול און זיך געלאָזט מיט געזאַנג איבער די גאַסן, אַראָפּצו צו דער עלבע.

ר׳ יעקב האָט אויסגעהערט מיט געצוימטן פּאַרדרוס. אומגעדולדיק איבערגעריסן אין דער מיט און זיך צערעדט:

— אייבשיצער פלעגט נאָך אין פראַג געבן פרומע און חניפהדיקע אָנ־צוהערענישן די פרנסים וועגן זייער עשירות, קיינמאָל ניט דערמאָנט זייערע עוולות קעגן די אָרעמעלייט.

ער איז אַוועק פון פּאָטעל, געגומען שפּאַנען איבערן חדר, געבליבן שטיין ביי אַ שאַפע און אָנגעהויבן טענהן:

— זיי זיינען פון שטענדיק אָן געווען, די פאַלשע כהנים . . . איז דען זייער כהונה קיין כהונה ניט געווען? נאָר וואָס איז דער חילוק? היוצא מזה, אַז די שכינה איז אין גלות, גאָט איז אין תפיסה ביי די שטאַרקע, ביי די רייכע, ביי די חונפים! . . . און די חונפים — „כי מאת נביאי ירושלים יצאה חניפה לכל הארץ" . . . איך זאָג דיר, דוד, — האָט איצט שוין ר׳ יעקב געברומט, — אייבשיצער, דער כיטרער שבתי־צביניק, וועט נאָך ברענגען אומגליק אויף די פּרנסים מיט זייערע קהלות.

גאַנדז האָט זיך פון גרויס יראת־הכבוד אַזש צוריקגערוקט צו דער טיר. די אויגן, ס׳בערדל האָבן זיך ביי אים געצונדן. ער האָט געוואָלט אונטער־געבן חשק ר׳ יעקבן. דערזען אָבער ווי ר׳ יעקב קוקט קרומלעך און בייז, האָט ער געשוויגן, מורא געהאַט ער זאָל ניט אויסלאָזן דעם כעס צו אים...

ר׳ יעקב האָט זיך ווידער אַריינגעזעצט אין דעם שטול, פאַנאַנדער־געוויקלט אַן אַלטן כתב־יד, וואו עס ווערט דערציילט וועגן אַ כיתה פּרושים, זיך פאַרטיפט און מער גאָרניט געזען, ניט געהערט אַפילו ווי גאַנדז האָט אַ זאָג געטאָן „אַ גוטע נאַכט" און איז ניט געוואָרן. —

איבערן וועג צווישן די יהודה־בערג וואָס פירט פון יריחו צום ים־המלח האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ מידער וואַנדערער. נאָך אים האָט זיך אויף אַ לאַנגן לעדערנעם ציימל נאָכגעשלעפּט אַן אייזעלע, באַלאָדן מיט צוויי שטריק־זעקלעך. דער מענטש האָט געהאַט אַ שוואַרצע געקרייזלטע באָרד און נייגעריקע אַרויסשטאַרצנדיקע אויגן. זיין קאָפּ איז געווען אַרומגעבונדן מיט אַ ווייס טיכל און ער האָט געטראָגן אַ פאַרשטויבטן כאַלאַט.

די זון האָט שוין געהאַלטן ביים פאַרגיין און עס איז נאָך געווען הייס.

די ערד איז דאָ געווען אײַנגאַנצן דורכגעטריקנט, דורכגעברענט און איז האַרט געוואָרן אונטערן שטויב. דער מענטש איז געגאַנגען צווישן די בערג, וואו דער וועג האָט זיך אַראָפּגעלאָזן פון מדבר יהודה צום ים־המלח. דער שליאַך האָט זיך געשלענגלט צווישן פעלזן און דאַרע קוסטעס. אין טאָל האָבן זיך שוין געהויבן שאָטנס, זיך געטראָגן צום מדבר און זיך געיאָגט נאָכן לעצטן ליכט, וואָס איז געבליבן ווי אַ פײַער־קרוין אויפן נאָענטן באַרג.

אָננעמענדיק די בהמה ביים צוים, איז ער אַוועק אין דער ריכטונג פון אַ פעלז, וואו עס האָט אויסגעוויזן, אַז פון יענער זייט מוז זײַן אַ ישוב.

אונטערן פעלז האָט זיך געפונען אַ טיפע און שמאָלע מערה. אין זייט פון דער מערה האָט געפירט צו אַ באַרג־שפּאַלט, דער צווייטער איז געווען אַ פאַרצוימטער. אונטערן גראָבן, אויפן זאַמד האָט מען געזען אַן עפענונג פון נאָך אַ הייל. אַ דרייסיק טריט פון הייל, האָבן זיך געוואַלגערט בויגעוודיקע דערנער־צווייגלעך.

ביי דער הייל האָבן זיך באַוויזן צוויי מענטשן אין ווייסע קיטלען. דער וואַנדערער איז געגאַנגען פּאַמעלעך, האָט זיך באַמיט ניט צו מאַכן קיין גערויש און ניט צו קלאַפּן איבער די דערנער־צווייגלעך. דער פרעמדער האָט זיך דערנעענטערט צו די צוויי מענטשן מיט די ווייסע קיטלען און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: — זייט באַגריסט!

— דאָ געפינען זיך די „ערשטע חסידים“, די „טובלי שחרית“?

די צוויי אין די ווייסע קיטלען האָבן זיך איבערגעקוקט מיט די בליקן און געשוויגן, ווי אַן ענטפער וואָלט זיי געווען דערווידער. זיי האָבן אים מיט דער האַנט געוויזן, ער זאָל זיי נאָכגיין.

אויפן גרענעץ צווישן מדבר יהודה, ביים שיפוע פון אַ באַרג, וואו עס זײַנען געוואַקסן שיטערע פּאַלמען, איז געלעגן די מחנה פון די איסיים, אָדער ווי מען האָט זיי גערופן, די „טובלי שחרית“, ווייל זיי האָבן זיך גע־טובלט יעדן באַגינען און געדאַוונט מיטן זון־שפּראָץ.

אין מיטן פון שטיינערנעם צאַם פון דער מחנה איז געווען אַ הילצערנער טויער. איינער פון די צוויי מיט די ווייסע קיטלען האָט אַריבערגעשריגן:

— זייט מוחל, לאָזט וויסן די עלטערע ברידער, אַז אַן אורח איז געקומען. ווערט דאָ נעכטיקן.

באַלד האָט זיך דער טויער געעפנט. דער עלטסטער איז אַרויס. ער האָט באַגריסט דעם גאַסט און הכנעהדיק אַ פרעג געטאָן:

— פונוואַנען קומט דער גאַסט? וואוהין איז דער ציל פון זײַנע טריט?

— מיין נאָמען איז נחום הזגג, — האָט ער געענטפערט. — שטאַמען שטאַם איך פון דאָרף תקוע אין די טיפענישן פון מדבר יהודה און קומען קום איך איצט פון ירושלים. איך בין אַ לוי און בין אַ צייט געשטאַנען ביים דוכן אין בית־המקדש בשעת מ׳איז מקריב קרבנות פאַרן ציבור.

זיי זיינען אַריין אין הויף און איינער אַ נידעריקער מיט אַ פּעך־שוואַרצער באָרד האָט אים אַנגעוויזן זיין געצעלט.

באַלד איז איינער פון די צוויי מיט די ווייסע קיטלען געקומען מיט אַ הילצערנעם עמער וואַסער און אַ בינטל גראָז פאַרן אייזעלע, האָט אים געהאָלפן אויסלאָדן דאָס אייזעלע און עס אָוועקגעפירט. שפּעטער־צו איז ער געקומען מיטן מאַלצייט — אַ האַלב רייפטל גערשטן־ברויט, דריי היישעריקן און אַ שיסעלע האָניק, אַ געדיכטן פּירות־געטראַנק און צוויי דאַרע פייגן.

ווען דער גאַסט האָט זיך געזעצט עסן, איז אָנגעקומען אַ יינגערער חבר פון דער מחנה און העפלעך געזאָגט:

— שלום, אורח! מיין נאָמען איז שמעון עציוני. געבענטשט איז דיין קומען!

— שלום! — האָט דער גאַסט געענטפערט, און מען האָט זיך באַלד צערעדט.

— דו לעבסט אין דער מחנה, ביסט איינער פון די חסידים?

— יאָ, חסידים רופן אונדז די פּרושים. מיר זיינען אָבער ניט קיין חסידים. מיר לעבן בלויז בשותפות און היטן זיך אָפּ פון יעדער טומאה.

— ווי אַזוי לעבט איר?

— דאָס וועסטו זען מאָרגן. איצט ביסטו אָודאי מיד פון וועג, רו זיך אָפּ. מאָרגן וועסטו קאָנען אָנטייל נעמען אין אונדזער מסיבה.

די נאַכט איז צוגעפאַלן. דורכן אָפענעם געצעלט האָט ער געזען די ברידער אַרויסקומען פון זייערע געצעלטן אין זייערע ווייסע זויבערע קיטלען. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי אַ בוים אין מיטן לאַגער, וואו עס זיינען געשטאַנען פיר טישן צונויפגעשטעלט ווי אַ מעם.

צום לעצטן איז אָנגעקומען דער נידעריקער מיט דער פּעך־שוואַרצער באָרד, דער עלטסטער פון דער מחנה. די ברידער האָבן זיך אויסגעזעצט ביי די טישן און אין דער וואַרעמער טונקלקייט האָט זיך דערהערט דאָס קול פון דעם סגן. ער האָט אָנגעהויבן אַ געזאַנג און באַלד האָבן דעם ניגון

אויפגעכאַפּט די שטילע, פאַרחלומטע ברידער. זיי האָבן געזונגען מזמורים, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון לאַגער אין טאָל, איבער די בערג:

„גאָט, ווער קאָן וואוינען אין דיין געצעלט?
ווער קאָן רוען אויף דיין הייליקן באַרג?
דער וואָס גייט ערלעך און טוט גערעכטיקייט.
זיין געלט האָט ער ניט געגעבן אויף צינזן,
און שוחד קעגן אַן אומשולדיקן ניט גענומען — — —

ווען דער גרויער באַגינען האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון די בערג, האָט שמעון עציוני אויפגעוועקט דעם גאַסט:

— אורח, די ברידער טובלען זיך און זיי וועלן באַלד לייענען שמע בציבור. נאָך שמע וועלן מיר עסן בחברותא.

נחום הזגג האָט זיך אויף שנעל אָנגעטאָן און איז אַרויס אין הויף, זיך אומגעקוקט, געזען ווי דער הויף איז איינגאַנצן אַרומגערינגלט מיט שטיינער, אַלע פון איין הייך און גרעב. פון דער אַנדערער זייט ים־המלח האָבן זיך שוין געשאַרט ליכט־פּאַסן. שיטערע גראָזן האָבן אויסגעזען פייכט, גע־שימערט געוואַשן פון טוי. באַלד האָט די זון אויפגעשיינט אין דער מחנה פון די איסיים.

ביי אַ זעכציק מענער און אַ צוואַנציק פרויען האָבן זיך אויסגעזעצט ביי די טישן. לויט זייער באַנעמונג און לויט זייער שטימונג האָט זיך דער אורח געקאָנט שאַפן אַ גאַנץ בילד פון זייערע באַציאונגען. עס איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די לייט זיינען צוגעוואוינט איינער צום צווייטן און אַז דאָס עסן בציבור איז ביי זיי אַזוי הייליק ווי די עבודה אין בית־המקדש.

די סעודה, וואָס האָט זיך אויך גערופן מסיבה, האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ תפילה. דער עלטסטער, וועמענס נאָמען עס איז געווען אלחנן בן קדר, האָט געזונגען אַ לאַנג געבעט. די זיצנדיקע האָבן זיך צוגעהערט צו זיין תפילה און די זקנים האָבן מיט צופרידנקייט צוגעשאָקלט די קעפּ.

נאָכדעם האָט מען דערלאַנגט די סעודה: גערשטן־ברויט, בינען־האָניק, גרויסע טאָצן מיט היישעריק און שיטערן הייסן זופּ.

נאָך דער סעודה האָבן זיך אָנגעהויבן די וויכוחים. קיין באַשטימטער סדר איז נישט געווען. עס איז נישט געווען קיין ראש־המדברים, אָבער עס האָט געהערשט אַ באַטירלעכע געהאַרכזאַמקייט. עס איז געווען פאַרשטענד־לעך, אַז די אסיפה וויל אויסהערן בלויז די עלטסטע.

דער ערשטער איז אַרויסגעטראָטן אלחנן בן קדר. ער האָט גערעדט לאַנג וועגן די תקנות פון די איסיים און דערציילט אַז אַ צענדליק פרושים איז נמאס געוואָרן דער שטענדיקער קאַמף מיט די צדוקים, מאַכט־האָבער אויפן הר־הבית, און האָבן געלאָזט וויסן, אַז זיי ווילן זיך אָנשליסן אין דער מחנה. זיי ווילן זיך אָבער ניט שיידן פון זייערע נכסים, פאַרמעגן. מאַנכע פון זיי האָבן אויך גיטער אין נחלת־אשר און מסתמא אויך קנעכט. טייל האָבן פאַרמשכנט זייערע פעלדער צו די רייכע פון יהודה. ווען אַפילו זיי וועלן זיך אָפּזאָגן פון די פעלדער, איז אָבער די טבע, אַז דער וואָס האָט אַ שטר, זאָל אויפמאָנען פון לווה וואָס האָט ניט באַצאָלט דעם חוב. עס וועלן זיין באַשולדיקונגען. פונקט ווי אַן אָקער־אייזן קלאַפּט זיך אָן אַ שטיין, אַזוי קאָן קומען אַ צוזאַמענשטויס פון לווה און מלווה און עס קאָן חלילה קומען צו בלוט־פאַרגיסונג.

דער צווייטער רעדנער איז געווען אַ מאַן פון אַ יאָר זעכציק. ער האָט גערעדט אָנגעבויגן איבערן טיש און זיך באַקלאָגט אויף דער באַרימעריש־קייט פון טייל פרושים, וואָס כאָטש זיי זיינען מחולק מיט די צדוקים, גרויסן זיי זיך אָבער מיט זייער פאַרמעגן און זייערע טעכטער שטאָלצירן מיט די קלינגענדיקע רינגען אין זייערע אויערן, מיט די בראַסלעטן אויף זייערע הענט און פיס. — — —

דאָס מאָל האָט צאָרנדיק אַ ברום געטאָן איינער פון די יינגערע, וואָס זיינען געזעסן אין מיטן:

— מען דאַרף זיין געוואָרנט מיט די פרושים, ווייל מערסטע פון זיי זיינען סוחרים, און כנען האָט אין די הענט פאַלשע וואָגשאָלן, האָט ליב רויב.

פון פאַרשיידענע זייטן האָט דער עולם אָפּגעענטפערט מיט הסכמה־אויסרופן. נאָך עטלעכע זיינען אַרויסגעטראָטן, זיי האָבן אָבער געזאָגט דאָס זעלבע. דער אורח האָט זיך שווייגנדיק געוואונדערט, וואָס זיי חזרן איבער איינער דעם צווייטנס רייד און קיינער שטעלט זיי ניט אָפּ.

דער עלטסטער מיט דער פעך־שוואַרצער באָרד האָט ווידער גענומען אַ וואָרט:

— מיר האָבן שטענדיק געהאַלטן, אַז כאָטש די פרושים זיינען געהיט אין טומאה וטהרה, מוזן מיר זיך פונדעסטוועגן אָפּטיילן פון זיי, ווייל זיי טיילן־איין זייער פאַרמעגן, זייערע פעלדער און ווייגערטנער און סטאַדעס שאָף, אויף מיינע און דיינע. דאָרט וואו עס איז פאַראַן „מיינע און דיינע״, דאָרט איז שטענדיק ענג. מיר, גאָטס קינדער, וואוינען אין טאָל פון ים־

המלח. דערפאַר פעלט אונדז גאָרנישט. זיי זאָגן, אַז זיי קאָנען זיך ניט אָפּזאָגן פון זייערע בגדים פון פיין־געוועב און טייערן וואָל, אָבער מיר זיינען אָנגעטאָן אין ווייסע כאַלאַטן. פאַר אונדז איז גאָלד און רייכקייט ניט פאַראַן ווי עס איז ניט פאַראַן דער נעכטיקער טאָג. דערפאַר איז אונדז געררים. מיר זאָגן צו די פּרושים, וואָס ווילן ווערן אונדזערע ברידער: לערנט זיך אויס צו לעבן אויף אונדזער שטייגער און עס וועט אייך אויך זיין גערוים.

דער עולם האָט אים אויסגעהערט מיט יראת־הכבוד.

אַ מיטל־יאָריקער מאַן מיט אַ קליין שיטער בערדל, אַ טונקל פּנים און טיפע קויל־שוואַרצע אויגן האָט זיך אָנגערופן:

— איך בין אייגנטלעך נישט לאַנג מיט די ברידער, אָבער איך האָב זיך אָנגעהערט דרשות פון די תלמידים פון רבן גמליאל. מעג איך דערציילן אַ משל, פון וועלכן עס איז אַרויסגעדרונגען, אַז אַלץ נעמט זיך פון די מחיצות אויף מיינס און דיינס?

— דערצייל, חנינה בן אבטליון. אַ וואָרט פון בית רבן גמליאל איז שטענדיק גוט צו הערן.

חנינה האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען און מיט טיפער כוונה דערציילט וועגן דעם, ווי אַזוי די צוויי ברידער — קין, דער ערד־אַרבעטער און הבל, דער פּאַסטעך — האָבן זיך איינגעטיילט מיט דער וועלט. קין האָט גענומען די ערד און הבל די מטלטלין וואָס אויף דער ערד. און נאָך דער חלוקה האָט קין געזאָגט הבלן: וואָס טוט דיין פאַרמעגן אויף מיין ערד? נעם דיינע מטלטלין און פלי אין הימל...

דער עולם האָט האַרציק געלאַכט. די פאַרזאַמלטע האָבן זיך אויפגעהויבן, זיך אויסגעמישט, פאַנאַנדערגעפאַלן אויף קליינע גרופּעס. — —

— —

ר׳ יעקב האָט זיך אויפגעכאַפּט, אויפגעהויבן די אויגן פון פאַרמעט, זיך מיטאַמאָל דערמאָנט אין אייבשיצערס דרשה, אין וועלכער ער האָט גע־לויבט די בעלי־נכסים, די האַמבורגער און אַלטונער פּרנסים. דערזען דעם אָפּענעם משניות, האָט ער גענומען די פעדער אין האַנט און געשריבן מיט געדיכטן כתב:

„שלי שלך ושלך שלי — מיינס איז דיינס און דיינס איז מיינס — אָן שום ספק וואָלט עס געווען אַ גרויסער תיקון פאַר קיבוץ המדיני, ווען אַלע

וואָלטן געהאַט איין בייטל. דעמאָלט וואָלטן בטל געוואָרן קנאה און שנאה פון די מענטשן־קינדער. דערפאַר האָבן זיך אין די דורות פון די קדמונים געפונען ביי יידן כיתות פון די פּרושים, וואָס זייער גאַנץ פאַרמעגן איז געווען אַ בשותפותדיקס. קיינער האָט ניט געהאַט מער זכות אין וועלכן עס איז קנין ווי זיין חבר, נאָר אַלע האָבן זיך געשפּייזט פון דער מיטן, ווי עס ווערט דערציילט אין ספר יוסיפון.״

ער האָט געקוקט אויפן אָנגעשריבענעם בלאַט, געכאַפּט התפעלות פון זיין אייגענעם איינפאַל. זיך דערמאָנט, אַז עס מוז שוין זיין שפּעט נאָך חצות, און האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום פענצטער, אים אויפגעריסן און האָט אַרויסגערוקט זיין הייסן שטערן אַנטקעגן ווינט. איינדרויסן האָט געשמעקט מיט נאָענטקייט פון ווינטער.

שלש סעודות און הבדלה

שבת פאַרנאַכט. ר׳ יהונתן מיט זיינע בני היכלא*) פראַווען שלש סעודות. ביים לאַנגן טיש, באַדעקט מיט אַ קלאָרן טישטוך און אָנגעלייגט מיט שיריים פון דער סעודה. אויבנאָן זיצט ר׳ יהונתן און לעבן אים זיינע צוויי זין.ביידע פון מיטעלן וואוקס, מיט פעך־שוואַרצע בערד און הויכע שטערנס. ביים טיש זיצן אַ צענדליק תלמידים פון ר׳ יהונתנס ישיבה.

די מויערן אויף דער עלבע־שטראַסע רויטלען זיך פאַרנאַכטיק. די פונקען פון דער זינקענדיקער מערב־זון צינדן אָן די קרוינען פון די ביימער און דורך די פענצטער פון דער מערב־זון זעט מען ווי די לעצטע שבת־שטראַלן זינקען אין די כוואַליעס פון דער עלבע, וואָס קנייטשן זיך און וויגן זיך פון אַ לייכטן ווינטל.

ר׳ יהונתן וויגט זיך מיט זיי, קלאַמערט זיך מיט זיי אין לעצטן שיין פון שבת, וואָס שימערט נאָך אין מערב.

הגלה נא ופרוס חביבי עלי
את סוכת שלומך.
מהר אהוב כי בא מועד.**)

גיכער האָב ליב, ווייל די צייט איז געקומען.

אין הימל שטייט דער מלאך מטטרון און בינדט־אויס קרוינען פונעם ניגון. אַלע הימלען ווערן פול מיט קרוינען צו באַצירן די אַוועקגייענדיקע שבת מלכתא.

עס ווערט פינצטערער. אין שטוב פאַלן טונקעלע שלייערן, צוערשט מיט הפסקות, דערנאָך געדיכטער, אַ רעגן פון שלייערן. אין מיטן רעגן הייבט ר׳ יהונתן אָן זיין תורה.

ער ציילט די ווערטער ווי פערל אויף אַ שנור און עס וועבן זיך משלים און מאמרים. ער פלעכט אַריין זיין תורה אין דרש פון אַלשיך און טוט זי פאַרבינדן אין איין פאָדעם מיט דער קבלה פון אר״י, וויטאַל און ר׳ משה קורדווירן.

„עס שטייט געשריבן: „נר ה׳ נשמת אָדם“ — זאָגט אויף דעם דער אַלשיך הקדוש: ווי איין ליכט צינדט אָן פיל ליכט און בלייבט דאָך ניט

---

*) קינדער פון היכל.

**) אַנטפּלעק זיך און שפּרייט אויס, מיין ליבער, דיין סוכה פון פרידן.

געמינערט אין פלאַם, אַזוי טוט אײן מענטש אַנצינדן אַ סך נשמות און זײַן הײליקײט, זײַן ליכטיקײט פאַרשווינדט נישט... אַ מענטש וואָס קאָן נשמות אַנצינדן, האָט אין זיך אַ ניצוץ פון משיחן, וואָס איז כולל אַלץ און אַלעמען...״

די צוהערער טוליען זיך אין דער פינצטער מיט זײערע אויגן, מיט זײערע נשמות, צו דעם וואָס זיצן אויבנאָן, און ווען ער הערט אויף צו זאָגן, הײבן זײ אָן צו זינגען זײַנס אַ שיר, וואָס ער האָט אַמאָל פאַרפאַסט אין פּראָג. אין שוואַרץ־בלויען חלל קלינגען די דבקותדיקע טענער מיט בענקעניש און לעכצעניש. דאָס לעצטע ליכט אין מערב לעשט זיך. באַלד באַווײַזט זיך פון הינטערן מויער די לבנה. זי שווימט אין דער הײך, רונד און פול, אײַנגעפאַסט אין רינגען פון זילבער און אירע בלאַלעך־בלײַכע שטראַלן ציען זיך דורך די שויבן, שפּיגלען זיך אין די אַטלעסענע בגדים. חברה ניגונט אויס די לעצטע פּסוקים:

„תאמה צביה הרועים בשושנים
תשלח לחזק ברית איתנים,
תשבי להקיץ ישנים.״ *)

עס ווערט שטיל. אַלעמענס הערצער קלאַפּן. מען פילט, אַז ערגעץ־וואו איז שוין געבוירן דער גואל, משיח. —

מוצאי־שבת ביי ר׳ יעקב אשכנזין אין מויער אויף דער ברייטער שטראָסע. די הבדלה־ליכט זײַנען שוין לאַנג פאַרלאָשן. די שבת־מלכתא, וואָס איז בבחינת חסד, גייט אַוועק און לאָזט איבער דער וועלט דעם חול, וואָס איז דין.

די שטוב שמעקט מיט פאַרלאָשענער הבדלה, מיט האַלב חול.

אויף דער פולער וואָך פאַרזאַמלען זיך זײַנע געשוואוירענע פרײַנט און תלמידים: יוסף פרעגער, דוד גאַנדז, יעקב עלזאַס, אהרן האללי, יוסף פּופּערט. בתיה־צביה דערלאַנגט טיי מיט שבתדיקע קיכלעך און ר׳ יעקב לייגט צונויף דעם שבתדיקן טלית. אין מיטן צונויפלייגן דעם טלית ווענדט ער זיך צו יעקב עלזאַסן:

— וואו ביסטו געווען ביי מנחה, יעקב?

— אויף עלבע־שטראָסע, ביים אב״ד, רבי.

— וואָס, דו געהערסט צו זײַנע בני־היכלא?

---

*) דער הירשן־צוויליגנג, וואָס פּיטערט זיך אין רויזן, שיק אים צו פאַר־שטאַרקן דעם בונד, תשבי זאָל וועקן די פאַרשלאָפענע.

— ניין, רבי, מען האָט מיך אַהין פאַרשלעפּט.

— עפּעס שאַרפע תורה געזאָגט, אייבשיצער? זאָג נאָך אַ וואָרט, לאָמיר אויך הנאה האָבן.

— ער רעדט קבלה. אויף קבלה בין איך קיין מבין ניט.

ר׳ יעקב גייט אַריין מיטן צונויפגעלייגטן טלית אין זיין ספרים־חדר. בתיה־צביה נעמט אַראָפּ דאָס בשמים־ביקסל און די פאַרלאָשענע הבדלה. צווישן די זיצנדיקע פאַרקניפּט זיך אַ נייער שמועס.

— הער־צו, יעקב, — זאָגט יוסף פרעגער, — אויב דו ווילסט זיין פון אונדזער מחנה, דאַרפסטו וויניקער פאַרברענגען ביי אייבשיצערן. אונדזער רבי האַלט, אַז איצט איז ניט קיין צייט פאַר תורה וועגן משיחן. אונדזער רבי האָט אין זיך אַ ניצוץ פון אליהון, וואָס איז מקנא קנאת ה׳, אייפערט פאַר גאָטס אמת. אליהו קומט פאַר משיחן... — ער האַקט אָפּ, ווען ר׳ יעקב קומט אַריין מיט אַ ברייטן „גוט־וואָך“ און הערט ווי עלזאָס פאַרענטפערט זיך:

— איך בין ניט געגאַנגען הערן זיין תורה, האָב בלויז געוואָלט הערן זיין שיר „אילת אהבים“.

— עס איז אַ שיר וועגן שבת־צבי ימח־שמו, — רעדט יוסף פרעגער מיט אַ ברום אין זיין קול.

— ביסטו זיכער? פונוואַנען ווייסטו עס, יוסף? — פרעגט עלזאָס.

— שוטה, תשבי האָט די זעלבע אותיות וואָס שבתי. וואָס, אַליין פאַר־שטייסטו ניט?

— מילא, גענוג! —מישט זיך ר׳ יעקב אַריין מיט אַ האַלב־באַפעלערישן טאָן. — לאָמיר איצט ניט דערמאָנען די חטאת נעורים פון אייבשיצערן... אפשר האָט ער שוין תשובה געטאָן. סיי־ווי, איצט איז ניט די צייט צו רעדן שלעכטס. מוצאי־שבת, זאָגט דער מדרש, זיצט אליהו אונטערן בוים פון לעבן און שרייבט זכותים אויף יידן. אגב, נעכטן פאַרנאַכט האָט מיר אייבשיצער געשיקט אַ פלאַש וויין. לדבריך, יוסף, איז גאָר דער וויין ייך־נסך *), פונדעסטוועגן וועסטו פאַרזוכן?

— אַ גלאָז וויין, מסתמא יאָ, — שמייכלט יוסף.

בתיה־צביה, ברענגט אַריין אַ פלאַש וויין. עולם זיצנדיקע הייבט אָן זינגען המבדיל.

אין די פענצטער קוקט אַריין אַ פולע האַלב־חודש לבנה.

*) יין נסך — געצנדינישער וויין, וואָס מען טאָר ניט טרינקען.

אַ מגיפה

גאַנצע צוויי חדשים האָט זיך ר׳ יהונתן געפּרעגלט אין כבוד אין דער נייער דירה, וואָס קהל האָט פאַר אים צוגעגרייט.

כאָטש ער איז שוין געווען אין עלטער פון איבער זעכציק יאָר, איז נאָך זיין געשטאַלט געווען גלייך. ער איז ניט געווען קיין הויכער, אָבער אַ ברייט־בייניקער, מיט אַ פאַררונדיקטער באָרד, וואָס איז אונטן געווען צעטיילט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מקובל. זיינע גרינלעכע אויגן זיינען געווען קלוג און דורכדרינגענדיק. ער איז געגאַנגען געקליידט אין אַ לאַנגן סאַמעטענעם בגד און געטראָגן אַ ספּאָדעק ביזן נאַקן.

אַ רואיקייט איז געווען אויף אים אויסגעגאָסן. ער האָט געקענט זיין אויפגעלייגט, האַרציק און האָניקדיק־זיס און עס האָט אים קיינמאָל נישט אויסגעפעלט אַ פּאַסיק וואָרט פון די חכמים און אַ שכלדיק וואָרט פון דער וועלט, וואָס דרינגט אַריין אין מענטשלעכע הערצער.

ר׳ יהונתן האָט זיך געפילט גליקלעך אויף זיין נייעם מקום־רבנות. ער האָט באַלד געגרינדעט אַ ישיבה, וואוהין עס האָבן געשטראָמט תלמידים פון גאַנץ אשכנז, מעהרן און פוילן.

בעת זיינע שיעורים אין דער ישיבה פלעגן זיך אָנקלייבן די גרעסטע לומדים פון די דריי שטעט. זיי פלעגן דערשטוינט ווערן פון זיינע חידושים, איינפאַלן און לאָגישע סברות, האָבן געלעקט די פינגער פון זיינע המצאות און זיך בשעת־מעשה איבערגעוואונקען מיט פרייד. יעדער שיעור זיינער איז געווען אַ געשעעניש, אַ יום־טוב.

מיטאַמאָל איז אָבער אָנגעקומען אַ צייט, וואָס האָט ר׳ יהונתנס גליק אַביסל צעשטערט. וואָרים מיטאַמאָל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער שטאָט אַ גרויסע צרה.

געווינערינס האָבן אָנגעהויבן גיין שווער צו קינד. איינע פון יעדע צען יולדות פלעגט שטאַרבן ביים האָבן.

די מגיפה איז געקומען אויף רייך און אָרעם צוגלייך. אין אַלטונא און אין וואַנדזבעק, אין גליקשטאָט און אין האַמבורג, זיינען געלעגן סיי אין רייכע און סיי אין אָרעמע הייזער יונגע מעוברתדיקע ווייבלעך און גע־גוססט. דער מלאך־המות איז געשטאַנען צוקאָפּנס פון יעדער יולדת.

דער ראש־הקהל, די דיינים און די פּרנסים זיינען געקומען צו ר׳

יהונתן און ביי אים געבעטן הילף. זיי האָבן געוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער מומחה אין קבלה און האָבן געמאָנט קמיעות, שפּרוכן, באַשווערונגען קעגן שדים, רוחות און ניט־גוטע.

אין דער קבלה־וועלט פון ר׳ יהונתן אייבשיץ האָט אַ קמיע נאָך ניט געהאַט פאַרלאָרן איר כח, און בכלל איז ער געווען גרייט אַרויסהעלפן דאָרט, וואו העגט זיינען געווען הילפלאָז.

אויך אין דער טרוקענער אשכנזישער שטאָט מעץ, האָט ער געגעבן קמיעות פון אותיות, וואָס ער האָט מצרף געווען, און די קמיעות האָבן געהאָלפן. מען האָט געגלויבט, אַז זיי העלפן.

ר׳ יהונתן האָט געהייסן שיקן די ווייבלעך, וואָס גרייטן זיך אין קימפּעט, אין בית־דין־שטוב אַריין, און באַפוילן די שמשים זיי אויסצוטיילן קמיעות, וואָס פאַרטרייבן דעם מלאך־המות און צעברעכן די שליטה פון אַלע ניט־גוטע.

פון איצט אָן איז שוין ר׳ יהונתן געווען פאַרנומען גאַנצע טעג.

אין פאָדערשטוב פון בית־דין־זאַל האָבן זיך אַרומגעדרייט יונגע ווייבלעך מיט פאַררויטע פאַרטוכער איבער די מעוברתדיקע בייכער און געוואַרט אויף די קמיעות, וואָס פלעגן אַרויסגעבראַכט ווערן פון ר׳ יהונתנס חדר־מיוחד. פון בית־דין־שטוב האָט זיך אַ גאַנצן טאָג געטראָגן דאָס קרעכצן פון דערשראָקענע נקיבות.

אינעווייניק איז ר׳ יהונתן געזעסן אין אַ טלית־קטן און אַ ווייסער יאַרמעלקע און געהאַלטן אין איין שרייבן אויף קליינע פאַרמעטלעך, וואָס אַ סופר האָט צעשניטן, פאַרשיידענע שימות פון דער קבלה.

אַרום דריי שעה נאָך מעריב, נאָכדעם ווי ר׳ יהונתן האָט שוין געהאַט איבערגעגעבן די שמשים אַרום זעכציק קמיעות, איז ער אַריין אין אַ זייטיקן חדר, וואו עס איז געשטאַנען אַ בעטל אָנגעלייגט מיט דריי קישנס, און האָט זיך אַביסל צוגעשפּאַרט.

ער איז געלעגן און ביי זיך אָפּגעמאַכט, אַז מאָרגן זאָל ער שוין קיין קמיעות ניט שרייבן; ער וועט צוגרייטן אַ נייעם שיעור אויף אַ שווערער סוגיא אין דיני ממונות. ער האָט זיך, אין זיין דמיון, געפּרואווט פאַרשטעלן די הנאה אויף די פּנימער פון די לומדים, פון זיינע חידושים.

זיינע געדאַנקען זיינען אָבער איצט געלאָפן אין אַן אַנדער ריכטונג. אים איז אַביסל געווען שווער און טריב אויפן האַרצן. ער האָט זיך דער־

מאַנט, אַז איין קמיעה, וואָס ער האָט היינט אַנגעשריבן, אויב זי זאָל אַריינ־פאַלן אין די הענט פון אַ געניטן לייענער, וועט ער זי אויסטייטשן, ניט ווי ער וואָלט געוואָלט.

די קמיעה — געדענקט ער — האָט ער אַמאָל איבערגעשריבן אין פּראַג פון אַ מקובל, וואָס מען האָט חושד געווען אַז ער האָט געהערט צו די שבתי־צביניקעס. אין זיינע יונגע יאָרן איז ער אַליין געווען אַ שטיקל מאמין אין דעם משיח, וואָס איז געוואָרן אַ טערק. שפּעטער אָבער, צו־זעענדיק ווי אַ וועלט מיט לומדים שטעלט זיך קעגן, האָט ער באַשלאָסן דעם ש״ץ אויסמעקן פון זיינע געדעכענישן. אָבער די קמיעות פון יענעם מקובל זיינעם אים געפעלן. אויך אין מעץ האָט ער אַזעלכע קמיעות איבער־געשריבן. קיינער האָט זיך דאָרט ניט געכאַפּט, אַז זיי געהערן דער כת ש״ץ. די לוטרינגער לומדים זיינען טרוקענע הערינג, ניט קיין בקיאים אין קבלה. אַלטונא, האַמבורג זיינען אַנדערש. גענוג מען זאָל עפּענען איין קמיעה און עס זאָל זיך אויפהויבן אַ שטורעם. פון מחלוקת אַנטלויפט ער ס׳גאַנצע לעבן. צוריקגערעדט: וועמען לוינט זיך איינרייסן מיט אַ וועלט וועגן אַ משיח, וואָס איז שוין לאַנג אַ מאַכמעדאַנער.

ר׳ יהונתן האָט זיך אויפגעהויבן פון בעטל, איז אַריין אין בית־דינ־זאַל, צוגאַנגען צו דער ספרים־שאַנק, אַרויסגענומען אַ קבלה־ספר און געלייענט:

„ס׳ווערט דערציילט: דריי חכמים האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אין פּרדס, וואָס איז די ממשלה פון חושך. איינער פון זיי איז אַראָפּ פון זינען, אַ צווייטער איז געשטאָרבן. ר׳ עקיבא איז אַרויס גאַנץ, ווייל ער האָט זיך באַגעגנט מיט זיך אַליין, ער האָט אין זיך געקענט אַריינקוקן.“

אַ געדאַנק האָט אויפגעלויכטן אין זיין לומדישן מח. אַ טיף וואָרט! — „זיך באַגעגנט מיט זיך אַליין“, ווער עס קאָן אין זיך אַריינקוקן, דער האָט קיין מורא ניט צו קריכן אַפילו דאָרט, וואו מען דאַרף ניט...

די געדריקטקייט פון געמיט האָט זיך אָפּגעטאָן. די זאָרג איז פאַר־שוואונדן. ר׳ יהונתן האָט זיך באַהערשט. ער איז אַריין צוריק אין שטיבל, האָט אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ און איז געזונקען אין די דריי קישנס.

די קמיעה

יוסף פרעגער וואוינט אין אַן אַלטן צוויי־גאָרנדיקן מויער אויף ציילן־שפיקער־שטראַסע אין האַמבורג. זיין וואוינונג באַשטייט פון צוויי חדרים, וואָס געפינען זיך לעבן אַרויסגאַנג.

יעדן פאַרנאַכט — זעלטן, שפעט אין אָוונט — קומט ער אַהיים פון ר׳ יעקבס דרוק. דאָס ווייב און די קינדער זיינען אין דער היים ביטאָ. דאָס ווייב איז ביים טאַטן אין וואַנדזבעק, די קינדער — אין חדר. ער צינדט אַליין אָן דאָס קליינע נאַפט־לעמפּל און ס׳רוב בלייבט ער שוין אין דער היים ביז אינדערפרי, ווען ער גייט צו ר׳ יעקבן אין מנין.

די נעכט, האַרבסט־נעכט, לאַנגע, פינצטערע, פייכט־קאַלטע. אַ נאַסער ווינט יאָגט פון ים, און די חושך־ממשלה ווערט דאָ אין דער אָרעמער גאַס ניט געשטערט. יוסף זיצט ביים טישל, קוקט אַריין אין אַ ספר, אָדער אין אַ געדרוקטן בויגן. ער האַלט דעם קאָפּ אויף די אונטערגעשפּאַרטע הענט אָדער גייט אַרויף און אַראָפּ איבערן שטיבל. ער גייט אַזוי אַהין און צוריק, טראַכט וועגן זיך, וועגן אַנדערע, וועגן לעבן.

און אַז עס ווערט אים מיאוס, לאַנגווייליק, גייט ער צו צום פענצטער און קוקט אַריין אין דער נאַכט אַריין.

אינדרויסן איז גאַרניט צו זען און גאַרניט צו הערן. אַמאָל דערטראָגן זיך די טריט פון עמעצן און אַ קול פון אַ שיכור, וואָס קערט זיך אום פון האַפן אין זיין אָרעמער היים, וואו דאָס ווייב דערוואַרט אים מיט שרעק. אַמאָל דערהערט זיך דער רעש פון אַ וואָגן אין דער צווייטער ברוקירטער גאַס.

היינט בייטאָג איז יוסף פרעגער שוין דעם דריטן מאָל געווען אין בית־דין־שטוב און געוואַרט אויף אַ תשובה פון דיין וועגן זיין תביעה אויפן ראש־הקהל, וועמען ער רופט צו אַ לאַדעניש.

יוסף פרעגער מאָנט ביי יחיאלכי וואָלפן דעם האַלבן נדן וואָס ער האָט איינגעלייגט ביי זיין שווער בער כהן, און יחיאלכי וואָלף טענהט, אַז אויב ער וועט ווייזן אַ ביישפּיל פון צאָלן דעם פאַרשטאָרבענעם שווערס חובות, וועלן קומען מאָנער פון גאַנץ האַמבורג.

די לעצטע צייט וויל גאָר יחיאלכי וואָלף צו אים ניט רעדן, לאַכט זיך אויס פון זיין תביעה.

יוסף איז געווען אין בית־דין־שטוב, אויסגעלייגט זיין טענה פאַרן עלטסטן דיין און דער דיין האָט אים צוגעזאָגט פועלן ביי ר׳ יהונתן, ער זאָל רופן וואָלפן צו אַ לאַדעניש. אויב עס איז נאָר דאָ אַ טעם אין זיינע רייד, וועט מסתמא ר׳ יהונתן רופן דעם ראש־הקהל צו אַ דין־תורה. צוויי מאָל איז שוין יוסף געווען ביים דיין פרעגן וואָס עס הערט זיך מיט דעם דין־תורה און ביידע מאָל האָט ער באַקומען דעם זעלבן ענטפער: — האָב נאָך גאָרניט געהערט פון ר׳ יהונתן וועגן דעם, מסתמא האָט ער נאָך דעם ענין ניט באַטראַכט.

דאָס יאָר איז דער האַרבסט אַ קאַלטער. אין יוספס שטיבל האָט די פייכטקייט אַדורכגעדרונגען דעם מויער. די ווענט אַראָפּצו צום דיל האָבן אויסגעזען ווי פאַרוויינט, און זיינען געווען באַצויגן מיט אַ דיקער שיכט פייכטן שימל, ווי נאַסע וואַטע.

שרה, זיין ווייב, האָט היי־יאָר, מער ווי אַן אַנדער יאָר, ניט געקענט פאַרטראָגן די פייכטקייט און געקרענקט. צי זי האָט זיך פאַרקילט, צי גלאַט אַזוי, ס׳האָט איר געטריקנט אין האַלדז און אָפט פלעגט איר אַנלויפן אַ געשווילעכץ.

יוסף איז צום דריטן מאָל אַוועק אין בית־דין־שטוב און דערציילט דעם דיין, אַז ווען ער קריגט אַרויס כאָטש אַ העלפט, כאָטש אַ פערטל פונעם געלט, וואָס ער האָט ליגן ביי יחיאלכי וואָלפן, וואָלט ער געקענט זיין שרהן אַוועקשיקן קיין האַנאָווער צו רופאים און ער וואָלט דערווייל געזוכט אַ לייטישערע דירה. די שכירות, וואָס ר׳ יעקב צאָלט אים, דעם מגיה, זיינען בלויז גענוג אויף אויסקומען בדוחק, אָבער ניט אויף רפואות.

דער דיין האָט איצט געמאַכט אַן אומצופרידן פנים און האָט באַמערקט מיט אַ בייזקייט:

— זאָל זיך דיר אויפהערן חלומען, אַז דער אב״ד וועט רופן דעם ראש־הקהל לדין. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער זעט ניט קיין אָרט פאַר אַ תביעה. ירושה איז אַ שווערער ענין און „ודל לא תהדר בריבו״ — אַן אָרעמאַן טאָר מען אויך ניט באַשיינען, ווען ער איז אומגערעכט...

יוסף פרעגערס פנים האָט זיך פאַרכמורעט. אַז אין אים האָט זיך צע־זאָטן דער כעס, איז ער גרייט געווען דערשטיקן דעם גראָבן ריביתניק, דעם פעטן ראש־הקהל, מיט די אייגענע הענט. אָבער יוספס כעס איז אַן אומ־מעכטיקער כעס, מער ווי צו אַ דין־תורה קען ער דעם ראש־הקהל ניט רופן, קיין וועקסלען האָט ער ניט, און דאָ זאָגט גאָר ר׳ יהונתן, אַז ער זעט

ניט קיין ממשות אין דער תביעה, און ער באַהאַלט נאָך ס׳צביעות אין אַ פסוק, „אַן אָרעמאַן דאַרף מען אויך ניט באַשיינען״. — און וואָס איז מיטן פסוק „לא תגורו מפני איש״? עשירים, ווייזט אויס, מעג מען יאָ באַשיינען? אָ, — טראַכט יוסף, —ר׳ יהונתן איז ניט ר׳ זלמן מירלש, ר׳ צבי אשכנזי. זיי פלעגן זיך אָננעמען פאַר ד געריבטע, ראַטעווען אַן אָרעמאַן פון אַ שטאַרקערן פון אים. זיי פלעגן שפייען די ראשי־הקהל אין פנים. און ר׳ יעקב אשכנזי? — ער שטעלט זיך קעגן אַ וועלט. אָבער ר׳ יהונתן האָט, ווייזט אויס, מורא פאַרן ראש־הקהל...

פון הילפלאָזיקייט האָט איצט יוסף תחילת אָוונט אַריינגעקוקט אין ספר און געטראַכט:

„בישקשה, עס איז דאָ אַן אויג וואָס זעט אַלץ און אַ האַנט וואָס פאַר־שרייבט...״

עס איז געווען אַ מרה־שחורהדיקער כסלו־פאַרנאַכט. אינדרויסן האָט אַ צפון־ווינט אָנגעבראַכט פון ערגעץ דראָבנע האַרטע שנייעלעך. שיטערע האָבן זיי זיך געדרייט אין דער לופט, ווייניק, גאָר ווייניק, ווי אַ הקדמה צו די שפּעטער־אָנקומענדיקע גרויסע שנייען.

יוסף פרעגער איז פון תחילת אָוונט אַן געווען אין דער היים. ער האָט פּלוצים דערהערט אַ קלאַפּ אין דער טיר. ער האָט געעפנט און עס איז אַריין די שכנטע, די אלמנה יענטע געטשליק.

— אַ גוטן אָוונט! — האָט זי אים באַגריסט מיט איר ניט־היגער אויס־שפּראַך. זי איז צוגעגאַנגען צום טישל, זיך אומגעקוקט און אַ זאָג געטאָן:

— ערשט תחילת־אָוונט. ס׳אַראַ גרויסע נעכט. אין נירענבערג זיינען די נעכט פיל קלענער געווען.

יוסף האָט איר געבעטן זיצן. זי האָט זיך אָבער באַלד ניט געזעצט, מיט דעם אויסרייד, אַז איר טאָכטער, וואָס איז אויף דער צייט, שוין אין די הויכע מאָנאַטן, איז איינע אַליין. זי האָט געפרעגט וואו זיין שרהלע איז און זיך ווידער באַקלאָגט אויף דער לענג פון דער נאַכט.

— זינט איך בין אַן אלמנה געוואָרן, פיל איך זיך זאָ עלנט.

זי האָט מיטאַמאָל פאַרגעסן, אַז איר טאָכטער וואַרט אויף איר, און אומגעטראַכט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שטול.

יוסף, פאַרשטייענדיק, אַז ווען זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, וויל זי מן־הסתם עפּעס רעדן, האָט פאַרמאַכט דעם ספר, אין וועלכן ער האָט נאָר־וואָס אַריינגעקוקט. ער האָט אויפגעהויבן זיין בליק, געקוקט אויף דער שכנטע

און באַמערקט, אַז דער אלמנהס אויסגעלאַשענע אויגן מוזן אויסזען ווי דער טאָכטערס, אויך אַזעלכע חרובע, אומגליקלעכע... עס האָט זיך אים גע־טראַכט, אַז איר בת־יחידה וועט באַלד באַפאַלן די מגיפה פון שווערן האָבן... נאָר נאָך איידער ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער טרויעריקער מחשבה, האָט זיך די אַלטע אָנגערופן:

— איך האָב, חלילה, נישט קיין טענות צום ליבן, אַלמעכטיקן גאָט. ער האָט מיט זיין דערבאַרעמדיקער האַנט געוואַכט איבער מיין גאָטזעליקן מאַן, דעם געשעפטסמאַן גומפריך געטשליק עליו־השלום, און איצט פעלט אין מיין שטוב, געלויבט איז דער גאָט, גאָרניט. ניט פון מילכיקס און ניט פון פליישיקס. איך רעכן זיך באַלד אַרויסציען קיין אַלטונא...

זי האָט זיך אָפּגערוט, אַ זיפץ געטאָן און ווייטער גערעדט:

— אָבער, זעט איר, — כ׳ווייס נישט, מיין קינד, שיינכען, זעט וואָס אַ טאָג ערגער אויס... עפּעס וואָס שנעלער זי דערנעענטערט זיך צום גע־בורט, צום קימפּעט, קוקט זי ערגער אויס... איר מאַן איז אין ליבעק, צוליב געשעפט.

יוסף האָט איר געפּרוווט אויסרעדן, אַז די סיבה פון איר שלעכט־אויסזען האָט גאָרניט צו טאָן מיט . . . — די מגיפה האָט ער ניט געוואָלט דערמאָנען — אָבער די אלמנה האָט זיך מיטאַמאָל אַ הייב געטאָן, זיך אויפ־געשטעלט, אָנגערירט דעם ספר, אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אירע חרובע אויגן און שוין געזאָגט אין אַ מיט־טרערן־דורכגעזאַפּט קול:

— טייערער רבי, יוסף! אונדזערע הייליקע שריפטן זאָגן, אַז אַ שלעכטן חלום זאָל מען דערציילן, ווערט ער בטול. נעכטן בין איך געווען אין בית־דין־שטוב מיט מיין שיינכען, בין געקומען נעמען די קמיעות פאַר די מעוברתע, וואָס דער הייליקער אב״ד שרייבט. — איך, אַ זינדיקע פרוי, בי דען ווערט זיין הייליקע האַנטשריפט אָנרירן? — אָבער ווען איך בין געקומען אַהיים, נאָך איידער מיין טאָכטער האָט באַוויזן די קמיעה אויף איר לייב אָנטאָן, האָב איך איינגעדרימלט און עס האָט זיך מיר געחלומט. חלומט זיך מיר, אַז מיין מאַן געטשליק שטייט ביז די קני אין דער עלבע און מיין טאָכטער און איך שטייען דערביי. בעט איך מיך: געטשליק לעב, גיי אַרויס, קאָנסט זיך, גאָט באַהיט, צוקילן. ווייזט ער מיט דער האַנט אויף מיין טאָכטער. דערבליק איך מיין שיינכען, זע איך ווי זי לויפט מיט אַן אימפּעט צום טייך. פלוצים גיט זיך מיר עפּעס אַ לאָז אַראָפּ פאַר די

אויגן... איך בין אויפגעקומען מיט אַ האַרץ־קלאַפּעניש, — פאַרענדיקט זי מיט אַ כליפּעריי.

קיין אַנדער זאַך ווי טרייסטן און אויסרעדן, אַז חלומות זיינען גאָרניט, איז יוספן ניט געבליבן. — אדרבה, פאַרקערט, — האָט ער גערעדט. — אַ חלום, וועלכן מ'האַלט פאַר שלעכט, לאָזט זיך ס'רוב מאָל אויס גוט.

— אַ למדן ווי איר זייט, ר' יוסף, — זאָגט שוין די אלמנה מיט אַ טרוקן קול, — קען בעטן גאָט ער זאָל אונדז באַשירעמען פון אַלדאָס בייז. איבעריקנס, פאַרלאָז איך מיך אויף דער קמיעה פון הייליקן רב. איך, אַ זינדיקע פרוי, בין דען ווערט זיין הייליקן נאָמען צו דערמאָנען . . .

— אַז איר ווילט, ברענגט מיר אַריין די קמיעה, — זאָגט יוסף שוין אַביסל נייגעריק.

די פאַרצאָגטע פרוי ווישט זיך די אויגן און לאָזט זיך צו דער טיר. עס איז קאָנטיק, אַז זי איז צופרידן וואָס אַזאַ למדן איז איר שכן.

שפּעטער קומט זי אַריין מיט דער קמיעה. ער נעמט עס צו און זי גייט אַוועק.

יוסף גייט געוויינלעך שפּעט שלאָפן. דעם אָוונט — נאָך שפּעטער. ער האָט לאַנג געקוקט אין דער קמיעה, געחשבונט די אותיות, וואָס פאַרבייטן זיך, און ווען די אויגן האָבן זיך אים אָנגעהויבן קלעפּן, איז אים קלאָר געוואָרן, אַז די קמיעה איז עפּעס אַנדערש ווי אַלע אַנדערע.

דער אלמנהס פּנים, וואָס האָט נאָך אַלץ געשוועבט פאַר זיינע אויגן, האָט אָבער ביי אים צוריק אויסגעוועפּט דעם שלאָף. ער האָט ביי זיך אָפּ־געמאַכט נאָך היינט אָוונט אַריבערגיין צו ר' יעקב אשכנזין און אים ווייזן די קמיעה. ר' יהונתן שמ'ט טאַקע פאַר אַ מקובל, אָבער דער עמדינער איז אויך אַ גרויסער בקיא אין שימות, אין קבלה. זיין זיידע ר' אליהו בעל־שם פון כעלם האָט דאָך געשאַפן אַ גולם...

שבתי צבי

ס׳איז שוין געווען אַן ערך אַ שעה פאַר חצות, ווען יוסף פּרעגער איז אַוועק מיט דער קמיעה צו ר׳ יעקבן.

ער איז אַריין אין דער ברייט־שטראָסע, וואו די נאַכטיקע לאַמטערנס האָבן געזייט אַ מילכיקע סודותדיקייט. קיין מענטשן האָט מען איצט כמעט ניט אָנגעזען. דאָ און דאָרט איז אַן איינזאַמער גייער גיך אַריבערגעלאָפן די גאַס און פאַרשוואונדן אין אַ נאָענטן מויער. יוסף איז געגאַנגען פאַר־טיפט אין זיך און גאָרניט געזען און גאָרניט געהערט. אין האַרצן האָט געגנאָגט דער אומעט פון דער אלמנה, איר בייזער חלום...

די אויפגעלויכטענע פענצטער פון ר׳ יעקבס צוויי־גאָרנדיק הויז האָבן אים אַביסל פריילעכער געמאַכט.

ער איז אַרויף אויף די טרעפּ און איז געגאַנגען פּאַמעלעך, ניט ווי זיין טבע איז געווען, געציילט די טריט, און אין זינען געהאַט דערמיט באַוויזן ר׳ יעקבן, אַז ער איז געקומען סתם אַזוי זיך, ניט מיט עפּעס וויכטיקס.

דער פאָדער־צימער האָט אים אויפגענומען מיט זיין שוואַכער שיין, וואָס האָט געטריפט פון אַ נאַפט־לעמפּל. ער האָט געעפנט די טיר פון ר׳ יעקבס ספרים־חדר און איז געבליבן שטיין.

— גוטן אָוונט, רבי?

— וואָס עפּעס אַזוי שפּעט, גאָרניט ווי דיין טבע?

— כ׳האָב אייך געבראַכט אַ קמיעה, רבי, וואָס דער אב״ד האָט געגעבן מיינס אַ שכנה, אַ יתומה נעבעך, ריכט זיך אין קימפּעט. איר מאַן איז אין ליבעק . . . — האָט ער גערעדט אין איין אָטעם.

— וואָס דאַרף איך האָבן אייבשיצערס קמיעות?

— איך האָב די קמיעה געעפנט נאָך איידער די מעוברתע האָט זי אָנגעטאָן. ווי באַלד די קמיעה איז געבראַכט געוואָרן אין הויז, האָט זיך איר מוטער, דער אלמנה געטשליק, געחלומט אַ בייזער חלום.

— זיי איר פּותר חלום, שיק זי צו אייבשיצערס דיינים, וואָס ווילסטו פון מיר? — האָט ר׳ יעקב בייז געשמייכלט.

— איך וויל איר זאָלט מעיין זיין, רבי.

— וויַיז אַהער!

יוסף האָט אים דערלאַנגט דאָס קיילעכדיקע שטיקל פּאַרמעט מיט דעם

דראָבנעם כתב, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ מזוזה מיט אָפּגעשפּרונגענע אותיות פון דער קעלט. ר׳ יעקב האָט דאָס פּאַרמעטל צוגעטראָגן צו די אויגן.

— די קמיעה האָט שימות פון כ״ב אותיות *), אָבער זיי זיינען פאַר־ביטן. לאָז זי איבער, כ׳וועל מעיין זיין. איצט בין איך פאַרנומען. האָב קיין מורא ניט, די מעוברתע וועט ניט שטאַרבן אַז זי וועט זיין אַ נאַכט אָן אייבשיצערס קמיעה. — האָט ר׳ יעקב גערעדט מיטן זעלבן שמייכל.

יוסף פרעגער האָט זיך אָפּגעזעגנט און איז גיך אַראָפּ פון די טרעפּ.

שפּעט נאָך חצות האָט זיך ר׳ יעקב גענומען צום פּאַרמעטל, געקוקט אויף די אותיות, באַהאַפטן אָן אות מיט אַן אות, איבערגעשטעלט די אותיות און געלייענט.

מיטאַמאָל האָט זיך עפּעס ווי אָפּגעריסן ביי אים אין האַרץ. אַ טונקל רויכל איז אים פאַרלאָפן פאַר די אויגן, אין זיין מוח איז אויפגעלאָפן דער טמא־נאָמען: שבתי צבי.

— יאָ, דאָס איז עס! — האָט ער אין זיין מחשבה גערעדט. — אייב־שיצער איז נאָך אַלץ אַ שבתי־צביניק. ער האָט אַ חוש־הריח. ער, דער קנאי בן קנאי. ער האָט געוואוסט וואָס ער האָט גערעדט: „אייבשיצער וועט ברענגען אומגליק אויף די קהלות.״

ר׳ יעקב איז אויפגעשטאַנען, אַנגעהויבן אַרומגיין איבערן חדר, ווי אַ לייב אין שטייג, און בייזע מחשבות האָבן זיך געצונדן אין אים, פלענער האָבן זיך געוועבט: — ניין, מען טאָר עס ניט פאַרשווייגן! ער וועט די קמיעה איבערשרייבן און צעשיקן בכל תפוצות הגולה.**) זאָל די וועלט וויסן וואָס פאַר אַ רב די ריביתניקעס האָבן אויפגענומען אין די דריי קהלות... אַזאַ מקובל און בעל־מליצה ווי ר׳ משה חיים לוצאַטו האָט מען „בפני כל עם ועדה״ גענויט ער זאָל זיך נישט בלויז אָפּזאָגן פון שבתי־צבי, נאָר אויך פון קבלה, און ער האָט געמוזט, אונטער אַ שבועה, צוזאָגן, נישט צו שרייבן קיין וואָרט איבער קבלה. און וועגן יהונתן אייבשיצער רעדט מען מיט גרויס דרך־ארץ, אַפילו דער ירושלמי, משה חגיז, האָט געשריבן גוטס וועגן אים פון ירושלים, און דאָס איז אַלץ ווייל אייבשיצער איז אַ באַהאַלטענער שבתי־צביניק. — — —

---

*) 22 אותיות.

**) אין אַלע צעשפּרייטונגען פון גלות.

אַ טויבער געשטויס האָט זיך געלאָזט הערן אין דרויסן. ר׳ יעקב איז צוגעגאַנגען צום פענצטער — גאָרניט. דאָס האָט דער ווינט עפּעס אַראָפּגעוואָרפן פון דאַך. אין הויף האָט אַ ווינט געשטויסן די דאַרע צווייגן פון דיביימער, מיט הפסקות פון טיפער שטילקייט.

ר׳ יעקב איז ווידער צוגעגאַנגען צום טיש, זיך אַריינגעזעצט אין פאָטעל, גענומען די קמיעה אין האַנט און שוין איצט געלייענט ווי אויף אויסנווייניק:

„בשם השם אלהי ישראל השוכן בתפארת עוזו יחיד ממציא כל מציאות אלהי משיחו נאמנו שבתי צבי אשר ברוח פיו ימית רשע אלהי כל עולמים נאצלים ברואים יצורים בדברו עשוים אני גוזר ופוקד על כל רוחין בגעי ופגעי בני אדם וכל סטרא דמסאבא נחשים שלא יזיקו בשום נזק וכאב וצער ונחוש וקסם להאשה הנואשת קמיעה זו למען יתגדל ויתקדש שם אלהי ישראל ושם שבתי צבי בעולם.״ *)

אַ ווינט האָט געדרייט היגטערן פענצטער. ר׳ יעקבן האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלץ דרייט זיך אַרום אים. ער האָט געקוקט אויף דער קמיעה ווי אויף אַן אונטערגעוואָרפן שרצל און געמורמלט צו זיך אַליין:

— וואָס עס האָט זיך געטראָפן מיטן טאַטן, וועט זיך טרעפן מיטן זון. דער טאַטע האָט געקעמפט מיט דעם נחש נחמיה חיון, דער נאָמען פון רשעים זאָל פוילן, און איך וועל אָנהויבן אַ קריג מיט אייבשיצערן, חיונס תלמיד.

אַ שטראָם זכרונות האָט אים פאַרפלייצט. אין זיין דמיון איז איצט לעבעדיק אַדורך יענע מחלוקת פון זיין טאַטן מיטן ספרדישן רב שלמה אאילון אין אַמסטערדאַם, וואָס האָט דעמאָלט אַ האַלבע וועלט אָנגעצונדן. די מחשבה, אַז מען טאָר די זאַך ניט אָפּלייגן, אַז מען דאַרף גלייך אָנהויבן אַ מחלוקת מיט יהונתן אייבשיצער, האָט אים שוין ניט אָפּגעלאָזן, אים

*) אין נאָמען פון גאָט, וואָס רוט אין דער פּראַכט פון זיין שטאַרקייט. דער איינציקער, וואָס שאַפט יעדער זיין. דער גאָט פון זיין באַגליבטן משיח שבתי-צבי, וואָס מיטן אָטעם פון זיין מויל טויט ער דעם רשע. גאָט פון אַלע אָפּגעטיילטע וועלטן, באַשעפענישן ווערן דורך זיין וואָרט געמאַכט. בין איך גוזר און באַפעל אַלע גייסטער, נגעים און טרעפענישן פון מענטשן-קינדער און יעדער זייט פון טומאה, שלענג זאָלן ניט שעדיקן מיט קיין שום שעדיקונג, ווייטיק און צער, דער אישה וואָס טראָגט די קמיעה. עס זאָל געגרויסט ווערן דער נאָמען פון גאָט און פון שבתי-צבי אויף דער וועלט.

געהאַלטן וואַך ביז דער דריטער אשמורה. ווען ער האָט דערהערט, אַז דאָס ווייב זויגט שוין דאָס ביי־געבאָרן עופהלע, האָט ער זיך אויפגעהויבן, גענומען דאָס פּאַרמעטל אין די הענט, און ווי עפּעס אַ זאַך וואָס עס איז אַ סכנה צו לאָזן ליגן, עס צוגעדעקט מיט אַ ברעג פון טישטוך און איז אַריין אין שלאָף־חדר, זיך צושפּאָרן ביזן באַגינען.

ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט זיך שוין די לבנה מיט אַ שטאָלענער קאַלטקייט אַריינגעשניטן אין פרימאָרגן. ר׳ יעקב איז אַראָפּ אין הויף און זיך געלאָזט צו דער מקווה. ער איז געגאַנגען אַנטקעגן דער לבנה, ווי ער וואָלט אַרויפגעגאַנגען אויף טרעפּ צו איר. די לופט איז געווען בלוי און דורכזיכטיק, ווי דער סאַמעטענער פּרוכת אויפן אָרון־קודש אין דער גרויסער שול.

דער פראַנקפורטער רב

מיט אַ סך יאָרן צוריק זיינען יידן געזעסן ביים מיטלענדישן ים און ביים אַטלאַנטישן ברעג שטאַרק און מעכטיק. אין דייטשלאַנד זיינען זיי אָבער פון תמיד אָן געווען באַליידיקט און דערנידעריקט.

אין 14טן יאָרהונדערט האָט מען איבער דריי הונדערט יידישע קהלות ביים רהיין און ביים מאַין געהרגעט, געפּערטלט, לעבעדיק באַגראָבן, אויפ־געהאַנגען זיידעס און אייניקלעך מיט הינט אויף איין תליה. דאָס שארית־הפליטה האָט אויסגעוואַנדערט קיין פּוילן.

זינט דעמאָלט זיינען זיי אין מלכות־אדום, דייטשלאַנד, פאַרבליבן גאָר ווייניק. אויף פינף הונדערט דייטשן איז פאַרבליבן איין ייד.

אונטער די רשעותדיקע פייניקונגען פון דער מאַכט און פון המון האָבן זיי געלעבט אין אחדות. מלאכות און פרייע באַרופן זיינען זיי געווען פאַר־באָטן. דורך די געזעצן פון דער מלוכה זיינען זיי געצוואונגען געווען אַריינ־געשטופּט צו ווערן אין שאַכעריי און וואוכעריי. מען האָט זיי אָנגעטאָן אין מאָדנע מלבושים, פאַרשפּאַרט אין ענגע גאַסן, פאַרקלאַפּט די טויערן פון זייערע געטאָס אויף דער נאַכט און באַוואַכט דעם אַריינגאַנג און אַרויסגאַנג.

ענג צוזאַמענגעפּרעסט, ווי געטריקנטע פייגן, זיינען דאָרטן יידן גע־זעסן; זיי האָבן זיך געמערט און געפּרוכפּערט, אָבער מער פּלאַץ האָט מען זיי ניט פאַרגונען.

אַזוי ווי זיי האָבן זיך ניט געקענט פאַרשפּרייטן אין דער ברייט, האָבן זיי געמוזט בויען אין דער הייך, גאָרן איבער גאָרן, וואָס אַמאָל אַלץ ענגער, חושכדיקער, פאַרווינקלטער, זיינען זייערע גאַסן געוואָרן. די מויערן האָבן אַלץ פאַרשטעלט. ס'איז ניט געווען קיין אָרט ניט פאַר גראָז, ניט פאַר בלומען, און זיי האָבן געלעבט אָן זון, אָן לופט.

אָפּגעריסן זיינען זיי געווען פון פרישער ערד, פון גרינע פעלדער, פון בלויע הימלען. דער ווינט האָט זיך געפּלאָנטערט אין זייערע גראָע געסלעך.

איינגעהויקערטע האָבן זיך די מענער געדרוקט אין די גאַסן און די שיינע פרויען זיינען פאַרוועלקט געוואָרן פאַר דער צייט. פון צען קינדער, וואָס זיי האָבן געבוירן, זיינען זיבן געשטאָרבן.

און שונאים זיינען זיי געוואָרן איינס ס'אַנדערע. ווייל „ישראל ערבים

זה בזה" — איין ייד טראָגט ס'אחריות פאַרן צווייטן, און דער מינדסטער חטא פון אַ יחיד האָט דאָך געקענט ווערן אַ צרת־רבים.

אָבער אָט האָט זיך אין דער וועלט עפּעס איבערגעשטעלט. געלט האָט גענומען פאַרבייטן יחוס און ווערדע. זיי האָבן איינגעזען, אַז אויך דער אומזיכערער, רעכטלאָזער, וואַקלדיקער, האָט שוץ און דאָס איז — געלט.

פאַר דעם רייכן יידן האָבן די וואַך־לייט די טויערן פון געטאָ ניט צו־געשפּאַרט. מען האָט דעם עושר און ריביתניק ניט געצוואונגען צוקלעפּן צום בגד אַ געלע לאַטע און אָנטאָן אויפן קאָפּ אַ חוזקדיקע שפּיציקע הוט. פירשטן און לאַנד־אייגנטימער האָבן זיך גענויטיקט אין דעם יידנס געלט. אָבער אָט די גאַנצע גרויע מחנה געדריקטע און געררודפטע, און די איינציקע תקיפים, וואָס האָבן געוועלטיקט איבער דעם מסחר פון אייראָפּע און אויף זייערע אייגענע שפּלע, דערשלאָגענע ברידער אין די דייטשע געטאָס — אַלע האָבן זיי פאַרמאָגט בשותפות עפּעס, וואָס איז גרעסער פון געלט און שענער פון מאַכט און דאָס איז — דער ספר.

אַן אַלטער מדרש זאָגט: „וכי מה נשתייר להם לישראל" — וואָס איז דען יידן פאַרבליבן, „והלא כל מתנות טובות ניטלו מהם" — אַלע גוטע גע־שאָנקען האָט מען ביי זיי צוגענומען, „ואין לנו שיור רק התורה הזאת" — אַלץ פאַרגייט, אָבער די תורה, דאָס לערנען, דאָס וואָרט, איז דאָ, בלייבט אייביק...

און אַז מען האָט דעם גרעסטן און געאַכטעסטן גאון פון זיין צייט, ר' מאיר מרוטענבערג, אַריינגעזעצט אין דער ענזיסהיימער תפיסה און גע־פאָדערט פאַר אים צוואַנציק טויזנט זילבער־מאַרק אויסלייז־געלט, האָט ער פאַרווערט צאָלן דעם פדיון און בעסער אויסגעקליבן צו שמאַכטן אין תפיסה.

האַרט איז געווען דער טורעם פון ענזיסהיים, שווער געדריקט האָבן די אייזערנע קייטן אויף זיינע אײדעלע הענט, אָבער נאָך האַרטער און שווערער איז געווען דער ווילן פונעם גאון ניט עובר זיין אויף דעם פאַר־באָט, אַז מען טאָר קיין געפאַנגענע ניט אויסלייזן פאַר געלט, כדי ניט צו ווייזן קיין ביישפּיל, אַז מען קאָן פאַנגען רבנים און קריגן פאַר זיי הויכע פרייזן, אויסנאָגן און פאַראָרעמען דעם שבט־ישראל אין אשכנז.

פון צעל, פון תפיסה האָט דער ליכטיקער גאון געשריבן אַ בריוו צו זיין תלמיד ר' שמשון בר' צדוק, דעם בעל התשב"ץ: „וויסן זאָלסטו, שמשון לעב, אַז כל־זמן רשעות געוועלטיקט אויף דער ערד און פאַרשפּרייט איר חושך אויף די איינוואוינער, איז די תורה אונדזער ליכט־טורעם. אין די

טויב־שטומע וועגט פון דער תפיסה, אויפן אויסבעט פון שטרוי, ווער איך באַלויכטן פון אירע שטראַלן.״

אונטערגעחתמעט האָט ער זיך: „עני הנשכח מכל טוב, אסקופא הנדרסת, הנקרא משכבר מאיר בר׳ ברוך.״ *)

און צווישן דעם שמוץ און דער טומאה פון ענגן פעלזיקן טורעם אין די אָרץ־בערג פון דייטשלאַנד האָט ער זיך געפילט פריי אין די הימל־בלויע כוואַליעס פון ים התלמוד. צווישן די אייזערנע גראַטעס האָט ער מחבר געווען זיין תוספות צו סדר טהרות, און אין דער נאַכט פון דעם שטייניקן קבר האָט ער פאַרפאַסט דעם תוספות צו יומא.

זעקס הונדערט זיבן און פופציק טויזנט דריי הונדערט און ביינצן אותיות זיינען דאָ אין דער תורה. און אויף זיי טריליאָנען אותיות פון תלמוד, פוסקים, שאלות און תשובות און חידושים. אין ישיבות האָבן יידן געגרינדעט. ישיבות, וואו מען האָט געדרשנט, זיך געפּלפּולט, געקרוינט יעדן אות. ישיבות אין פירט, אין נירענבערג, אין רעגענסבורג, אין איס־בורג און אין פראַנקפורט.

דער קליין־וואוקסיקער, מאָגערער און שניי־ווייסער פראַנקפורטער רב ר׳ יעקב יהושע פאַלק, מחבר פון לומדישן ספר „פני יהושע״, איז גע־זעסן איבערן חומש און די ביינערדיקע פינגער פון זיינע דאַרע געקנייטשטע הענט האָבן אויפגעמישט דעם ספר דברים, די פרשה שופטים. זיינע מילדע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף די פּירקאַנטיקע אותיות און ער האָט געלייענט מיט אַ זקנישער שטים:

„אַ נביא וועל איך זיי אויפשטעלן פון צווישן זייערע ברידער, אַזוי ווי דו, און איך וועל אַריינגעבן מיינע ווערטער אין זיין מויל, און ער וועט רעדן פון זיי אַלץ וואָס איך וועל אים באַפעלן. און עס וועט זיין דער מאַן, וואָס וועט ניט צוהערן מיינע ווערטער, וואָס ער וועט רעדן אין מיין נאָמען, וועל איך אויפמאָנען פון אים. אָבער דער נביא וואָס וועט מוטוויליקן צו רעדן אין מיין נאָמען אַ וואָרט, וואָס איך האָב אים ניט באַפוילן צו רעדן, אָדער דער וואָס וועט רעדן אין נאָמען פון פרעמדע געטער, יענער נביא זאָל שטאַרבן. און אויב דו וועסט זאָגן אין דיין האַרצן: ווי־אַזוי וועלן מיר

*) אַן אָרעמאַן, וואָס איז פאַרגעסן פון יעדן גוטס, אַ שוועל איבער וועלכן מ׳טרעט, וואָס אַמאָל האָט ער זיך גערופן מאיר בר ברוך.

דערקענען דאָס וואָרט, וואָס גאָט האָט עס ניט גערעדט? אַז דער נביא וועט רעדן אין נאָמען פון גאָט, און דאָס וואָרט וועט ניט געשען און ניט אָנקומען, איז דאָס אַ וואָרט וואָס גאָט האָט עס ניט גערעדט.״ —

דאָס אַלץ האָט דער זקן געלייענט און זיין האַרץ האָט געברענט מיט ליבע צו דער תורה. ער האָט אַריבערגעצויגן איבערן קאָפּ זיין ווייסן טלית און פון זיינע טיף־איינגעפאַלענע, מידע, באַיאָרנטע אויגן האָבן זיך געצויגן מילדע שטראַלן. ער האָט זיך פאַרדבקהט געשאָקלט און זיין שווערער טלית איז אויסגעווייקט געוואָרן.

די אַלטע רביצין, מיטן שמאָלן בלייכן פּנים און אַ טיכל איבערן קאָפּ, וואָס האָט ליב געהאַט צו זיצן אַנטקעגן אים בעת ער פלעגט לערנען, האָט איצט געשאָקלט מיטן קאָפּ און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע בלויע רחמימדיקע אויגן אָן אַן אויפהער, כאָטש פאַרוואָס זי וויינט האָט זי אַליין ניט געוואוסט.

ער איז געווען אַ גרויסער בעל־פּלפּול, ר׳ יעקב יהושע פאַלק, דער רב און ראש־ישיבה פון פראַנקפורט וואָס ביים טייך מאַין. אַ שאַרפער למדן און אַ צדיק תמים. ער האָט ניט ליב געהאַט פאַרבאָרגנקייטן און סודות; ער איז געווען ברוגז און געטראָגן אַ האַרץ אַפילו אויף דער קבלה פון אר״י, וואָס איז לויט זיין מיינונג געווען פול מיט סתירות און אַפילו מיט ניבול־פּה. ער האָט געהאַלטן צוגלייך מיט זיין יינגערן חבר ר׳ יעקב אשכנזי, אַז ניט דער גאַנצער זוהר איז פון ר׳ שמעון בן יוחאי. מער ווי נגלה האָט ער ניט געלערנט. געווען זיכער, אַז אין חומש אַליין איז באַהאַלטן דאָס אמתע ליכט. מער פון דער גמרא דאַרף מען ניט, דאָרט איז שוין אַלץ אַנטפּלעקט, און אַלץ וואָס איז פאַרשטעלט, רמזים־פול, פאַר־שלייערט, איז ניט פאַר דעם זינדיקן דור...

היינט אינדערפרי האָט מען אים געבראַכט אַ בריוו פון האַמבורג. ער האָט אים געעפנט און דערזען דאָס כתב פון ר׳ יעקב אשכנזי מיט אַ קאָפּיע פון דער קמיעה. זיין יראת־שמים האָט זיך אין אים צעברענט און אַ צאָרן איז אויפגעגאַנגען אין זיין אינגעווייד. ער האָט זיך גענומען צו די אותיות פון דער תורה, פון דאָרטן אַרויסאַנטפּלעקן דאָס ליכט, כדי צו וויסן וואָס צו ענטפערן.

איצט איז שוין זיין מח געווען דורכגעלייטערט און דורכגעלויכטן. בעת ער האָט געעפנט די פּרשה, האָבן זיך זיינע אויגן פון זיך אַליין אָפּגעשטעלט

אויף דער פרשה פון פאַלשן נביא. ער איז געווען זיכער, אַז פון הימל האָט מען באַפוילן די אותיות, זיי זאָלן אים מרמז זיין אויפן פאַלשן משיח, וואָס האָט מיט איבער הונדערט יאָר צוריק אָנגעטאָן אַ „טערקיש מיצל״, ווענען „גאָט האָט ניט באַפוילן״, ווייל „זיין וואָרט איז ניט געשען און איז ניט אָנגעקומען און אַלע האָפענונגען, וואָס יידן האָבן געלייגט אויף אים, זיינען ניט געקומען״.

ווען ער האָט פאַרמאַכט דעם חומש איז אַריינגעקומען זיין מחותן ר׳ שמואל הילמאַן, דער רב פון מעץ.

ר׳ יעקב יהושע האָט אים געוויזן דעם בריוו און האָט אָנגעשטעלט אויף אים זיינע מילדע אויגן.

ר׳ שמואל הילמאַן, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון ר׳ יהונתן אייבשיץ אין מעץ, איז געווען ר׳ יהונתנס אַ שונא פון אַלטע צייטן. ער האָט אים פיינט געהאַט פאַר זיין חריפות, אים נישט פאַרגונען זיין גרויסן נאָמען, און ווען ער איז נאָך געווען רב אין מאַנהיים, לעבן פראַנקפורט, האָט ער ניט פאַרפעלט אויסרעדן אויף אים בייז. יעדן חול־המועד האָט ער גע־וואָרנט דער עולם, מען זאָל לייגן תפילין און זיך ניט צוהערן צו ר׳ יהונתן, וואָס האָט געפּסקנט ווי דער זוהר, אַז חול־המועד דאַרף מען קיין תפילין ניט לייגן, ווייל ער האָט אין זינען בלויז צו פאַרגרעסערן זיין אייגענעם כבוד.

אָבער דער עיקר האָט אים פאַרדראָסן, וואָס ער איז דורכגעפאַלן אין זיין פאַרזוך צו קריגן דאָס רבנות אין די דריי קהלות ביי דער עלבע און אָנשטאָט אים איז ר׳ יהונתן אויסגעקליבן געוואָרן. אייבשיצער — האָט ער געטראַכט — ווייל זיין אַ חד בדרא *), ווייל אומעטום שטיין בראש.

ר׳ שמואל הילמאַן, אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט אַ געבויגענער נאָז, ווי אַ שנאָבל, און אַ שיטער בערדל, האָט איבערגעלייענט דעם בריוו, זיך אָנגעשפּאַרט אין אַ שטענדער, וואָס איז געשטאַנען אין בית־דין־שטוב, ווי ביי אַן עמוד צום דאַווענען, פאַרשטעלט ס׳פּנים און זיך צערעדט:

— דער גרעסטער חוטא איז געווען ירבעם בן נבט. ער האָט אויפ־געשטעלט צווי קעלבער אין דן און אין בית־אל און געזאָגט: דאָס איז אייער גוט! גאָט אַליין האָט אים באַפוילן: טו תשובה, ירבעם, און בן־ישי, איך און דו, זאַלבעדריט וועלן מיר שפּאַצירן אין גדן־עדן. פרעגט

---

*) איינציקער אין דור.

ירבעם: ווער וועט גיין דער ערשטער? אויב דוד וועט זיין דער ערשטער, וויל איך ניט דעם גאַנצן כבוד...

ר׳ יעקב יהושע האָט זיך אָנגעהויבן כוונהדיק שאָקלען. ער האָט פאַרקוועטשט די אויגן און אַ געברום האָט זיך געהערט אין זיין קול:

— ווי גרויס דאַרף זיין דער חוטא, וואָס זאָגט זיך אָפּ פון גאָטס חברותא, בלייבט אַ קללה אויף לדורות, אַבי נישט זיין דער צווייטער. — —

די אַלטע רביצין מיטן ווייסן טיכל אויפן קאָפּ איז נאָך אַלץ געזעסן אַנטקעגן און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע בלויע רחמימדיקע אויגן, כאָטש פאַרוואָס זי וויינט האָט זי ניט געוואוסט...

איז געקומען אַ בריוו פון פראַנקפורט צו ר׳ יעקב אשכנזי. דער בריוו איז געווען געשריבן אין לשון־קודש, מיט קליינע רבנישע אותיותלעך אויף אַ האַלבן בויגן פּאַפּיר און געחתמעט מיט אַ געצירקלטער חתימה. דער בריוו האָט זיך געלייענט בזה הלשון:

„צו וועמען איז די גאַנצע גלוסטונג פון ישראל? — צו דעם צעדער וואָס אין לבנון, דער שטאַרקסטער פון די פּאָסטוכער, דער חסיד און דער ענו, דאָס ליכט פון ישראל, דער רעכטער זייל, דער שטאַרקער האַמער. רב איז אַ תנא און ער קריגט, דער זון פון די הייליקע, פון הייליקן זאָמען איז זיין שטאַם און נאָך, און נאָך, דאָס איז ר׳ יעקב אשכנזי, זיין ליכט זאָל שיינען און זיך אַנטפּלעקן פאַר דור־דורות, ביז וואַנען דער כהן וועט אויפשטיין מיט די אורים ותומים, אָמן. די שריפט פון זיין הייליקער האַנט האָט מיך דערגרייכט און פונעם געהער פון מיין אויער איז מיין זעל צעווייטיקט געוואָרן, וואָס דער אחר, יהונתן, דער אב״ד פון די דריי קהלות, גאָט זאָל בויען ציון וירושלים, האָט געגעבן אַ קמיעה אין נאָמען פון ש״ץ, דעם פאַרשטויסענעם הירש, דער נאָמען פון רשעים זאָל פוילן. וועגן דעם וואָס דער כבוד פון זיין תורה פרעגט: וואָס זאָל מען טאָן מיט דער קמיעה? זי האָט אַ דין פון עבודה־זרה, וואָס מען דאַרף זי צעשטויסן און פאַרברענען אויף אַש און דאָס אַש איז אָסור בהנאה. און איר שרייבער האָט אַ דין פון אַ זינדיקן, און עס דאַרף אים געטאָן ווערן ווי צו אַ חוטא. מען דאַרף אים זאָגן: אַרויס, ניט אַריין, ווי עבודה־זרה, וואָס איז מטמא ווען מ׳טראָגט זי, אָדער מ׳רירט זיך אין איר אָן. און איך זאָג דעריבער: זאָלן זיינע הענט געשטאַרקט ווערן, דערפאַר וואָס ער, דער קנאי, אַ זון פון אַ קנאי, נעמט זיך אָן גאָטס כבוד און אייפערט פאַר דעם גאָט פון צבאות. זאָל אים געגעבן

ווערן דער שכר פון פנחס, דער זון פון אלעזר, דער בונד פון שלום. זאָל ער ניט דערלאָזן, אַז דער אחר זאָל שלאָגן וואָרצלען אין דער הייליקער קהלה, די נחלה פון זיינע עלטערן. פאַרטרייבן זאָל מען אים מיט גרויס פאַרשעמונג, אויפדעקן זאָל מען זיין שאַנד, כדי אַלע זאָלן וויסן און ניט אָפּקערן פון גאָט, צו מזנה זיין מיט פרעמדע געטער. אויף דעם בין איך מסכים און פאַרשרייב דערפאַר מיינע רייד מיט אַ פען פון אייזן און בליי. ווייל דער בויגן איז צו קורץ, טו איך דערמיט מאַכן אַ סוף צו די רייד און פאַרענדיק מיט אַ צעבראָכן האַרץ און מיט ציטערנדיקע קני אויפן שפלן מצב פון דער תורה, וואָס טוט אָן אַ זאַק צוליב די וועלכע זיינען זי מבזה. און דער אַלמעכטיקער זאָל זיין אין זיין הילף, צו רייניקן די דריי הייליקע קהלות פון שוים פון נחש און גיפט פון נאטר. פון מיר דעם מינדסטן צווישן די טויזנטער פון יהודה, אַ שוועל צום טרעטן. אַ וואָרעם בין איך, נישט קיין מענטש, די חרפה פון מענטשן און מבוזה ביים פאָלק. יעקב יהושע, וואָס מען רופט אים פאַלק, דער רב און אב־בית־דין פון פראַנקפורט, וואָס אויפן טייך מאַין, מחבר פון וואונדערלעכן ספר „פני יהושע“, זיסע חידושים אויף ש״ס, און מיין נעץ איז פאַרשפרייט אויף בערלין און נאָך קהלות. גאָט זאָל בויען ציון וירושלים. אָמן.“

מחלוקת

ניין טעג אין חודש שבט, יאָר תקי״א (1751). שבת אינדערפרי. ביי ר׳ יעקב אשכנזין אין מנין.

דאָס ספר איז שוין געלעגן אויפן שולחן און דער גבאי האָט זיך געגרייט צו טיילן עליות. ר׳ יעקב האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, געגעבן אַ צייכן מען זאָל אויסוואַרטן מיטן לייענען, ער האָט עפּעס וואָס צו זאָגן. ער האָט אַראָפּגערוקט דעם טלית מיט דער שווערער זילבערנער עטרה. איז צוגעגאַנגען צום שולחן, אַ ווײַלע זיך געשפּילט מיט איין ציצה פון טלית און אָנגעהויבן מיט אַ זיכער קול:

— הערט מיך צו, רבותי! ס׳איז מסתמא דערגאַנגען צו אײַערע אויערן, אַז מען האָט מיר געבראַכט אַ קמיעה, וואָס איז געשריבן געוואָרן פאַרשטעלטערהייט. איך האָב זי גוט אויסגעפאָרשט און אויסגעפונען, אַז זי איז פול מיט מינות, מיט שיטות הטומאה, רחמנא ליצלן, די נעמען פון שבתי־צבי, דער נאָמען פון רשעים זאָל פוילן. איך דערקלער, אַז דער וואָס האָט געשריבן די קמיעה, איז אַ מין גמור.*)

אין מנין האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל. עמעצער האָט אויסגעשריגן:

— הייסט עס, אַז דער רב פון די דריי קהלות איז אַ כרוך **) נאָך שבתי־צבי, אַ מין?

— ניין, דאָס האָב איך ניט געזאָגט, — האָט ר׳ יעקב געענטפערט.

— ווער דען האָט די קמיעה געשריבן? — האָבן זיך געהערט נאָך עטלעכע קולות.

— איך קאָן ניט זאָגן, אַז דער אב״ד האָט די קמיעה געשריבן. אָבער וויבאַלד מען זאָגט, אַז זי איז פון זיין האַנט, ליגט אויף אים אַ חוב זיך ריינצוואַשן, ווי אין פסוק שטייט: איר זאָלט זיין ריין פון גאָט און פון אידן.

דער טומל אין מנין האָט זיך געשטאַרקט. מרדכי העקשער, דער גבאי, האָט געקלאַפּט אויפן שולחן, מען זאָל אָנהויבן לייענען, אָבער בשעתן לייענען האָט מען געשמועסט און ר׳ יעקב האָט געמוזט קלאַפּן אויפן אָפענעם חומש. קוים פאַרענדיקט ס׳לייענען, האָט מען שוין אָפּגעכאַפּט דעם מוסף און מיט

---

*) אַן אפּיקורס.

**) אַ נאָכשלעפּער.

רעש און געפּילדער האָט זיך דער עולם אַרויסגעלאָזן אין גאַס. ר׳ יעקב האָט זיך געאײַלט אין זײַן אויבערשטיבל.

די שמועה וועגן ר׳ יעקבס דרשה האָט זיך גלײַך פֿאַרשפּרייט איבער די שטעט און באַלד האָבן זיך אין די גאַסן פֿון אַלטונא, פֿון האַמבורג, פֿון וואַנדזבעק און אַפֿילו פֿון דער ווײַטער פֿאָרשטאָט גליקשטאַט, געזאַמלט רעדלעך. מען האָט זיך געקהלט, און עס האָבן זיך געשאַפֿן צוויי צדדים, די מערסטע האַמבורגער האָבן געהאַלטן מיט ר׳ יעקבן.

נאָך הבדלה איז אויפֿן הימל, צווישן טונקעלע צעאַקערטע וואָלקנס, פֿול מיט גריבער און לעכער, גיך געשוואומען אַ לבֿנה אָן אַ פּנים. ס׳האָט אויסגעזען, אַז אַ נײַע גזירה איז אָנגעשריבן געוואָרן אויף די שטעט.

דערווײַל האָט זיך די מגיפֿה אויף די קימפּעטאָרינס געשטאַרקט. פֿינף ווײַבלעך זײַנען אויסגעגאַנגען אין די געבורט־ווייען.

אין די הײַזער פֿון די קימפּעטאָרינס איז געווען אַ חורבן. אַלטע ווײַבער מיט פֿאַרבונדענע קעפּ און מיט רויטע געשוואָלענע אויגן פֿון וויינען האָבן זיך געפּאָרעט ביי די צו־קינד־גייענדיקע יונגע ווײַבלעך. זיי האָבן געגאָסן הייס וואַסער פֿון קרוגן אין שיסלען, אַז די שטובן זײַנען פֿול געוואָרן מיט פּאַרע, ווי אין אַ מרחץ. ס׳האָט דאָ געשמעקט מיט שוויס, רפֿואות, טהרה און געזאָטענע קמיעות. די ווײַבלעך האָבן געזונקען אין זייער פֿאַר־שמאַכטקייט.

נאָכן לאַנגן שבת־צו־נאַכטס האָט זיך דער זונטיקדיקער פּרימאָרגן פֿאַרשפּעטיקט.

זונטיק אינדערפֿרי איז אין זלמן מירלש קלויז, וואָס אין אַלטונא, געווען הייס און אָנגעשטרענגט.

די מתפּללים האָבן שוין אָפּגעזאָגט „עלינו" און אָנגעשפּיגן אויף די געצנדינער, וואָס דינען צו נאַרישע און פּוסטע געצן, וועלכע העלפֿן ניט זייערע בעטער. דאָך האָט זיך דער עולם נישט געאײַלט אַהיימצוגיין, ווי געווײנלעך, נאָר מען האָט זיך געשטופּט אַרום בעלעמער. דאָס וואָס עס איז נעכטן פֿאַרלאָפֿן אין ר׳ יעקבס מנין, איז איצט געווען דאָס געשפּרעך פֿון קלויז.

דוד גאַנדז, וואָס פֿלעגט שטענדיק דאַווענען אין עמדינערס מנין, איז צוליב דער נעכטיקער מעשה געקומען מיטן מאָרגנשטערן צוגלײַך אין דער אַלטונער קלויז, מיט דער כּוונה אויפֿצוכאַפּן פֿאַרדעכטיקע שמועסן און זיי

נאָכדעם אָפּטראָגן ר׳ יעקבן. ער איז געזעסן הינטער דער בימה און געהאַלטן אַ ספרל מיט איין טאָוול און איז געווען שטאַרק בלייך.

דער חזן משה קאָסוויץ, אַ הויכער פולער ייד, מיט אַ רויט־ווייסלעך בערדל, איז צוגעגאַנגען צו אַ שורה יידן אין מזרח, און כלומרשט מעשה־תם, אָבער מיט אַ גנביש שמייכעלע אין זיינע כיטרע אויגן, דערציילט, אַז עמעצער האָט נעכטן גערופן דעם אב״ד: מין.

לייב משה גאָלדשמידט, אַ זקן מיט אַ גראָבער נאָז און אַ שטעכיקער באָרד, אַ שונא פון דער אשכנזי־משפחה נאָך פון אַלטע צייטן, האָט מיט־אַמאָל אויסגערופן מיט אַ בערן־קול:

— וואו האָסטו עס געהערט, מוציא שם רע *), אַזעלכע רכילות אויפן ראש פון אַלע גלות־לענדער, פון דעם אשכנזי? — יידן, דער ראש־הקהל איז גערעכט. מען האָט אים שוין לאַנג געדאַרפט אַרויסטרייבן פון האַמבורג. ער צינדט אָן מחלוקת אומעטום, שטעלט פאַר זיך קיינעם ניט, — האָט ער פאַרענדיקט און געמאַכט אַ פויסט גאַנדזן אין פנים.

— אויב אַרויסוואַרפן פון שטאָט, דאַרף מען אייבשיצערן, דעם שבתי־צביניק, צוליב זיינע קמיעות שטאַרבן יידישע ווייבער, — האָט זיך דוד גאַנדז אויפגעשטעלט און אַ פּאַכע געטאָן מיטן ספרל, וואָס האָט געהאַט איין טאָוול און האָט אויסגעזען ווי אַ פויגל מיט איין פליגל.

— מחוצף, עזות־פנים, תלמיד־חכם סרוח, פאַרשטונקענע נבילה! — איז דער אַלטער לייב משה צוגעלאָפן צום בלייכן גאַנדז און אים דערלאַנגט אַ פּאַטש, אַז ער האָט זיך געבויגן צו דער ערד.

עטלעכע מתפללים מיט ברייטע רצועות אַרומגעוויקלט אויף דער לינקער האַנט און מיט די של־ראשן אין די הענט זיינען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער און זיך געשטויסן צו דער בימה.

— יידן, יהונתן אייבשיצער איז אַ תלמיד פון נחמיה חיון, דעם נחש, וואָס האָט געלאָזן טריפן זיין גיפט אין אַלע קהלות! — האָט עמעץ אַ געשריי געטאָן מיט אַ צעפּייערט דין קול.

עס איז געווען יעקל גליקשטאָט, ר׳ יעקבס געשוואָרענער תלמיד און האַמבורגער מעקלער, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ שטענדער.

— שווייג, דו פאַרשטונקענער מעקלער, קבצן, מורד, הייסע צואה אין דיין מויל! דערלאַנגט אים, יידן!

עטלעכע יונגעלייט פון ר׳ יהונתנס צד און דער שמש פון קלויז זיינען

*) אויסטראַכטער פון בייזע נעמען.

צוגעלאָפן און אים אָנגעהויבן שלעפן. ער האָט זיך געצאַפּלט אין זייערע הענט און געקוויטשעט:

— ר׳ יעקב איז דער גאון און צדיק פונעם דור, יהונתן איז אַ שבתי־צבי, אַ מכשף, אַ — — —

דער שמש האָט אים פאַרשטופּט ס׳מויל מיט אַ האַנטוך און צוויי יונגע־לייט האָבן אים אָנגענומען ביים האַלדז און אַנידערגעוואָרפן אויף דער בימה. איצט האָט לייב משה אין אים געהאַקט ווי אין אַ לונג. עס האָט זיך אים געלאָזן בלוט פון דער נאָז. דאָס קאַשקעטל איז אים אַראָפּגעפאַלן. ער האָט זיך אַ בויג געטאָן און איז אַראָפּגעפאַלן פון דער בימה, געבליבן ליגן אויף דער ערד ווי אַ מת. עמעצער איז צוגעלאָפן מיט אַ קוואָרט וואַסער און אים אָפּגעגאָסן.

— גאַוואַלד, יידן, בלוט אין ווינער חסידס קלויז! — האָט זיך דערהערט אַ קוויטש.

— אַ מצווה אויף דעם פּושע ישראל, וואָס רעדט שלעכטס אויפן רב! — האָט דער אַלטער לייב משה גאָלדשמידט געאָטעמט שווער. — און זאָל דער בייזער אשכנזי וויסן, אַז ס׳איז ניט הפקר אַ וועלט, אַז ס׳איז ניט לית דין ולית דיין.*)

עס איז געווען אַ טאָג, שוין איינמאָל אַ טאָג! פּונקט ווי אויפן האַרצן. כסדר שינויים.

אָט רעגנט און אָט האָגלט. עס איז שוין טיף־ווינטער, אָבער עס איז ווי פּוילער האַרבסט. אויף די דעכער קלאַפּט דער האָגל, ווי קעץ וואָלטן זיך געדראַפּעט אויף ווענט.

יוסף פּרעגער זיצט ביי זיך אין שטיבל. קוקט אויף די ווענט, וואָס שלאָגן אָפּ מיט געווייקטן שימל און וואַרט אויף מרדכי העקשערן. היינט אָוונט האַלטן זיי אָפּ אַ באַראַטונג וועגן אויפהעצן די האַמבורגער קליינע סוחרים קעגן ראש־הקהל און די פּרנסים.

מרדכי העקשער, אַ ייד פון אַ יאָר זעכציק, מיט אַ ברייטלעכער באָרד, שוין כמעט דורכאויס גרוי, בלויז ערגעצוואו דינע פּאַסמעלעך, באַזונדערע הערעלעך — נאָך שוואַרץ. דאָס פּנים איז ביי אים געווען קיילעכיק מחמת דער באַוואַקסנקייט און די הויט — דאָ און דאָרט צעווירעט פון קנייטשן. מרדכי העקשער האָט פיינט געהאַט יחיאלכי וואָלפן תכלית־שנאה.

*) ניטאָ קיין דין און ניטאָ קיין ריכטער.

געהאַלטן, אַז די פרײ־שטאָטישע יידן מוזן זיך אָפּטיילן פון אַלטונא און וואַנדזבעק, דאַרפן האָבן זייער אייגענעם ראש־הקהל און פרנסים. אין ר׳ יעקבן האָט ער געזען אַ שליח פון גאָט אויסצולייזן די האַמבורגער פון די אַלטונער תקיפים.

מיט אַ צוויי חדשים צוריק איז העקשער געוואָרן אַ יורד, ניט געווען ביכולת צו צאָלן גרויסע ריביתן יחיאלכי וואָלפן, האָט ער אויפגעגעבן ס׳מסחר מיט דימענטן, אָפּגענומען דעם טלית אין דער אַלטונער שול און איז אַוועק צו ר׳ יעקבן אין מנין, וואו מען האָט אים גלייך געמאַכט פאַר גבאי.

נאָכדעם ווי העקשער האָט אָפּגעמאַכט מיט פרעגערן מען זאָל צוגיין צו דעם פרעזידענט פון האַמבורגער סענאַט אַרטור פאָן קוואַלען מיט אַ צעטל פון האַמבורגער יידן, וואָס ווילן זיך אָפּרייסן פון אַלטונא, האָט ער זיך געלאָזן צו ר׳ יעקבן אין מויער.

אַ גאַנצן טאָג האָט די וועלט געקאָפּריזעוועט. אגב: העקשערס איינציקער חיות און טרייסט אין זיינע צרות איז טאָקע אַזאַ טאָג, בעת עס רעגנט און עס האָגלט. קיינער וועט זיך אין אַזאַ צייט ניט חידושן, וואָס דער געוועזענער סוחר בלאָנקעט זיך אום ווי אַ נעבעכטיקער אין די גאַסן.

ווען די זון קלעטערט איבער די מויערן און די וועלט איז אַן אָפּענע און אַ תכליתדיקע, יעדער רייסט זיך ערגעצוואו, פילט זיך מרדכי העקשער, וואָס האָט חשק צו ווערן אַ ראש־הקהל, זייער איינזאַם... איצט איז בעסער. סיי־ווי זעט אים קיינער ניט.

טונקל. שאָטנס יאָגן זיך. עס באַווייזן זיך קאָטשן מיט אַנגעצונדענע לאָמטערנדלעך. קראָמען פאַרשליסן זיך, טויערן פאַרקלאַפּן זיך. העקשער גייט איבער דער מסחר־גאַס, זעט ווי די ריביתניקעס טרייסלען זיך איבער זייערע אוצרות, יעדער היט זיין בייטל געלט... ער טראַכט: וואָס גייט זיי אָן די מגיפה אויף די קימפּעטאָרינס? וואָס אַרט זיי אַייבשיצערס מינות? אַבי זייערע טייסטערס זיינען באַשיצט.

ס׳איז געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, אַז דוד גאַנדז און יוסף פרעגער זאָלן ווערן די הויפּט רעדל־פירער אין דער מחלוקת איבער דער קמיעה, נאָר וואָס עס איז פאַר אַלעמען געווען אַביסל אומגעריכט איז דאָס, וואָס מרדכי העקשער, אַ געוועזענער סוחר, איז גאָר געוואָרן פרעגערס רעכטע האַנט און איינער פון די פייערדיקסטע קריגער קעגן ר׳ יהונתן.

נאָך מעריב האָט זיך ביי ר׳ יעקב אין הויז געעפנט די טיר און יוסף כהן, דער קהל־סופר, וואָס איז איצט געווען וואָלפס בוכהאַלטער (בייזע צינגער האָבן אים גערופן „יחיאלכיס שווער״, ווייל זיין טאָכטער איז געווען אַן אָפּטע אַריינגייערין אין וואָלפס קראָם), איז אַריינגעקומען מיט אַ בייז־לעכן „גוטן אָוונט״. ער איז געקומען ר׳ יעקבן וואָרענען, אַז יחיאלכי וואָלף איז אים גרייט אַריינלייגן אין חרם, פאַרמאַכן ס׳מנין און די דרוק, אויב ער וועט ניט דערקלערן אין מנין, אַז ער האָט חרטה אויף זיין דרשה וועגן דער קמיעה...

יוסף כהן האָט געמאַכט אַ מינע פון יראת־הכבוד, זיך אָוועקגעזעצט קעגן ר׳ יעקבן און ניט געוואוסט ווי אָנצוהייבן. ער האָט געהערט ווי מרדכי העקשער, וואָס איז געזעסן אין צווייטן חדר, סודעט זיך מיט דער יונגער רביצין, בתיה־צביהן.

נאָך דער מעשה מיטן געשלעג, זונטיק אינדערפרי אין אַלטונא, האָט ר׳ יעקב באַרעכנט: מען דאַרף האַנדלען קיל, מיט ישוב־הדעת. דערזען אָבער דעם בלאַנדן תקיפותדיקן קהל־סופר ביי זיך אין הויז, איז דער חשבון אויסגערונען און דאָס קפדניש בלוט האָט אויפגעזאָטן.

— וואָס וועט דער סופר זאָגן גוטס? — האָט ר׳ יעקב געפרעגט.

— ר׳ יעקב אשכנזי, צוליב דעם כבוד פון אייערע עלטערן האָט מען אייך געגעבן חזקת־הקהל,— האָט יוסף כהן אָנגעהויבן מיט אַ ישובדיקן קול.

ר׳ יעקב האָט אַ קוק געטאָן אויף אים:

— צום ענין, סופר!

— דער ראש־הקהל און די פרנסים האַלטן, אַז מיט אייער ניט־געוואָרנטקייט זייט איר גורם מחלוקת.

— זאָלן זיי מיר ניט שיקן קיין אתרוג אויף סוכות.

— ניין, עס איז דאָ אַ מיינונג, מען זאָל ביי אייך אינגאַנצן צונעמען חזקת־הקהל.

— פאַרוואָס קומט עס מיר?

— איצט, ווען אַן אומגליק איז באַפאַלן די קהלות, טאָר מען קיין זינד אויף קיינעם ניט אויסטראַכטן.

— די זינד האָב איך ניט אויסגעטראַכט און די צרה האָב איך ניט געבראַכט. גיב איבער דעם ראש־הקהל, אַז מיין הנהגה איז זיך ניט צו מישן אין קהל־זאַכן. די קמיעה איז פסול און מען דאַרף זי פאַרברענען, און געבנוג.

— איז אייער ווארט הפקר, ר׳ יעקב אשכנזי? איר האט דאך גערופן דעם אב״ד מין!

— ניין, שקר וכזב! איך האב נאר געזאגט, אז דער וואס האט די קמיעה געשריבן איז א מין. איז אייבשיצער דען מודה, אז ער האט זי געשריבן? איך זאג נאכאמאל: וויבאלד מען איז אים חושד, דארף ער זיך ריינוואשן.

— אז מען איז ניט זיכער, מאכט מען ניט קיין בלבול.

א רויכל האט זיך באוויזן אין ר׳ יעקבס אויגן. ער האט זיך אויפגעשטעלט און צארנדיק א ברום געטאן:

— הדיוט! פאראן מענטשן, וואס טראכטן אין הארצן אנדערש און רעדן מיט די ליפן אנדערש. איך קען עס ניט.

איצט איז ר׳ יעקב געשטאנען פאר אים אין זיין גאנצער גרייס און הייך. די אויגן האבן אים בייז געפינקלט און ער האט אויסגעזען ווי דער אנגרייפער און דער סופר ווי דער אנגעגריפענער.

מרדכי העקשער איז אריינגעלאפן פון צווייטן חדר. א צעכעסטער איז יוסף כהן צוגעלאפן צו אים:

— זאג דעם אשכנזי, אז אויב ער וועט ניט חרטה האבן, וועט מען אים פארמאכן דעם מניך. געגוג זיך איינגעריסן מיטן ראש־הקהל.

— הדיוט, בור! מיינסט, אז קיינער ווייסט ניט, אז דיין טאכטער האט עסקים מיט דעם נואף? אייבשיצער איז א מחובר לטמא.*) ער האט געבראכט אן אומגליק אויף די קהלות. זאל דאס פארגאסענע בלוט פאלן אויף זיין קאפ.

— דתן ואבירם, פארשטונקענער יורד!...

— מחוצף, עזות פנים, ביסט מפקיר דיין טאכטער צו זנות. פארנעם זיך פונדאנען! — האט דער גראבלעכער העקשער זיך געלאזן צום סופר מיט א פויסט.

דער סופר איז געלאפן פון די טרעפ. פון גרויס צערודערטקייט אפילו פארגעסן צו נעמען זיין שטעקן מיטן זילבערנעם הענטל.

— אתנן זונה!**) — האט אים העקשער נאכגעשריען און געווארפן דעם שטעקן דורכן פענצטער.

---

*) א חבר מיט אן אומריינעם.

**) גאב פון א זונה.

האַמבורג אין קריג מיט אַלטונא

מיט אַ לוסטיקער עקשנות און האַרטנעקיקייט האָט ר׳ יעקב אשכנזי אויפגענומען די מלחמה מיט ר׳ יהונתן אייבשיצער און די פּרנסים.

ער האָט אָפּגעדרוקט קונטרסים, אַז מען זאָל פאַרברענען אַלע קמיעות, וואָס אייבשיצער האָט געגעבן, ווייל זיי זיינען פול מיט שימות הטומאה און נעמען פון שבתי־צבי.

ער האָט פאַרעפנטלעכט בריוו פון מעץ, וואו מען שרייבט, אַז מען האָט גובה־עדות געווען און געפונען, אַז ר׳ יהונתן האָט דאָרטן אויך געטיילט שבתי־צבי קמיעות.

זיין מגין איז איצט געוואָרן דאָס זאַמל־פונקט פון אַלע פאַרביטערטע האַמבורגער מעקלער, וואָס האָבן געטראָגן אַ האַרץ אויף יחיאלכי וואַלפן, אויף די ריביתניקעס. יוסף פרעגער האָט פאָרגעשלאָגן, מען זאָל זיך צונויפלייגן געלט, מאַכן אַ באַנק און אַנטלייען געלט אָן ריבית... און מרדכי העקשער האָט זיך דערקלערט פאַרן ראש־הקהל פון דער נאָך־ניט־געגרינדעטער האַמבורגער אָפּגעטיילטער יידישער קהלה.

די שמשים יוזל האַלבערשטאַט און אליהו אָפּענהיים האָבן נאָכגע־שפּיאָנירט יעדן, וואָס האָט גערעדט שלעכטס אויף ר׳ יהונתן אייבשיצער, אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעהאַלטן דוד גאַנדזן און יעקל גליקשטאַטן פון גיין איבער דער שטאָט און העצן קעגן די פּרנסים און זייער רב.

די פּרנסים — האָבן זיי געטענהט — האַלטן מיט אייבשיצערן, ווייל ער פאַרדעקט זייערע רויבערישע מעשים. ר׳ יעקב וויל לייכטער מאַכן דעם יאָך פון די פריי־שטאָטישע יידן. זיי האָבן אויך דערציילט, אַז געהיימע שלוחים ברענגען אייבשיצערן בריוו פון די געהיימע שבתי־צביניקעס און אַז ער לערנט מיט זיינע תלמידים די טריפהנע קונטרסים פון נתן העזתי און נחימה חיון.*)

אסתר־תענית האָט זיך אין אַלטונא צעפלאַקערט אַ קריג, וואָס אַזוינס איז ניט פאַרלאָפן זינט די דריי קהלות זיינען געגרינדעט געוואָרן. דער חזן פון זלמן מירלש קלויז, משה קאַסוויץ, האָט געפּראַוווט פאַרטיידיקן ר׳ יעקבן, האָט אים יוסף כהן אַראָפּגעלאָזן אַ פּלעם, אַז זיין באַק איז אויפ־

*) שבתי-צבים אַפּאָסטאָלן.

געלאָפן ווי אַ פּלעצל. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג און בלוט האָט זיך געגאָסן ווי וואַסער.

די פּרנסים מיט די שמשים האָבן זיך געוואָרפן אויף ר׳ יעקבס אָנ־הענגער אין די האַמבורגער גאַסן, געצופּט בערד, אויסגעדרייט הענט און באַדעקט מיט קלעפּ יעדן איינעם, וואָס האָט געעפנט אַ מויל.

אַ חברה בחורים פון ר׳ יהונתנס ישיבה האָבן זיך אויף דער נאַכט, נאָך דער מגילה, געלאָזט צו ר׳ יעקבן אין מויער. אַריין אין דרוק און איבערגעקערט די אותיות, צעבראָכן אַ מאַשין און צעממיתט דעם גויאישן שומר קאַרל זעגער.

זיי זיינען דערנאָך אַרויף אין ר׳ יעקבס אויבערשטיבל און געפּאָדערט ער זאָל זיי ווייזן זיין קונטרס *) „דער ביס פון עקדיש״. ר׳ יעקב איז געשטאַנען אַ דערשראָקענער און ניט געהאַט קיין כח זיך צו ווערן. די מעוברתע בתיה־צביה האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זי האָט שיער ניט מפּיל געווען. מען האָט איר נאָכדעם געדאַרפט צאַפּן בלוט פון אָדער.

יחיאלכי וואָלף האָט געלאָזט רופן די פּרנסים און מען האָט באַשלאָסן צונעמען ביי ר׳ יעקבן חזקת־הקהל און אים אַריינלייגן אין חרם.

דערוויל האָט יחיאלכי געלאָזן אָנועקשטעלן פּאָליציי ביי זיין מויער, כדי די מעקלער זאָלן זיך דאָרט ניט פאַרזאַמלען. אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז מלכות וועט זיך מוזן אַריינמישן אָפּצושטעלן דעם פייער, און העקשער האָט געדרשנט אין די גאַסן, אַז האַמבורג וועט זיך שטעלן קעגן אַלטונאַ.

---

*) פּאַמפלעט.

דער כח פון אַ טרער

יחיאלכי וואָלף, דער ראש־הקהל מיט דער בלאָנדער באָרד אַרום די פולע ווײנשל־באַקן און מיט דעם ברייטן שטעל, וואָס ווייזט אַז ער איז שטענדיק צופרידן מיט זיך און מיט דער וועלט — איז איצט געזעסן אין קהל־זאַל אַן אָנגעצונדענער. זיין דיקער קאַרק האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט ביז די סאַמע אויערן און גרויסע טראָפּנס שוויס זיינען אַרויסגעראָטן אויף זיין גלאַנציקן שטערן.

אין קהל־זאַל זיינען געווען פאַרזאַמלט אַרום הונדערט פון די אַלטונער ריביתניקעס און זייערע משרתים און אויך אַלע פּרנסים, דיינים און גבאים פון אַלטונער און וואַנדזבעקער שולן. פון האַמבורג זיינען געווען בלויז דריי פאָרשטייער: אַ שוחט מיט צוויי שמשים פון דער חברה־קדישא.

ביי דעם ברייטן שטיינערנעם אַריינגאַנג צום קהל־הויז האָבן זיך אַרומגעדרייט פּאָליציאַנטן מיט ברייטע וואָנצעס אַהין און צוריק... דאָס האָט יחיאלכי געפּועלט ביים אַלטונער בירגערמייסטער לודוויג יענסען, ער זאָל שיקן די פּאָליציאַנטן אָפּצוהיטן אָרדענונג...

אין זאַל איז געווען שטיל ווי נאָך אַ שטורעם. יחיאלכי וואָלף האָט זיך אַרומגעקוקט, געזען אַז אין זאַל זיינען דאָ אייגענע מענטשן, האָט ער אַ לייכטן קלאַפּ געטאָן אין טיש און אַ וואונק געטאָן צום סופר. דאָס הייזעריקע קול פון שרייבער האָט זיך דערהערט:

„. . . יעקב אשכנזי, וואָס פאַרשעמט דעם גוטן נאָמען פון זיינע עלטערן. ער צעקריגט זיך און רייצט זיך מיט יעדן און אַלע האָבן אים פיינט. „ידו בכל ויד כל בו“.*) — דעריבער באַשליסן מיר, אַז אויב ער וועט ביז דריי טעג, מהיום, ניט חרטה האָבן אויפן שם־רע, וואָס ער האָט מוציא געווען אויפן אב״ד, די שיינקייט פון ישראל און דעם רבין פון אַלע קינדער אין גלות, ר' יהונתן, זיין זון זאָל דערשיינען און לייכטן ביז דער זון פון ישי וועט קומען, — זאָל אין דער גרויסער הייליקער שול אויסגערופן ווערן אַ חרם אויף אים ,מען זאָל אין זיינע ד' אמות ניט שטיין און מען זאָל זיך דערווייטערן פון זיין הויז ווי פון אַ בית־מינות. דער חרם זאָל אויך חל זיין אויף יעדן איינעם, וואָס וועט גיין דאַווענען אין זיין מנין. . . . ווייטער

*) זיין האַנט איז אויף יעדן און יעדנס האַנט איז אויף אים.

באַשליסן מיר, ברשות ובהסכם הפרנסים, אַז דער ראש־הקהל זאָל אָנווענדן אַלע מיטלען און מיטן כח פון מלכות, ירום הודה, אים פאַרטרייבן פון האַמבורג, און זאָל אים קיין שום תירוץ און אויסרייד ניט העלפן. דאָס איז בהסכם כולם, און וואָס געשען איז געשען.״ — — —

ווען ר׳ יעקב האָט זיך דערוואוסט פון דעם חרם־באַשלוס אין קהל־זאַל, איז ער, ווי זיין מנהג איז געווען, געזעסן ביי אַן אָפענעם ספר. זיינע אויגן זיינען געווען אָנגעצונדן, די באָרד שטייפער ווי אַלעמאָל, און ער האָט אויסגעזען ווי אַ צערייצטער לייב, וואָס קאָן צו זיך ניט קומען. אַ גאַנצע נאַכט איז ער ניט געשלאָפן. איגדערפרי האָט ער אַליין געוואָלט אויסרופן אַ חרם אויפן ראש־הקהל מיט די פרנסים. האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטורעם, אַז מען האָט אין גאַס קיין לעבעדיקן מענטשן ניט געזען. חוץ דוד גאַנדז און יוסף פרעגער איז אין מנין קיינער ניט געקומען.

„. . . אויך ער (רבי אליעזר, וועמען די חכמים האָבן אַריינגעלייגט אין חרם), האָט צעריסן די קליידער, אויסגעטאָן די שיך און זיך געזעצט אין דער האַנט פון אַ פרוי איז זויער געוואָרן.

„און די וועלט איז געשלאָגן געוואָרן אויף אַ דריטל איילבירטן, אַ דריטל ווייץ און אַ דריטל גערשטן; און אַ יש אומרים, אַז אויך דאָס טייג אויף דער ערד, און פון זיינע אויגן האָבן געפלאָסן טרערן.

„אויף וואָס ר׳ אליעזר האָט געווענדט זיינע אויגן, איז אַלץ פאַרברענט געוואָרן, און אַז רבן גמליאל איז דעם טאָג געפאָרן אויפן ים, האָבן אים די כוואַליעס געוואָלט פאַרשלינגען.״ — — — — — — — — — — — — — —

איינגעשרומפן איז געוואָרן דאָס זאַפטיקע איילבירט־ביימל, איינגעדאַרט די בלעטער, און די פירות — נישטיק. די פעטקייט פון ווייץ איז אויסגערונען, און די זאַנגען זיינען אויסגעליידיקט.

אַ לעבעדיק טייטל־ביימל איז געוואָרן צו אַש און דער זאַפט פון די גלוסט־טרויבן איז אויסגעגאַנגען אין רויטע פלאַמען.

מאַמע־ערד האָט דערשפירט אַ וואַרעמע טרער.

אַ פייער האָט זיך געשפרייט. געשפרייט אַרום פעלדער, גערטנער, טייכן און אַרום ים. און דער ים האָט זיך צעשטורעמט און געזאָטן מיט ווייסן שוים, געזונקען שיפן אין אָפגרונט, ווייל —

ווייל געפאַלן איז אַ גליענדיקער בליק פון אַ פּאָר אויגן, פייכטע מיט טרערן.

פון דעם לערנען מיר, אַז אַלע טויערן זיינען פאַרשלאָסן, חוץ די טויערן פון טרערן. —

י״ב שבט, תקי״א (1751), אין דעם טאָג וואָס די ראשי־הקהל האָבן אין דער אַלטונער שול, ביי ברענענדיקע ליכט און שוואַרצע שופרות, אַריינגעלייגט ר׳ יעקבן אין חרם, האָט זיך דער ים צעבושעוועט, געזונקען עטלעכע שיפן און בשאַפריצט אַלץ מיט קאַלטן שוים. דער שטורעם, וואָס האָט זיך געטראָגן פון ים צו דער עלבע, האָט געוואָיעט, ווי זיבן מכשפות וואָלטן אויפגעהאַנגען געוואָרן. די ביימער ביים טייך האָבן זיך געקאַרטשעט און געקרעכצט אין ווינט.

ר׳ יעקב איז אַרונטער אין לײדיקן מנין, געטראָפן דאָרטן זיין בר־מצווה בחור, משולם־זלמן, לערנען די גמרא בבא־מציעא, נ״ט. ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט, ווי ער וואָלט עפּעס זועלן אויפקניפּן אין זיין געדאַנק. אַ טרער האָט אַ פּערל געטאָן אין זיינע אויגן.

— גיי אַרויף, וואַש זיך עסן, משולם. ניט דיין טאַטע איז ר׳ אליעזר און ניט די ריביתניקעס זיינען חכמים, וואָס האָבן דעם כח אַריינלייגן אין חרם.

— די מאַמע זאָגט, אַז דאָס טייג איז אויפגעלאָפן, זויער געוואָרן. צוליבן שטורעם קאָן זי ניט גיין נאָך ברויט.

ר׳ יעקב האָט זיך אָוועקגעזעצט. זיינע אויגן האָבן געברענט ווי אין פיבער־חלום.

סיי משולם־זלמן, סיי בתיה־צביה האָבן געוואוסט, אַז קיין זאַך וועט שוין איצט דעם פייער ניט אָפּהאַלטן, אַלץ וועט איצט ברענען ווי אַ וואַלד־שריפה, ווי די וועלט פון יענעם פאַרצייטיקן חכם, וואָס האָט געהאַלטן, אַז אין גרונט פון אַלץ ליגט פייער.

און ר׳ יעקב אַליין האָט זיין קונטרס, וואָס ער האָט געגערייט קעגן ר׳ יהונתן, אָנגעהויבן מיט דעם פּסוק: „ויבער ביעקב כאש להבה אכלה סביב.״ *)

ר׳ יעקב זיצט אין זיין חדר און בלעטערט אַ ספר. דאָס מאָל קען ער זיך אָבער ניט פאַרטיפן.

---

*) און עס האָט געברענט אין יעקבן אַ פלאַם־פייער און פאַרצערט אַרום...

געשריבן דעם ספר האָט דער, פון וועמענס לענדן ער קומט אַרויס. תמיד, ווען אים ווערט שווער אויפן האַרצן, טונקל אין מח, נעמט ער זיך צום טאַטנס ספר. ער זוכט אַרויסצוקריגן פון אים דעם פלאַם פון אמת, פון קלאָרקייט, ווי מען זוכט אַרויסבאַקומען פון שאַרפע שטיינער פייער פאַר אַ קנויט.

אויך איצט האָט ער אַ באַגער אָנצוצינדן זיין נשמה אין טאַטנס ליכט. ער פילט אָבער, אַז זיין נשמה איז צעשפּאַלטן אויף צווייען און ביידע חלקים פירן אַ וויכוח צווישן זיך:

— מען קאָן אויך פאַרן אמת מקריב זיין ס׳לעבן און דאָך זאָל זיין אין דעם אַ פּונק פון שקר. זיי זיך מודה, ווי שטאַרק עס זאָל דיר ניט ווי טאָן. דיך אַרט ניט אַזוי יענעמס שקר, נאָר דאָס וואָס יענע דאַרפן דיך ניט מיט דיין אמת.

— קאָן זיין, מיין אמת־זוכן איז אויך ניט לשם שמים, — ענטפערט זיך אַליין ר׳ יעקב אין וויכוח. — ווי לאַנג אָבער עס ווייסט קיינער ניט, דאַרף מען זיך אַליין ניט אונטערזאָגן קיין באַהאַלטענעם חסרון.

דער אַנדער חלק לאָזט אָבער ניט אָפּ:

— שווער איז איבערטראָגן אַ בזיון. מען האָט דיר אָבער גאָרניט צו־געזאָגט, ניט אָפּגענאַרט. זאָג, אין וואָס באַשטייט דיין ביטערער פאַרדרוס, וואָס ברענט אין דיר, וואָס צינדט דיך?

ר׳ יעקב בויגט זיך איין, ווי ער וואָלט עפּעס געוואָלט אַרויסציען פון דער טיפן, פון די אייגענע תהומען: — ניין, נישט אין כבוד גייט עס מיר. איך האָב געמיינט, אַז מיין אַנטלויפן פון שררה און רבנות איז אַ פרייער, ניט קיין געצוואונגענער. ס׳איז אַלץ געווענדט אין מיין אייגענער און פרייער בחירה. איך האָב אָבער דעם כסא־הרבנות פון עמדין פאַרלאָזן על־פּי בויט און דאָ האָב איך געמיינט אַז מען וועט די גדולה מיר דערלאַנגען מיט ביידע הענט. צום סוף האָב איך געוואָלט דעם כבוד און זיי — ניט.

ער האָט זיך נאָך מער איינגעבויגן, ווי ער וואָלט זיך פאַרשעמט פאַר דער אייגענער מחשבה.

ביים קעניג פון דענעמאַרק

פרידריך דער פינפטער, קעניג פון דענעמאַרק און געזאַלבטער פּרינץ פון שלעזוויג־האָלשטיין, האָט אַרומגעשפּאַצירט אין זיין קעניגלעכער ביוראָ מיט אַ באַזונדער געפיל פון קראַפט, פון מוט און פון יוגנטלעכקייט. אַ מאָדנע פרייד איז אויפגעגאַנגען אין אים, זינגענדיק געמאַכט זיינע אברים.

ער האָט זיך געגרייט אָפּצופאָרן קיין בראַנשווייג, וואו ער האָט זיך געדאַרפט טרעפן מיט זיין כלה, די אלמנה מאַריאַ יוליאַנאַ פאָן־בראַנשווייג, וועלכע האָט איינגעשטימט אָננעמען זיין האַנט, ווערן זיין פרוי.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף איר בילד, וואָס איז געהאַנגען איבער זיין שרייב־טיש, און געטראַכט, אַז זיין וועג צו דער שלאַנקער ברונעטין מיט די גלאַט־פּאַרקעמטע האָר און מאַנדל־אויגן איז געווען אַ לאַנגער. פּאָעטן, פּרינצן, פילאָסאָפן, זיי אַלע האָבן זיך געשדכנט צו איר, אָבער זי האָט באַשלאָסן אויסדערוויילן אים, דעם עלטערן און ניט גאָר שיינעם קעניג פון דער מעכטיקער דענעמאַרק. ער האָט געקוקט אויף איר בילד מיט איר חתימה: מאַריאַ יוליאַנאַ, און געטראַכט, אַז זי איז נאָך שיין.

די טיר האָט זיך פּאַמעלעך געעפנט און עס איז אַריינגעקומען אַ באַדינער, זיך טיף פאַרנויגט און געמאָלדן, אַז דער בירגערמייסטער פון אַלטונא וואַרט אויף זיין אויפנאַמע.

— שיק אים אַריין, — האָט פרידריך באַפוילן.

דער אַלטונער בירגערמייסטער, אַ דיקלעכער, פון מיטעלן עלטער און מיטעלן וואוקס, מיט בלאָנדע וואָנצעס און שוואַרצע אויגן, האָט געעפנט די מאַסיווע טיר, זיך טיף פאַרנויגט און איז געבליבן שטיין.

דער קעניג האָט זיך אַריינגעזעצט אין זיין ברייטער שטול און אַ קוק געטאָן אויף אים, און אין זיין בליק איז געווען אַן אַרויסרוף:

— רעד!

— מיין האַר, זיין קעניגלעכע גרויסקייט, ווייסט זיכער צוליב וואָס איך בין געקומען?

פרידריכן איז איצט אַ סך מער געלעגן אין קאָפּ מאַריאַ יוליאַנאַ ווי דער פּראָוויניציעלער בירגערמייסטער מיט זיינע לאָקאַלע קאָפּ־דרייעגישן. ער האָט אָבער אָנגעהויבן ווישן דעם שטערן, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אין עפּעס דערמאָנען, און נאָך איידער דער בירגערמייסטער האָט גענומען רעדן,

האָט ער זיך אויפגעהויבן, געעפנט ס'טיש־קעסטל און אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר, אויף שנעל אַ לייען געטאָן און זיך צערעדט:

— ביסט זיכער געקומען וועגן דער פריי־שטאָט. יאָ, איך האָב באַקומען אַ דאָקומענט פון די יידישע פירער פון די דריי געמיינדעס, אין וועלכן זיי טיילן מיר מיט וועגן דעם רעליגיעזן קריג אין זייערע רייען. האָסטו זיי געהייסן זיך ווענדן דירעקט צו מיר? וואָס גייט מיר אָן דער יידישער שטרייט? גלויבסט, אַז עס איז דאָ אַן אורזאַך פאַר מיין אַריינמישונג?

— יאָ, מיין גנעדיקער האַר, זיין מאַיעסטעט!

— וואָרום?

— מיין האַר, — האָט דער בירגערמייסטער געצויגן, — אין האַמבורג איז די אויפרעגונג זייער גרויס. די יידן פון דער פריי־שטאָט זיינען אונדזערע אונטערוואָרפענע ביגער. ווי אין אַ קאַמף־שפּיל, קענען דיביידע זיך־באַקעמפנדיקע לאַגערן אַריינטרייבן איינע די אַנדערע אין אַ לעבנס־געפערלעכן פּרעצעדענט.

„ער רעדט אַביסל צופיל", האָט פרידריך געטראַכט, און שאַרף געענטפערט:

— מיר האָבן זיך שוין אָבער לאַנג פּאַרפליכטעט ניט אַריינצומישן זיך אין זייערע אינערלעכע פּראָבלעמען. דעם גאַנצן אויפזיכט איבער רעליגיעזע פראַגן לאָז איבער צו די געמיינדע־פירער, זאָלן זיי אַנטשיידן.

— אָבער, זיין מאַיעסטעט, מיין האַר, — האָט דער בירגערמייסטער ניט אָפּגעלאָזט, — דער פּרעזידענט פון פריי־שטאָטישן פּאַרלאַמענט אַרטור פאַן־קוואַלען, דער שוויין און פיינט פון דענעמאַרק, האַלט מיט דעם קעמפער קעגן אָבער־ראַבינער, מיט דיזן דרוקער יאַקאָב אַשקענאַזי, וועלכער האָט אַ דערלויבעניש פון זיין מאַיעסטעט צו דרוקן געבעט־ביכער.

— אָבער ווי איך זע פון דעם דאָקומענט, באַשולדיקט דער דרוקער דעם אָבער־ראַבינער אויס אַלטונא אין גאָטסלעסטערונג צוליב אַ מאַגיש פּאַפּיר. וואָס גייט אונדז די זאַך אָן?

— מיין האַר, זיין מאַיעסטעט, דאָס פּאַפּיר און די באַשולדיקונג קאָנען פּאַראורזאַכן געוויס שאָדן דעם קעניגרייך.

— וואָרום?

— אויב דיזער אַשקענאַזי זאָל רעכט האָבן, וועלן אונדזערע פריי־

שטאָטישע בירגער פון יידישן גלויבן זיך אָפּטיילן פון אונדזערע געמיינדעס אַלטונאַ און וואַנדזבעק, און מיר וועלן אָנווערן זייערע צינזן.

דער קעניג האָט זיך גענודיעט פון דעם פּראָווינציעלן בירגערמייסטערס רייד און האָט געוואָלט וואָס גיכער פּטור ווערן פון אים. ער האָט ווידער גענומען דאָס פּאַפּיר אין האַנט און אָנגעהויבן לייענען. געענדיקט לייענען, האָט ער שוין געקוקט אויפן בירגערמייסטער מיט אַביסל מער פאַר־שטענדעניש. לודוויג יענסען האָט אין האַרצן אים באַשולדיקט, אַז ער האָט ס׳ערשטע מאָל שלעכט געלייענט.

— הער, לודוויג יענסען, איז דיזער יחיאלכי וואָלף אַ לאָיאַלער ביר־גער? — האָט דער קעניג אַ פרעג געטאָן.

— זייער לאָיאַל, זיין מאַיעסטעט!

דער קעניג האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— גוט, לודוויג. אַבוואָל עס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך דאַרף זיך אַריינמישן אין אַ ריין־רעליגיעזער זאַך, וועל איך באַשטימען אַ קאָ־מיסיע, וואָס זאָל די זאַך אונטערזוכן. מאָרגן פאַר איך אָפּ קיין בראַנשווייג, וועל קומענדיקע וואָכן זיין שטאַרק באַשעפטיקט. זע מען זאָל אַ קאָפּיע פון דעם מאַגישן פּאַפּיר צושטעלן צו פּראָפעסאָר קאַרל אַנטאָן פון העמל־שטאַט און פּראָפעסאָר יאָהאַן פון פראַנקפורט. זיי וועלן באַשטימען וועגן דעם. זאָלן זיי זיך מיט דעם אָפּגעבן.

לודוויג האָט זיך טיף פאַרנייגט און פאַרלאָזן דעם קעניגלעכן צימער.

ר׳ יהונתנס דרשה

ערב ראש־חודש אייר האָט ר׳ יהונתן געהייסן אויסרופן אַ תענית אין די דריי קהלות און האָט מודיע געווען, אַז ער וועט האַלטן אַ דרשה מנחה־צייט אין דער גרויסער אַלטונער שול.

פון נעכטן אָן זיינען די שמשים אַרומגעלאָפן איבער די דריי שטעט, אָנגעקלעפּט גרויסע צעטלען וואָס רופן קהל צו פאַסטן. אין אַלע מנינים — האָט דער ראש־הקהל באַפוילן — זאָל מען אויסרופן וועגן תענית און דער דרשה. די שמשים האָבן נאָך מעריב געקלאַפּט אין שולחן און אויסגערופן:

— יידן! בית־דין און דער ראש־הקהל האָבן געלאָזן אויסרופן, אַז מאָרגן איז אַ תענית־ציבור. אַזוי האַרב ווי תשעה־באב, נישט צום עסן, נישט צום טרינקען, נישט זיך אָנטאָן קיין וואוילטאָגן, נישט נוהג זיין קיין תשמיש־המיטה, נישט צו באָדן און זאַלבן זיך, נישט צו רעדן קיין פוסטע רייד, און אַלע, גרויס און קליין, מאַן און ווייב, זאָלן קומען צו מנחה אין דער אַלטער הייליקער שול, הערן די דרשה פון אב״ד וועגן די זינד פונעם דור.

פון אינדערפרי אָן זיינען יידן געגאַנגען אין שול. מען האָט געדאַוונט מנחה און געלייענט „ויחל״.*) און נאָך מנחה איז ר׳ יהונתן אַרויף אויף דער בימה מיט געלאַסענע טריט, מיט איין האַנט אָנגעשפּאַרט דעם שולחן, אַז מען האָט געזען ווי זיינע הענט ציטערן. ער האָט זיך אָנגעבויגן מיט אַ האַלבן קערפּער קעגן עולם, ווי ער וואָלט זיי געוואָלט עפּעס דערציילן אָדער אויפדעקן אַ סוד. דער עולם איז אַזוי שטיל געוואָרן, אַז מען האָט נאָר געהערט דאָס שלאָגן פון די הערצער אין דערוואַרטונג.

די שול איז געווען פול ווי ביי כל־נדרי און באַהערשט פון אַ נעילה־שטימונג. ער האָט לאַנג גערעדט. געוואָרנט פאַר פאַרשיידענע קליינע און גרויסע עבירות. באַזונדערס פאַר די עבירות פון רכילות און לשון־הרע, וואָס צוליב זיי איז, כידוע, חרוב געוואָרן דאָס בית־המקדש. ביסלכעווייז איז זיין דרשה איבערגעגאַנגען אין אַ פייערלעכער תוכחה...

מעשה־נביא האָט ער גערעדט וועגן די, וואָס צעברעכן די לוחות, וואָס זאָגן פאַלש עדות, אַז פון דעם ציטערט אויף דאָס כסא־הכבוד.

---

*) אַ פרשה, וואָס מ׳לייענט אין תענית־טאָג.

מיט אַ ציטער אין זיין קול האָט ר׳ יהונתן געוואָרנט, אַז אַפילו אין די הענט פון אַ שוואַכן ווערן די גישטיקסטע כלי־זיין אַ סכנה, און בפרט אין די הענט פון אַ בעל־מחלוקת, און די געפערלעכסטע געווער זיינען בלבולים און מוציא שם־רע.

אויסשפרייטנדיק זיינע הענט פאַר דער עדה, האָט ער מיט אַ סאַמעטן־קלינגענדיקן קול גערופן צו תשובה, אַז די שול איז פול געוואָרן מיט כליפעניש.

אַנטקעגן דער בימה, אין דער ווייבערשער שול, זיינען געזעסן אַ צענדליק ווייבער, אַנגעשראָקן, פאַראומערט, מיט אויפגעריסענע אויגן, און האָבן אויסגעזען ווי פויגלען אין אַ ריי אויף אַ שטעקל אין אַ שטייג.

ווען די קרעכצענישן און כליפענישן האָבן זיך געמערט, איז ר׳ יהונתן אַראָפּ פון דער בימה, איז צוגעגאַנגען צום באַגילדטן אָרון־קודש, אים פאַמעלעך געעפנט און אַריינגעשטופּט זיין קאָפּ אין טונקעלן חלל. דער עולם האָט זיך אויפגעהויבן, שטייענדיק געוואַרט, געווען זיכער אַז באַלד וועט עפּעס געשען...

ר׳ יהונתן האָט אַרויסגענומען אַ ספר־תורה אַנגעטאָן אין אַ רויט אַטלעסן מענטעלע און אויסגערופן מיט אַן ערנסט קול:

— הייליקע עדה! איך שווער ביי דער ספר־תורה, אַז איך בין ריין פון יעדער זינד, וואָס מען וואַרפט מיר פאָר. איך לייג אַריין אין חרם יעדן יידן וואָס איז נוטה נאָך דער פאַלשער כיתה און גייט נאָך דעם צעבראָכענעם הירש. אויב איך האָב אמונה אין שבתי־צבי, זאָל גלייך אַראָפּנידערן אַ פייער פון הימל און מיך פאַרצערן. איך בין אָבער אויך מחרים יעדן איינעם, וואָס איז פוגע מיין כבוד, וואָס איז אויך דער כבוד פון דער תורה.

אַ טומל האָט זיך אויפגעהויבן אין שול. עס האָבן זיך געהערט קולות:

— מען דאַרף אונטערצינדן דאָס הויז פון דעם אשכנזי.

— יידן! זייט מקנא קנאת ה׳ צבאות. נעמט זיך אָן פאַרן כבוד פון ר׳ יהונתן, דאָס ליכט פון דעם גלות.

דער שמש האָט געקלאַפּט אויף דער בימה און ווען דער עולם האָט זיך אַביסל איינגעשטילט האָט ר׳ יהונתן אַריינגעשטעלט די ספר־תורה און זיך אַוועקגעזעצט.

מען האָט זיך געשטעלט נאָכאַמאָל דאַווענען מנחה. דער עולם האָט זיך געלאָזן פון די דריי שווערע טירן פון שול. עס איז געווען פאַרנאַכט. ווי אַ גרויער שטויב האָט אויסגעזען דער הימל איבער אַלטונא.

שפיכות דמים

א לויטערער קילער פרילינג פאַרנאַכט. אין בית־דין־שטוב זיצן די פרנסים, דער ראש־הקהל און ר׳ יהונתן אײבשיץ, דער רב פון די דריי קהלות. ביי דער טיר שטייט דער אויבער־שמש יוזל האַלבערשטאַט, א ייד מיט אַ רויטער באָרד און אַ נאָז ווי אַ קאַרטאָפּלע. אַ פולע לבנה שיינט אַריין דורך די פענצטער און פאַרזילבערט דעם טיש, דעם גאַנצן אַרום.

יחיאלכי וואָלף גיט זיך אַ שאָקל און הייבט אָן:

— כבוד הרב וכבוד הפרנסים! די סיבה פאַרוואָס מיר האָבן דאָס מאָל צונויפגערופן די פרנסים, ניט אין קהל־זאַל, נאָר ביים טיש פון מורנו ורבנו ר׳ יהונתן, איז ווייל מיר ווילן הערן פון מורנו ורבנו, וואָס אַלע ברידער פון גאַנץ אשכנז און פוילן טרינקען מיט דורשט זיינע ליכטיקע רייד, פול מיט תורה און חכמה. — ער פאַרענדיקט ניט און ווענדט זיך צום רב: — זאָל אונדז, על כן, מורנו ורבנו זאָגן דאָס ערשטע וואָרט, וועגן דעם שטן וואָס צינדט אָן קריג.

ר׳ יהונתן האָט אַרויסגענומען פון זיין ברייטן אַרבל אַ בריוו און געזאָגט מיט אַ רואיק קול:

— חשובע ראשי־ציבור! איך וועל אייך פאָרלייענען אַ בריוו, וואָס איך האָב דערהאַלטן פון דעם גרויסן גאון ר׳ יחזקאל פון ק״ק יאַמפּאָלע. ער שרייבט וועגן דעם ענין בזה הלשון: „הערנדיק די אַלע זאַכן, האָט מיך אַרומגענומען אַ ציטער, ווי אַ געוויינערין פאַרן געבורט, און כאָטש די זאַך רופט אַרויס געלעכטער, ווען מיר קוקן זיך צו און זעען ווי דער פוקס יאָגט זיך נאָכן לייב, דעם מלך ישראל — ווער זיינען מלכים? רבנים, — איז עס אָבער דאָך ווייַ און ווינד, וואָס עס געפינען זיך נאָך מענטשן, וועמענס כח ליגט בלויז אין דער פּען, און זייער פּען איז אַ פייל וואָס שיסט אויף מיילן.״ — — —

יחיאלכי וואָלף האָט זיך אויפגעשטעלט און גערעדט מיט אַ גראָבלעכער דערצאָרנטער שטים:

— צו וואָס דאַרפן מיר עדות פון דער פרעמד? צי זעען דען נישט אונדזערע אויגן, ווי דער דאָזיקער שטעכנדיקער דאָרן טוט פאַרלענדן דעם בליענדיקן ווייַנשטאָק?

— אמת, אמת! דער אשכנזי וויל אונדזערע קהלות צעברעכן, — האָט דער דיקער און נידעריקער פּרנס יעקב ראָטשילד אויסגערופן.

— איך פרעג: וואָס וועט זיין, מורנו ורבנו? וואָס וועט זיין, פּרנסים און מנהיגים? איך מיין, אַז די וועלט איז ניט הפקר, — האָט יחיאלכי וואָלף געקוקט אויף ר׳ יהונתן.

אין שטוב איז געוואָרן פינצטערלעך. ר׳ יהונתן האָט זיך אויפגעהויבן און שטיל אַ זאָג געטאָן: — ראשי־ציבור, מעריב!

עטלעכע פּרנסים זיינען אויפגעשטאַנען, זיך געלאָזן אין צווייטן חדר, וואו עס האָבן זיך שוין באַוויזן פלעמלעך פון אָנגעצונדענע ליכט. אַ רויטע לבנה, ווי אַ צעגליטע מטבע, האָט אַריינגעקוקט אין חדר און יחיאלכי האָט געקלאַפּט אויפן טיש:

— רבותי! מיר זעצן פאָר די אסיפה. דער ענין איז זייער וויכטיק.

דער האַמבורגער פּרנס משה אהרן, וואָס האָט די גאַנצע צייט געקוקט צום פענצטער, האָט אויסגעשריען:

— יחיאלכי וואָלף, און טאָמער איז ר׳ יעקב אשכנזי פאַרט גערעכט? די קמיעה איז פול מיט מינות.

— חצוף! — האָט זיך וואָלף אַ צינד־אָן געטאָן. — יחיאלכי זאָגסטו, ראש־הקהל קאָנסטו ניט זאָגן?

— ראש־הקהל? צו וואָס? דאָ זיינען אַלע פּרנסים גלייך. ווי עס שטייט געשריבן אין דער גמרא: אויף וועמען וויינט דער קדוש ברוך־הוא? — אויף אַ פּרנס, וואָס גרייסט זיך איבערן ציבור, — האָט משה אהרן געענטפערט און אַריינגעשמייכלט אין דער באָרד.

— שווייג, עזות־פּנים, דעה־זאָגער! ווילסט אפשר אויך ווערן ראש־הקהל? דו האָסט זיך אָנגעשטעקט פון דיין האַמבורגער שותף מרדכי העק־שער. דו מיינסט אַז מיר ווייסן ניט, אַז דו ביזט אַ יוצא ונכנס *) ביים אשכנזי? אַז בכלל צאָלסטו איינגאַנצן ניט קיין שטייער. וואַרט, איך וועל זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען! — האָט וואָלף פאַרענדיקט, דראָענדיק אויף אים מיט אַ פינגער.

— וואָס, אַשטייגער, וועסטו מיר טאָן? — האָט זיך משה אהרן גע־רייצט. — וועסט ביי מיר נעמען ריבית אויף ריבית, משכנות? סיי־ווי, ריבית איז כולו גזילה.

---

*) אַריינגייער און אַרויסגייער.

— וואָס רעדט דער מענטש ? וועמען גזלט מען דאָ ? — האָט וואָלף געשריען.

— וואָס הייסט וועמען ? דעם, ביי וועמען ער נעמט וואָס איז פאַרבאָטן. — האָט זיך משה אהרן געווענדט צו אַן אַנדערן. — „אל תקח מאתו נשך ותרבית".*)

— נו, און וואָס איז מכח אַ היתר־עיסקא ? — האָט אים יוזפאַ האַלענ־דער איבערגעריסן. — וואו איז דאָס, וואָס רבנים האָבן דערלויבט „לתקנת הרבים" — צום וואויל פון רוב מענטשן, וואָס קאָנען זיך אָן הלוואות ניט באַגיין און וואָס מ'טוט זיי גאָר אַ טובה ווען מ'לייט זיי ?...

— אַ טובה ? פאַר אַזאַ פּראָצענט, פון וועלכן מ'קאָן זיך קיינמאָל ניט אַרויספּלאָנטערן, אַפילו ווען מ'זאָל די דלותדיקע הויט פון זיך אַראָפּציען... אָדער פאַר אַזעלכע משכנות, וואָס מ'קאָן זיך אָן זיי ניט באַגיין און וועגן וועלכע מ'איז בפירוש עובר אויפן „השיב תשיב לו", — האָט משה אהרן גערעדט מיט אַ ניגון, ווי ער וואָלט געלערנט אַ משנה. — און ביי דיר אַליין, יוזפאַ, אין קראָם ליגן קישנס און קאָלדרעס פון אָרעמע לייט, און אָרעמע תלמידי־חכמים שלאָפן איבער דיר אויף די דילן...

משה קובעס ,וואָס איז געזעסן און זיך געבלאָזן, האָט זיך אויפגעשטעלט, אַ שאָר געטאָן מיט דער האַנט און זיך אַנגערופן :

— איז וואָס וויל ער ? איז ער קליגער פון ר' יחזקאל קאַצענעלנבויגן ז"ל ? מער למדן ווי דער אב"ד ?

— וועלכע רבנים ? — האָט געענטפערט משה אהרן. — ניט דער חכם־צבי, ניט ר' יהושע פאַלק.

— פושע ישראל, בליי דיר אין דיין מויל ! אַ חוצפה, ביים אב"ד אין שטוב ! — האָבן זיך געהערט קולות פון עטלעכע זייטן.

יחיאלכי וואָלף האָט געמאַכט מיט די הענט, געוואָלט איינשטילן דעם עולם :

— איך בין גוזר על דעת הקהל, מיט אייער הסכמה, פרנסים, אַז משה אהרן פון האַמבורג זאָל מער קיין פרנס ניט זיין.

משה אהרן האָט זיך אויפגעהויבן, זיך געלאָזט צו דער טיר, און פאַרן אַרויסגיין אויסגעשריגן :

— ביסט גערעכט, יחיאלכי ! משה אהרן, אַ האַמבורגער סוחר, טאָר

---

*) זאָלסט ניט נעמען קיין פּראָצענט.

ניט זיצן מיט אַ ריביתניק, וואָס גזלט ס׳קרן מיטן ריבית. זאָל האַמבורג אײַנגאַנצן קיין פּרנסה ניט האָבן; איך וועל שוין זען, אַז די פֿריי־שטאָט זאָל זיך אָפּטיילן פֿון אייך, מירן מער קיין פּרוטה ניט צאָלן.

אין צווייטן חדר האָט מען דערוויל אָפּגעדאַוונט. ר׳ יהונתן איז אַרײַנ־געקומען. די זיצנדיקע האָבן זיך געהויבן פֿון די שטולן. נאָך אַ ווײַלע שווײַגעניש האָט יחיאלכי וואָלף אָנגעהויבן רעדן:

— די גאַנצקייט פֿון די דריי קהלות איז אין סכנה... משה אהרן און מרדכי העקשער ווילן ניט אַנדערש, אַז אַלטונא זאָל מער קיין דעה ניט האָבן איבער האַמבורג. אַ זאַך וואָס אונדזערע עלטערן האָבן ניט געוואוסט. דער בייזער עקדיש, דער אשכנזי, פֿאַרסמט די גאַנצע וועלט... אומעטום שיקט ער בריוו און קונטרסים... שמש, וואו זײַנען די בריוו?

יואל האַלבערשטאַט איז צוגעקומען מיט אַ פּעקל בריוו און אַוועק־געלייגט זיי אויפֿן טיש.

— אָט האָט איר די בריוו פֿון מעץ... פֿון אַמסטערדאַם... דאָס איז פֿון לובלין און אָט איז אַ בריוו פֿון סאַלאָניקי, און מיר שווײַגן! וואָס פֿאַר אַ פּרנסים זײַנען מיר?

— רבותי, מיר מוזן באַכאַמאָל לייגן דעם אשכנזי אין חרם, דאָס מאָל אים מיט זײַנע מקורבים, — האָט זיך משה קובעס אויפֿגעשטעלט.

— וואָס וועט העלפֿן אונדזער חרם? מען האָט אים שוין געלייגט אין חרם אַרײַן און ס׳האָט גאָרניט געהאָלפֿן, אדרבא, דאָס האָט אים נאָך צו־געגעבן פּרסום! — האָט יחיאלכי וואָלף גערעדט מיט שכל.

— אויב אַזוי, דינא דמלכותא דינא, מען דאַרף דעם ענין איבערגעבן צו מלכות ירום הודה, — האָט יוזפּאַ האָלענדער גערעדט און זיך בעת־מעשה געשפּילט מיט דער קייט פֿון זײַן גאָלדענעם זייגער.

— דברים בטלים, יוזפּאַ! — האָט יחיאלכי געשמייכלט צו אים, האַלב אין צאָרן, האַלב אין גוט־מוט. — זאָל זיך דיר דאַכטן, אַז איך האָב שוין גערעדט מיט אונדזער בירגערמייסטער. געשיקט אַ בריוו צום מלך. וואָס קאָן מען אָבער טאָן, אַז די מעקלערס און יורדים מרדכי העקשער, יוסף פּרעגער, שלאָגן אָפּ די טירן פֿון האַמבורגער סענאַט. . . .

— וואָס־זשע טוט מען? וואו נעמט מען אַן עצה? — האָבן זיך דער־הערט שטימען פֿון עולם, פֿון די שמשים.

— שאַט, איך האָב אַן עצה, — האָט זיך יעקב ראָטשילד אָנגערופֿן. —

„הכסף יענה את הכל", מיר מוזן זיין גרייט אַ טייל פון די שטייערן צוריק־געבן דעם פריי־שטאַטישן סענאַט. מיט דעם וועלן מיר אָפּקערן דאָס האַרץ פון דער פריי־שטאַט לטובתנו.

יחיאלכי האָט אים אַוועקגעשאַרט מיט דער האַנט:

— לאָמיר זיין געוואָרנט. עס איז מרידה אין מלך. מער פעלט אונדז ניט, נאָר דער בירגערמייסטער פון אַלטונא זאָל זיך דערוויסן!

— על כן, הייסט עס, איז ניטאָ קיין שום עצה? איז וואָס פאַר אַ פּרנסים זיינען מיר? — האָט יעקב ראָטשילד אויסגעזונגען מיט אַ ניגון, ווי אַ קשיא פון דער גמרא.

— איך האָב יאָ אַן עצה, — האָט וואָלף געענטפערט מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ.

— אדרבה, ראש־הקהל, זאָגט, אדרבה, לאָמיר הערן, — האָבן זיך דער־הערט שטימען.

— מיר דערקלערן, אַז דער אשכנזי איז חייב מיתה . . .

ר' יהונתן האָט אויפגעציטערט. זיך אויפגעהויבן און געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול:

— ראש־הקהל, ר' יחיאלכי, וואָס רעדט איר? שפיכות דמים!

— הצלה פון די דריי קהלות, מורנו ורבנו!

— חס ושלום! לא תרצח — אַן איסור מדאורייתא! — האָט ר' יהונתן געזאָגט פעסט.

— אַ מהרחר ריב, שטעלט ציבור אין סכנה! ניט אין אים אַליין גייט עס. מען מוז די דערנער אויסרייסן פון יידישן וויינגאָרטן. צי האָט דען סנהדרין נישט געהאַט קיין רשות דן זיין דיני נפשות? האָבן די פּרנסים פון די דריי קהלות ניט דעם כח אין זייער דור, ווי די סנהדרין אַמאָל? — האָט יחיאלכי אַנגעשטעלט אַ פּאָר גרויסע אויגן אויף ר' יהונתן.

— זאָל קומען דער בעל־כרם און אַליין פאַרלענדן די דערנער, — האָט ר' יהונתן גערעדט מיט אַן אויפגערעגט קול. — עס טאָר ניט דערמאָנט ווערן פון שפיכת־דמים.

אין חדר איז געוואָרן שטיל. ר' יהונתן האָט געקוקט אַ פאַרלוירענער צו די פענצטער. אַ לבנה, ווי אַ פאַרבלוטיקט פּנים, האָט אַריינגעקוקט דורך אַ שויב.

ער איז צוגעגאַנגען צום ברעג טיש און אַ זאָג געטאָן:

— לאָמיר אָפּלייגן די אסיפה. אין אויפרעגונג טאָר מען ניט משפּטן. מען דאַרף זוכן גערעכטיקייט, טאָן חסד, אַפילו צו אַ שונא.

דער עולם האָט זיך געהייבן, געלאָזן צו דער טיר.

— איך נעם די אחריות אויף מיר, פּרנסים, איך וועל ניט לאָזן העק־שערן חרוב־מאַכן די קהלות, — האָט יחיאלכי נאָכגעשריגן די אַוועק־גייענדיקע. אָבער קיינער האָט אים שוין ניט געהערט.

ר׳ יעקב אשכנזי אַנטלויפט פון האַמבורג

ויברח יעקב — און יעקב איז אַנטלאָפן, שדה ארם — אין פעלד פון ארם. ויעבד ישראל באשה — און ישראל האָט געדינט פאַר אַ ווייב. ובאשה שמר — און אום אַ ווייב האָט ער געהיט. הכעיס אפרים תמרורים — ביטער דערצאָרנט האָט אפרים. ודמיו עליו יטש — דערפאַר וועט ער אויסלאָזן זיין בלוט אויף אים. וחרפתו ישיב לו — און זיין לעסטערונג וועט אים אומגעקערט ווערן.

שפעט אין אָוונט האָט מען פלוצלונג אָנגעקלאַפּט אין דער וואוינונג ביי ר׳ יעקב אשכנזי. מען האָט געעפנט די טיר און ס׳האָט אַ ווייז געטאָן מיט קילער אָנהויב־פרילינג נאַכט, און אין טיר זיינען שטיין געבליבן מרדכי העקשער און דער חזן משה קאָסוויץ.

— וואָס איז פּלוצים? — האָט ר׳ יעקב געפרעגט.

דער חזן האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן שוואַרצן בערדל:

— ס׳איז שלעכט, רבי! אייבשיצערס רשעים ווילן אונדז ממיתן.

— ניטאָ וואָס צו פאַרלירן, ר׳ מרדכי, — האָט ר׳ יעקב גערעדט מיט אַ טרערנדיק קול. — קיין חזקת־קהל האָב איך שוין ניט. די דרוק האָט מען מיר צעבראָכן. ס׳מנין — צעטריבן... — ער האָט טרויעריק געשאָקלט מיטן קאָפּ. — וואָס ס׳האָט געטראָפן מיטן טאַטן, וועט מוזן טרעפן מיטן זון... דער טאַטע ז״ל איז אַנטלאָפן פון אַמסטערדאַם אין מיטן נאַכט. דאָס זעלבע, האָב איך מורא, וועט געשען מיטן זון אין האַמבורג... סיי־ווי — וואָס איז דאָ צו רעדן? גאָרניט וועט העלפן. וואָס ס׳איז נגזר געוואָרן — מוז געשען. דער כח פון דער טומאה איז נאָך גרויס. יעקב וועט אָבער ניט רוען ביז דאָס שלעכטס וועט אָפּגערוימט ווערן! — האָט ר׳ יעקב פאַרענדיקט מיט אַ געבייזער.

דריי טעג נאָכאַנאַנד איז ר׳ יעקב געלעגן קראַנק. זיין אַלטע בלוט־קראַנקהייט איז אים אין די לעצטע אויפגערעגטע טעג געפאַלן שווער און ער האָט זיך דערפילט אַ זקן, אָן כחות. פרייטיק־צו־נאַכטס האָט ער גאָר ניט געקענט טועם זיין. זייער אומרואיק געשלאָפן. אַלע ווײַלע געבעטן אַ טרונק. אינדערפרי האָט ער געדאַוונט שחרית ליגנדיקערהייט.

אין הויז איז קיינער ניט געווען, חוץ דעם אַלטונער חזן משה קאָסוויץ און בתיה־צביה מיט אַ קליין טעכטערל. דער עלטסטער זון מאיר איז שוין לאַנג געווען אַ רב אין אַלט־קאָנסטאַנטין אין מדינת פּאָדאָליע, און דער יינגערער זון משולם־זלמן איז צוגעפאָרן קיין בערלין צו זיין שוועסטער־קינד ר׳ הירשעלען נאָך אַ הלוואה. אסתרל, די עלטסטע שוועסטער, איז מיט אים מיטגעפאָרן. די יונגע בלייכע בתיה־צביה האָט אים באַדינט.

בין־השמשות איז ר׳ יעקבן גרינגער געוואָרן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ הינערפּלעט, געבעטן וואַסער אויף אָפּצוגיסן די הענט, אָפּגעדאַוונט מעריב זיצנדיקערהייט און נאָכדעם געמאַכט הבדלה איבער טערקישער קאַווע, האַלב אויסגעטרונקען, אויסגעלאָשן דאָס הבדלה־ליכט און זיך פאַר־טראַכט. נאָכדעם ווידער איינגעדרימלט.

אינמיטן נאַכט האָט זיך משה קאָסוויץ אויפגעזעצט אויף זיין געלעגער. נאָך אין שלאָף האָט ער דערהערט ווי ר׳ יעקב רופט עמעצן. אין גאַס האָבן זיך געהערט שפּעט־נאַכטיקע טריט.

ער איז אַ ווײַלע געזעסן און ווידער דערהערט אַ שרעקנדיק קול אין ר׳ יעקבס חדר. משה האָט אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ בגד און איז אַריין אין חדר. געטראָפן דאָרט בתיה־צביהן.

ר׳ יעקב האָט אויסגעשטעלט אויףביידן זיינע גרויסע ברוינע אויגן:

— זיי זיינען שוין דאָ געווען, די רשעים?

— וואָס האָט זיך דיר דאָ געחלומט? — האָט זיך בתיה־צביה גע־וואונדערט. — קיינער איז דאָ ניט געווען.

— שלאָג מיר בישט איבער! — האָט זי ר׳ יעקב אָפּגעשטעלט מיט אַ מאַך פון אַ ציטערדיקער האַנט. — בתיה־צביה, ביסט געראָטן אין דיין עלטער־באָבען, אין מיין טאַטנס מאַמען נחמהלע: זי האָט אַזויפיל געגלויבט, אַז קיין שלעכטס קאָן צו איר ר׳ יעקבן ניט געשען . . . אַפילו ווען דער חלף איז שוין געלעגן אויף זיין האַלדז. . . . אויך דו האָסט אין מיר געגלויבט, נישט געשראָקן זיך פאַר בייזע צינגער, וואָס האָבן אויף מיר אויסגערעדט. האָסט אַפילו צוליב מיר אַ שטרייט געפירט מיט מיין ברודער, דיין טאַטן, ניט דערלאָזן אַז ס׳זאָל קומען צו אַ גט. . . .

„פון דיינע יסורים, בתיה־צביה, האָב איך אַ סך געלערנט. זיי זיינען געווען אַ באַשייד פאַר די רעטעניש פון מיין גורל.

„געווען אַ צייט, ווען איך האָב געגלויבט, אַז נאָר אַ פרוי, נאָך וועלכער מען בענקט, אַזאַ קאָן דערהויבן צו די הימלען. אָבער יענע צייטן זיינען

שוין לאַנג אַוועק. בענקענישן, וואָס קאָנען ניט פאַרווירקלעכט ווערן, זיינען בלויז אַ מחלה אין האַרץ. . . .

„נאָכדעם האָב איך געהאַלטן, אַז אַן אישה איז לכתחילה געשאַפן געוואָרן כדי צו ברענגען דעם מענטשן צו אַ נסיון. אָבער אויך יענע צייט איז פאַרביי. איצט גלויב איך, אַז אַ פרוי איז געגעבן געוואָרן כדי צו היטן דעם מענטשן, ער זאָל ניט שטייגן אין זיבעטן הימל און ניט נידערן אין שאול־תחתית. די פרוי דאַרף דעם מענטשן צובינדן צו דער ערד. גענוג שלעכטס און גענוג גוטס זיינען דאָ אויף דער ערד און מען דאַרף ניט זוכן קיין שלעכטס נידעריקער אָדער העכער פון דער ערד... בלייב געזונט!“

— יעקב, וואָס רעדסטו עפּעס אַזוי? מען קאָן דאָך מיינען, אַז דו געזעגנסט זיך מיט מיר, אַז דו פאָרסט אויף אַ ווייטער רייזע. וואָס האָט זיך דיר געחלומט? זאָג שוין אויס.

— מיר האָט זיך געחלומט די הפטורה פון פרשה וישלח. איך מוז אַנטלויפן פון אייבשיצערן, פון וואָלפן, פון אַלע עשוס. איך האָב געזען מיין טאַטן אין חלום.

— דיין טאַטן, מיין זיידן! — האָבן בתיה־צביהס פאַרטרערטע אויגן אויפגעלויכטן. — דאָס איז אַ גוטער סימן!

— ניין, — האָט ר׳ יעקב גערעדט מיטן פּנים צו דער ערד, — מיין טאַטנס פּנים איז געווען ניט קלאָר. ער איז געלאָפן פון אַמסטערדאַם. ער איז געווען אַנגעטאָן אין אַ טלית און האָט געשריגן אויף מיר: „וואָס וואַרטסטו נאָך, יעקב?“ איך האָב זיך ביי אים גענומען בעטן: „טאַטע“, האָב איך געזאָגט, „לאָמיך זיין די כפרה פון דיין געלעגער, ווי קאָן איך איבערלאָזן מיין ווייב, די יינגסטע נחמהלע,ביידע אייניקלעך דיינע?“ און ער האָט זיך ווידער געבייזערט: „אויב דו קאָנסט שפּאַלטן די הייליקע קהלות פון אשכנז און פּוילן צוליבן אמת, דאַרפסטו אויך גרייט זיין אויף גלות...“ איך האָב זיך פאַרשעמט און גענומען לויפן, און דעם טאַטנס קול האָט מיר נאָכגעשריגן: „לויף, יעקבל, קיין אַמסטערדאַם צו דיין עלטערער שוועסטער מרימל...“

אַ פאַרצאָגטע האָט זיך בתיה־צביה צוגעשאַרט צו זיין בעט:

— און דערפאַר ביסטו גרייט צו אַנטלויפן?

ר׳ יעקב האָט גאָרניט געענטפערט. אַ היפּשע ווײַלע איז ער געזעסן אַן אומעטיקער און געשוויגן. ביסלעכווייז איז ער צוריק איינגעשלאָפן. ער האָט געפיבערט און געמורמלט: „וואָס האָט געטראָפן מיטן טאַטן, טרעפט

מיטן זון . . . און יעקב איז אַנטלאָפֿן . . . אויפֿן פֿעלד . . . אום אַ ווייב האָט ער געהיט . . . ביטער דערצאָרנט . . . דעריבער וועט ער אויסלאָזן . . . בלוט . . .״

זונטיק. האַלבע נאַכט. טונקעלע וואָלקנס, ווי גרויסע שווימענדיקע אייז־קריעס, האָבן זיך געצויגן איבערן הימל, געקראָכן איינס אויף ס׳אַנדערע און אָנגעזאָגט אַ שלאָקסרעגן. באַלד האָט אַ קאַלטער פֿרילינג־רעגן אָנגעהויבן נידערן. ר׳ יעקב מיטן זון משה קאָסוויץ האָבן זיך אויף גיך אָפּגעזעגנט מיט די בני־בית, אַריינגעזעצט אין אַ קאָטש און אַנטלאָפֿן צו דער האָלענדישער גרענעץ, מורא געהאַט אָפּצופֿאָרן מיט דער שיף.

דער קאָטש האָט זיך געיאָגט איבער די גאַסן פֿון האַמבורג, פֿון גליקשטאָט, ווי אַ ווינט. איבערן דאַך פֿון קאָטש האָט דער רעגן געקלאַפּט און דיביימער אויף ביידע זייטן וועג האָבן מאָדנע גערוישט, אַריינגעוואָרפֿן די אַנטלויפֿנדיקע אין אַ פּחד.

אין דער פֿאָרשטאָט פֿון דער גרענעץ־שטאָט אָטענזען האָט יחיאלכי וואָלפֿס אַ שליח אָנגעיאָגט דעם קאָטש. ר׳ יעקב האָט באַוויזן אַראָפּצושפּרינגען פֿון וואָגן און זיך לאָזן אין אַ דערבייאיקן וועלדל. משה קאָסוויצן האָט מען אַ צעשלאָגענעם געבראַכט צוריק קיין אַלטונאַ.

ר׳ יעקב האָט איבערגענעכטיקט אין שיטערן וועלדל. ס׳איז געווען חושך און קאַלט. פֿון אַ בוים, וואָס אַן אים האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט, האָט אויף אים אַראָפּגעטריפֿט. די קאַלטע טראָפּנס זיינען אים אַראָפּגעלאָפֿן איבערן שטערן, אין קאַלנער אַריין, געגרונען פֿון זיין בלאָנד־גרויער באָרד, אַז ער איז אינגאַנצן אויסגעווייקט געוואָרן. ער האָט אַ גאַנצע נאַכט געמורמלט פּסוקים פֿון תהלים און תּפֿילות.

מיטן באַגינען איז ער אַן אויסגעווייקטער, אַ האַלב־דערפֿרוירענער אַרויס פֿון וועלדל און זיך דערשלעפּט ביז דעם שטעטל איימערספֿאָרט. ער האָט זיך דערפֿרעגט אויף אַ יידן, וואָס האָט אים צוגעפֿירט צו דער האָלענדישער שטאָט נאָרדען. דאָרטן איז ער דריי טעג געלעגן קראַנק אין הויז פֿון מרדכי העקשערס אַ שוואָגער, יחיאל הײַלבוט. ווען ער איז אַביסל געקומען צו זיך, איז ער מיט אַ שיף אָפּגעפֿאָרן פֿון נאָרדען קיין אַמסטערדאַם.

אין אַמסטערדאַם

עטלעכע וואָכן איז ר׳ יעקב געזעסן אין די אויפגעראַמטע צימערן פון זיין שוואָגער ר׳ אריה לייב, דער אב״ד פון די אשכנזים אין אַמסטערדאַם און מחבר פון ספר „בנין אריאל״, און געשריבן זיין ספר „תורת הקנאות״, אין וועלכן ער האָט דערציילט וועגן זיין קריג מיט ר׳ יהונתן, זיין פאָטערס קריג מיט שלמה אילון, מיט נחמיה חיון און מיט אַלע שבתי־צבי אָנהענגער. זיין עלטערע שוועסטער מרים האָט אים צוגעזען, געגרייט מאכלים, וואָס ער האָט ליב געהאַט.

פון אינדערפרי אָן פלעגט ער זיצן אין זיין חדר, אין דער גרויסער הויז, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ בערגל ניט צו־וויט פונעם ראַנד, וואָס קוקט אַריבער די שטאָט און פונוואַנען מען זעט דעם ים.

ער פלעגט שרייבן און זופן נאָכאַנאַנד די הייסע גלעזער טיי, זיין באַליבט געטראַנק, וואָס זיין שוועסטער פלעגט אים יעדע האַלבע שעה אַריינברענגען. פאַרנאַכט פלעגט ער צוגיין צום פענצטער און קוקן אויף דער שטאָט. זכרונות פון זיינע קינדער־יאָרן פלעגן אים פאַרפלייצן.

פונקט ווי מיט פערציק יאָר צוריק, האָט מען אויך איצט געקענט הערן דאָס לוסטיקע רוישן פונעם שמאָלן טייך דאָרט אונטן, אינעם טייך־טאָל, אויף יענער זייט פון דער אַנטקעגנאיבערדיקער ריי פון אַלט־באַקאַנטע הייזער און מויערן; פונקט ווי מיט פערציק יאָר צוריק, האָבן זיך ווייסע מעוועס געטראָגן איבערן ים; פונקט ווי מיט פערציק יאָר צוריק, האָבן אויך איצט די פיר אַלטע ווינט־מילן געפאָכעט מיט די פליגלען און פונקט ווי מיט פערציק יאָר צוריק האָט אויך איצט איבער דער אַלטער שטאָט אַמסטערדאַם, די שטאָט פון חרמים און מחלוקתן, פון אוריאל אַקאָסטאַ און ר׳ יצחק אבוהב, פון מנשה בן ישראל און ברוך שפינאָזאַ, פון ר׳ משה חיים לוצאַטו און דעם חכם־צבי, — אַרומגעשוועבט די קנאַישער גייסט פון דער אשכנזישער משפחה, וואָס האָט אויפסניי אויפגעוואַכט.

בריוו זיינען אים יעדן טאָג אָנגעקומען פון בתיה־צביהן, פון מרדכי העקשערן און פון יוסף פרעגער. יעדער בריוו האָט אין אים מיט נאָך מער שטאַרקייט אויפגעוועקט דעם חשק צו שיקן קונטרסים און בריוו קעגן אייבשיצערן.

ווי אַ ווינט וואָס טרייבט פלאַמען פון וואַלד צו וואַלד, אַזוי האָט זיך

דאָס מחלוקת געטראָגן פון איין שטאָט אין דער אַנדערער, געברענט, געצונדן.

אַלע יאָרן האָט ר׳ יעקב אויסגעקוקט דעם טאָג, ווען זיינע ספרים וועלן געלייענט ווערן איבער דער וועלט. איצט האָט ער זיך געקענט לאָזן הערן איבער גאַנץ פּוילן, אויפרודערן אַלע קהלות.

ווען ער האָט געשריבן זיינע קונטרסים, האָט ער אין דמיון געזען ווי מ׳שטייט אין לובלין בעתן צוזאַמענפאָר פון ועד ד׳ ארצות און מען קוויקט זיך מיט זיינע מליצהדיקע רייד. פון פּאָדאָליע ביז עלזאַס, פון מאַנטואַ ביז אַמסטערדאַם און פון טערקיי ביז ווילנע האָט דאָס מחלוקת געשרפהט, געפלאַקערט.

אַלע יידן פון גאָר דער וועלט האָבן זיך צעטיילט אויף צוויי צדדים: אייבשיצערס און עמדינס. און ביידע צדדים האָבן זיך געפונען אין יעדן ווינקל, אין בית־מדרש און אויפן מאַרק, אין קלויז און, להבדיל, אין מרחץ. אויף איין יאַריד האָבן רבנים מחרים געווען ר׳ יהונתן מיט זיינע תלמידים און אין אַ וואָך שפּעטער האָט מען אויפן זעלבן יאַריד מחרים געווען ר׳ יעקבן.

אין די שולן זיינען אויסגעבראָכן געשלעגן, אַז מען האָט ניט געקענט לייענען די תורה. אין זייער ברען האָבן די קנאים זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון טאָן די אומווירדיקסטע זאַכן.

וויכטיקע גאונים, וואָס האָבן צום אָנהויב זיך געפּרוּאווט אַריינלייגן אין שלום, זיינען באַלד פאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין דער נעץ פון מחלוקת און נאָך צוגעגעבן בוימל צום פייער. מען האָט אויפגעהערט צו וויסן ווער עס איז אַ גאון און ווער עס טראָגט בלויז דעם טיטול מורנו.

אין לובלין האָט דאָס יונגע רבל ר׳ חיים אַריינגעלייגט ר׳ יעקבן און דעם „פני־יהושע" אין חרם, און אין יאַמפּאָלע האָבן ר׳ יעקבס אָנהענגער אַריינגעגאָסן השתנה אין רבס שטריימל און אים נאָכגעשריגן אין גאַסן: „עלה קורח".*)

ר׳ יעקב האָט אָפּגעדרוקט אַ ספר „עדות ביעקב", וואָס ער האָט צע־שיקט צו די קהלות אין פּוילן און קיין סאַלאָניקי און איסטאַמבול. אין דעם ספר האָט ער געשריבן, אַז ר׳ יהונתן הייסט זיינע תלמידים ליגן מיט פרעמדע ווייבער; ער אַליין האָט מפקיר געווען זיין טאָכטער צו זנות און רופט זיין ווייב „יונגע הירשין", וואָס דערמאָנט אין שבתי־צבי; פּרייטיק־

*) אויסגעפליקטער קאָפּ.

צו־נאַכטס טוט ער אָן אַ טולפּאַן, ווי אַ טערק, און גייט אַרויס מיט די תלמידים מקבל פּנים זיין דעם משיח, וואָס האָט זיך געשמדט אויף אַ טערק... שבעת עשר בתמוז פּראַוועט ער סעודות. תשעה באב האָט ער געגעסן אינדיק און פאַרטרונקען מיט ווין...

קיין אַמסטערדאַם און אין די קהלות פון פּוילן זיינען דערגאַנגען ידיעות וועגן די שרעקלעכע מעשים, וואָס ווערן אָפּגעטאָן אין די דריי קהלות. מען האָט דערציילט, אַז איינער פון די זעצער אין ר' יעקבס דרוק האָט אָפּגעוואָרט ר' יהונתן, ווען ער איז געגאַנגען פון מרחץ, און זיך אויף אים געוואָרפן מיט אַ מעסער. בלויז דורך אַ נס איז ער ניצול געוואָרן. דוד גאַנדז און יוסף פּרעגער האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס און אונטער די אויגן פון יחיאלכי וואָלפן פאַרשפּרייט פלוג־בלעטלעך און האָבן געשריבן, אַז ר' יהונתן באַשלאָפט זיין טאָכטער און אַז זי האָט שוין געהאַט פון אים אַ זון... אַז ער שרייבט בריוו צום פּויפּסט אין רוים; אַז ער טראָגט אַ צלם אונטערן טלית־קטן און אַז צווישן זיינע כתבים געפינט זיך אַ ספר וועגן יוזל...

אַ תפילה פון ר' יעקב אשכנזי אין זיין גלות־אַמסטערדאַם:

„גאָט!

„איך ווייס ניט ווער עס וועט מיין קריג מיט דאַרשט אויפנעמען און ווער מיט שנאה און מיט חשד. עס איז קליין מיין זכות און שוואַך מיין האַנט.

„דו, וואָס מאַכסט אַ צווישנשייד צווישן ליכט און פינצטערניש, צווישן קודש און חול, און צווישן שאַנד און גאולה, העלף מיר, גאָט, און בענטש מיין וואָרט!

„בלויז איינצלנע האָבן ביז איצט דערהערט מיין איינזאַמע און וואָרב־דיקע שטים און איידעלע, געטרייע האָבן די שווערד אַ צי געטאָן פון שייד און אויף קהלות הייליקע אַ לאָז געטאָן דעם צאָרן זייערן. —

„איז, גיב מיר כח, גאָט, דאָס ערגסטע צו דערציילן, ניט פאַרדעקן, גאָרניט פאַרהוילן.

איצט, ווען געשטאַרקט האָט זיך דער ס״ם *) און עס העלפן אים געטריי אי פּרנסים, אי רבנים, אי נחשים קלוגע, אי דערצאָרנטע שוטים, אי די מאַכט פון קייסער — אַלע, אַלע קעגן מיר. גיב מיר כח אַלץ דערציילן, ניט פאַרהוילן, און דערפילן זאָלן אַלע, אַז די שלאַכט מיינע איז פאַר דיר.

*) סמאל — דער שטן.

„און אויב איך האָב עס ניט פאַרדינט, ווייל מיין האַרץ איז פול מיט זינד און דיין שטראָף איז מיר באַשערט, איז שטראָף מיך, גאָט, ווי איך בין ווערט, אָבער שפּעטער — ניט איצט, ווען איך בין דיין שליח, קעגן משיחים פאַלשע און פּרנסים שלעכטע.

„העלף מיר אין זכות פון מיין טאַטן דער הירש, וואָס איז געווען אַ גלוסטונג צו אַלע לענדער; העלף מיר דאָ און העלף מיר דאָרט, און זיי מיט מיר און בענטש מיין וואָרט, אָמן!“

דער דרייסיק־יאָריקער ר׳ מאיר אשכנזי, דער בכור פון ר׳ יעקבס פון ערשטן זיווג, איז געגאַנגען איבער די גאַסן פון זיין שטעטל אַלט־קאָנסטאַנטין און געטראַכט וועגן אַ בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פון זיין פאָטער אין אַמסטערדאַם.

ער איז געווען אַ הויכער, אַ בלאָנדער, מיט פעטע ברוינע אויגן, ווי קערלעך פון אונגאַרישע פלוימען, אַ געל פּנים מיט אַ געהויקערטער נאָז, און איז געווען געראָטן אין טאַטן. זיין פאָטערס וואָרט איז פאַר אים געווען אַ געבאָט.

שוין צען יאָר אַז ר׳ מאיר איז דער רב פון דער קליינער שטאָט אין וואָלין. ער איז אַוועק פון עמדין ווען ער איז אַלט געווען זעכצן יאָר. עטלעכע יאָר האָט ער פאַרבראַכט ביי זיין זיידן אין אונגאַריש בראָד, וואָס די מאָראַווישע גלויביקע קריסטן האָבן גערופן בית־לחם. נאָכדעם איז ער געפאָרן אין דער לעמבערגער ישיבה, פונוואַנען ער איז גענומען געוואָרן אַלס רב אין אַלט־קאָנסטאַנטין. ער איז געוואָרן דער איידעם פון ר׳ אברהם יוסקיס, אַ פּרנס־חודש און יושב־ראש פון ועד־ארבע־ארצות.

ר׳ מאיר איז געווען אַן עילוי. צו זעקס יאָר האָט ער געפרעגט דעם טאַטן אַ קשיא אויפן ברטנורא, וואָס ר׳ יעקב האָט עס פאַרשריבן אין זיין „לחם שמים“.

ווען דאָס מחלוקת האָט זיך צעפלאַקערט, האָט ר׳ מאיר געאַרבעט מעשים מען זאָל אויפן צוזאַמענפאָר פון ועד ארבע ארצות אַריינלייגן ר׳ יהונתן אין חרם. פינף טעג אין תמוז איז פאָרגעקומען אין אַלט־קאָנסטאַנטין דער גרויסער צוזאַמענפאָר פון ועד.

ר׳ מאיר איז פון פרימאָרגן אָן געשטאַנען אויף די גאַסן און אָפּגעוואָרט די בוידן מיט די פּרנסים, צווישן וועלכע ס׳האָט זיך אויך געפונען זיין שווער.

צען אַזייגער אינדערפרי זיינען אָנגעפאָרן אַ סך וועגענער מיט פּרנסים,

געסט, רבנים און ארחי־פרחי, אַז דער מאַרק איז פול געוואָרן מיט פערד און ויידנס. מאַרק־יידענעס, וואָס זיינען געזעסן איבער פירות און נאַשע־רייען, האָבן זיך אויפגעשטעלט און געבענטשט דעם יונגן רב פון שטאָט. ר׳ מאיר האָט אַרומשפּאַצירט און געחזרט אַ מליצה פון טאַטנס אַ בריוו: „ממצרים קראתי לבני״ — פון מיין ענגשאַפט האָב איך אַרויסגערופן די זונשאַפט.

פונקט צוועלף אַזייגער האָט זיך אין קהל־שטוב געעפנט די זיצונג פון ועד.

ר׳ אברהם, דער יושב־ראש, אַ ייד אין די זעכציקער, די האָר פון דער באָרד, די פיאות — ווייס, אָבער דאָס פּנים נאָך ראָז און שטייף אָנגעגאָסן. ער האָט געעפנט די אסיפה און דערקלערט:

— רבותי! מיר האָבן היינט צו באַטראַכטן אַ סך ענינים. מיר דאַרפן עוסק זיין אין דעם ענין פון פדיון־שבוים, מען דאַרף שמועסן וועגן גזירות פון מלכות, וואָס לויערן און קומען, אָבער צום ערשטן וועלן מיר פאַרלייענען אַ בריוו פון דעם גאון ר׳ יעקב אשכנזי, דעם אויבערשטן פון אַלע זין פון גלות. — אַלט־קאָנסטאַנטינער רב: לייענט דעם בריוו!

ווען ר׳ מאיר האָט גענומען לייענען, האָט זיך אויפגעהויבן אַ טומל:

— פרנס־חודש! — האָט אַ דאַר יידל מיט אַן אויסגעצופּט גראָוולעך בערדל, גרויסע אויגן און אַן אויסגעקראָכן מיצל אויפן קאָפּ אויסגערופן. — פרנס־חודש! איך בעט רשות! אַ זון איז פסול לעדות, טאָר ניט זיין קיין סניגור.

— איך בין פרנס־חודש, און אַזוי ווי איך באַפעל, אַזוי וועט געטאָן ווערן! — האָט ר׳ אברהם צעטיילט מיט די פינגער דאָס ווייס בערדל.

דער טומל האָט זיך געשטאַרקט. קולות האָבן זיך איבערגעקרייצט:

— פרנס־חודש, אַן אונדזער שריפט און חתימה איז קיין משפט, קיין חרם און קיין תנאים.

— שווייג, מחוצף! שבתי־צביניק!

— מחוצף, רשע! קעגן וועמען רעדסטו? קעגן קראָקער רב, דעם גאון ר׳ יצחק לאַנדוי, דרך־ארץ!

— דער קראָקער רב האָט געקראָגן ס׳רבנות דורך שוחד, זיין וואָרט איז פסול.

— פאַרטרייבט דעם אשכנזי פון אַלט־קאָנסטאַנטין, שיקט אים צוריק קיין בית־לחם, וואו דער נוצרי איז געבוירן געוואָרן.

דער פרנס־חודש האָט געקלאַפּט מיט אַ זילבערנעם האַמער, אָבער קיינער האָט אים ניט געהערט. אורחי־פרחי האָבן זיך אַריינגעמישט, מען איז זיך געקראָכן אין די פּנימער, געפּליקט בערד. ר׳ מאיר האָט זיך אַרויס־געשאַרט פון צווישן עולם און זיך געלאָזן מיט די פעלדער צום דער׳בייאיקן שטעטל מעזשביזש, וואו ס׳האָט געוואוינט זיין 15־יאָריקע טאָכטער רחלע, אַ נאָמען נאָך זיין מאַמען.

ביז פאַרנאַכט האָט ער געבלאָנדזשעט צווישן די פעלדער פון תבואה, פון זאַנגט און האָפּן און געחזרט: אונגאַריש־בראָד, בית־לחם, און ער, דער זון פון יעקב, פון רחל... רחל ליגט אין בית־לחם, אויפן וועג. — — —

ר׳ יצחק ביאַלער און דער גאון ר׳ יצחק אייזנשטאַט פון נעשוויז האָבן אַרויסגעשיקט אַ רוף אין לשון־קודש, וואָס איז געחתמעט געוואָרן פון אַ סך פוילישע רבנים אויפן צוזאַמענפאָר פון ועד ארבע ארצות אין אַלט־קאָנ־סטאַנטין. דער קול־קורא איז פאַנאַנדערגעקלעפּט געוואָרן אויף אַלע ווענט פון די בתי־מדרשים און, להבדיל, פון מרחץ, און האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „מיט דער הילף פון פעלז און דעם אויסלייזער רופן מיר צו אייך, האָרן! אַ גרויסער חילול־השם פאַרשפרייט זיך צווישן די געצעלטן פון יעקבן און דאָס פייער האָט אָנגעכאַפּט אַלע ווענט פון ישראלס הויז און קאָן חס וחלילה פאַרצערן דאָס איבערבלייבעכץ פון ישראל...״ פאַרענדיקט האָט זיך דער רוף מיט די ווערטער:

„מיט געבראָכענע הערצער און געבויגענע קני רופן מיר דעם רבּ פון די דריי קהלות, ער זאָל זיך באַדענקען און איבערגעבן די קמיעות צו די גאוני הדור, און וואָס זיי וועלן פסקענען אַזוי וועט זיין. מיר זאָגן ניט פריער און מיר טראָגן ניט אַרויס קיין פּסק דין, נאָר ווי די ליכטער פון ישראל וועלן זאָגן אַזוי וועט מען מסכּים זיין אין הימל. מיר פאַרענדיקן מיט גע־בראָכענע הערצער און אַ צעשלאָגן געמיט. מיר, די מינדסטע צווישן די טויזנטער, שוועלן צום טרעטן, קליינע וואָס לעקן דאָס שטויב פון די גרויסע, ווי הינט לעקן די כוואַליעס פון ים און מאַכן אים ניט ווייניקער.״

יצחק קאַרא, דער אבּ״ד פון ביאַלע און גאַנצן קרייז

יצחק אייזנשטאַט, אבּ״ד און ראש־ישיבה אין נעשוויז און מיין נעץ איז פאַרשפּרייט איבער גאַנץ ליטע.

דעם קול־קורא האָט מען געלייענט אומעטום און עס האָבן זיך געטראָגן ווייי־געשרייען איבער די צעריסענע געצעלטן פון יעקב.

דער משולח אין לייבן־גרוב

דער פופציק־יאָריקער ירושלימער שד״ר *) ר׳ חיים יוסף דוד אזולאי, אַ הויכער ווי אַ טייטלבוים, מיט אַ פאַרברוינט פנים, אַ שוואַרצער באָרד און קלוגע אויגן ווי ביי אַ תנא, האָט געאיילט איבער די האַמבורגער גאַסן.

ס׳איז געווען שבת. אַ כמורנער האַמבורגער טאָג האָט געהאַלטן אין איין צירן די גאַסן מיט שימערירנדיקע שנייעלעך. אַ פראַסטיק ווינטל האָט זיך געטראָגן פון דער עלבע, געסמאַליעט ס׳פנים. דער מערבישער חכם און משולח אין אַ ברייטן רבנישן מאַנטל, אויף זיין קאָפּ — אַ טונקל־רויטער טורבאַן, אַרומגעוויקלט מיט ווייס זיידנס, האָט געהאַלטן אַ צעפּאַרענעם טשעמאָדאַן, אָנגעפּילט מיט מגילות, פּאַרמעטן, כתבי־יד, וואָס ער האָט צונויפגעזאַמלט און איבערגעשריבן אין ביבליאָטעקן אין זיינע וואַנדערנישן איבער גאַנץ אייראָפּע.

אַ געבוירענער ירושלמי און אַליין אַ מקובל, איז ר׳ חיים יוסף אזולאי אויסגעווען אַ וועלט, געקענט פּערסיע און מאַראָקאָ, מצרים און אַפריקע, איטאַליע און סטאַמבול, פראַנקרייך און ענגלאַנד, גערעדט אויף אַ סך לשונות. ער איז געפאָרן זאַמלען געלט פאַר דער ישיבה „אור החיים״ פון ירושלים, און אומעטום געזוכט כתבי־יד, אַנטיקן.

קיין האַמבורג איז ער געקומען, ווייל ער האָט געהערט, אַז ר׳ יעקב אשכנזי האָט אַ כתב־יד פון ר׳ יעקב ששפורט, דעם רב פון דער פּאָרטו־געזישער קהלה אין האַמבורג אין די טעג פון שבתי־צבי.

אזולאי האָט געוואוסט, אַז דער חכם ששפורט איז געווען דער איינ־ציקער, וואָס האָט בימי שבתי־צבי געוואָגט אויסרופן בתרועת שופר און ביי ברענענדיקע שוואַרצע ליכט אַ חרם אויפן פאַלשן משיח, אין אַ צייט ווען ניט נאָר ספרדים, נאָר אויך אשכנזים האָבן יעדן פרימאָרגן געזאָגט אַ תפילה: „ברך נא את אדוננו, משיח אלהי יעקב, שבתי צבי.״ — — —

ער האָט געאיילט צו דער ברייטער־שטראָסע, כאָטש ער האָט גע־וואוסט, אַז ר׳ יעקב איז שוין זעקס חדשים אין אַמסטערדאַם, ער איז אָבער געווען זיכער, אַז ער וועט ביי אים אין הויז געפינען דעם כתב־יד.

אזולאי האָט זיך געפילט שלעכט אין די דריי קהלות. אין אַלע ווינקלען ברענט ס׳פייער פון מחלוקת. ביידע צדדים רייסן אים ביי די פּאָלעס, אַז מ׳קאָן אַ גאַס ניט דורכגיין.

---

*) שלוחא דרבנן — אַ משולח פון ירושלימער רבנים.

גאַנץ פרי, אויפן וועג פון מקווה צו ר׳ זלמן מירלש קלויז צו שחרית, האָבן אים באַגעגנט עטלעכע ישיבה־לייט פון ר׳ יהונתנס ישיבה, אים אָפּגעשטעלט און אַריינגערעדט אין אים:

— שד״ר, דערוועגט זיך ניט אַריינגיין אין הויז פון משוגענעם אשכנזי! ער און זיינע בני־בית זיינען אין חרם.

ר׳ חיים יוסף האָט פאַרמאַכט די אויגן און האָט זיך אָפּגעקערט, ווי אַן ענטפער וואָלט געווען איבעריק.

ביי דער שוועל פון דער קלויז האָבן אים באַגעגנט קולות.

— משולח, גייט נישט צום אשכנזי! דער וואָס האַלט אונטער אַ בעל־מחלוקת, איז גלייך ווי קורח, — האָט אַ יונגערמאַן מיט אַ געשטופּלט פּנים און דיקע געלע פּיאות אויף אים אַן אָטעם געטאָן.

— בעסער אַ בעל־מחלוקת ווי אַ שבתי־צביניק! — האָט אַן אַנדערער געענטפערט מיט אַ דין קול.

— משולח, גלויבט אים נישט! ער איז באַקאַנט ווי אַ מוציא שם־רע.

אזולאי האָט זיך געקאָרטשעט פון די בייזע רייד, געהאַלטן אין איין איבערבינדן דעם גאַרטל און געמורמלט אין דער שטיל:

— צופיל לשון־הרע ווערט דאָ גערעדט, צופיל בייזע רייד. סיי ר׳ יהונתן און סיי ר׳ יעקב זיינען ביידע אריות־שבחבורא, גאונים און מקובלים. כ׳האָב אמונה, אַז ביידע מיינען לשם שמים. בעסער וואָלט געווען די צדדים זאָלן שווייגן. ניט שיין, יידן זאָלן זיך שלאָגן ווי ישמעאלים, ווי נוצרים.

נאָך שחרית האָט אזולאי אָפּגעמאַכט זיך צו האַלטן פון דער ווייטנס פון דער מחלוקת, און וואָס גיכער אָפּפאָרן פון שטאָט. פאַרן אָפּפאָרן האָט ער אָבער באַשלאָסן אַריבערגיין צו ר׳ יעקב אשכנזין אין מויער.

אַ דערשראָקענער, מיט מורא פאַר די פּרנסים, פול מיט חשד אַז מען גייט אים נאָך, האָט ער געשפּרייזט איבער דער ברייטער־שטראָסע. די שוואַרצע באָרד צעפלאָשעט און די פּיאות צעפלויגן אין ווינט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער עלבע, פון ים.

ביים צוויי־גאָרנדיקן מויער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַ צו־פרידענער, וואָס די גאַס איז ליידיק, האָט ער זיך געהויבן איבער די טרעפּ מיט אַ שוואַכקייט אין די פיס.

איידער ער האָט אַ קוש געטאָן די מזוזה, האָט זיך אַ טיר געעפנט און עס איז אַרויסגעקומען בתיה־צביה מיט אַ פינף־יאָריק מיידעלע. ביידע אין

טונקל־גרינע קליידלעך. די מוטער מיט שווארצע רעמעלעך אונטער די אויגן און אין דער פארב פון חנעוודיקן פנים האט זיך דורכגעווארפן אן אומרואיקער שאטן.

— מאמע, זע נאר, — האט ס׳מיידעלע געצויגן דער מוטער פארן קלייד.

— אזא הויכער, מיט א לאנגער בארד וויביים טאטן.

אזולאי האט א קוק געטאן אויף דער קליינער. דאס נעזל — דעם טאטנס, דעם זיידנס, און די אייגעלעך אזעלכע שווארץ־פלאמיקע, ווי פסוקים פון ר׳ יעקבס סידור. ער האט זיך דערמאנט, אז ביידע, סיי די מוטער און סיי דאס קינד, זיינען אייניקלעך פונעם חכם־צבי און אז דער חכם־צבי איז געקומען קיין טערקיי איז מען אים נאכגעלאפן אין די גאסן, אזוי שיין איז ער געווען. —

— זאל דער רבי מוחל זיין, איך וועל ארייגברענגען די שליסלען און אים ארייגפירן אין מיין מאנס שרייב־חדר, — האט בתיה־צביה אנגענומען ס׳קינד פאר א הענטל.

זי איז צוריקגעקומען מיט א בינטל שליסלען, האט אויפגעעפנט די טיר און אים ארייגעלאזן מיט דרך־ארץ.

אין חדר איז געווען טונקל. די לאדן זיינען געווען פארמאכט. ווען בתיה־צביה האט געעפנט א פענצטער, האט מען דערזען ווי דער טיש איז אנגעלייגט מיט ספרים, מגילות, מיט ניט־פארענדיקטע כתבים.

ר׳ יוסף חיים האט זיך ארייגעזעצט אין א שטול, איינגעטונקען א גענדזענע פעדער און זיינע אויגן — פון א קלוגן תנא — געלאזט רוען אויפן אלטן כתב־יד. א מחשבה האט זיך גענעפלט: — וואס איז די פעולה? אז לענגער אין האמבורג קען ער ניט בלייבן. ער האט פארקנייטשט דעם אלטן כתב־יד, ארויסגענומען זיין טאגביכל, וואו אלע טרעפענישן אויף זיינע נסיעות זיינען געווען פארצייכנט, און דארט ארייגעשריבן:

„ח׳ שבט, תקי״א. איך בין אין וועג און גאט האט מיך דערפירט קיין האמבורג. דער פלאקער פון מחלוקת ברענט ביזן הימל. אין די גאסן ליגן צעבראכענע לוחות. און עס הערט זיך דאס געבריל פון לייבן. א לייב גייט אויף א לייב. ווער קען וואגן און זיך שטעלן קעגן איינעם פון די לייבן.״ —

ער האט פארמאכט ס׳ביכל און איז צוגעגאנגען צום פענצטער. דאס קאלטע ליכט פון שבט האט באגאסן די צווייגן פון די פארביימער אין הויף. ער האט טיף אפגעזיפצט:

— לייבן אין די גאסן. לייבן, און איך — אין לייבן־גרוב.

בענקעניש

טיף איז די נאַכט. נעכט פון חלומות און פון גרויע מחשבות. קליינע קינדער וועקן זיך פון שלאָף, שרייען אין די וויגעלעך. ערגעץ אויף אַ מויער קלעטערט אַ בחור צו זיין געליבטער. זיי פאַרברענגען דאָרט ביידע ביז מאָרגנרויט, ביז ס'וויקלט איין באַגינען דעם טיפן סוד פון דער נאַכט.

די זיבן־און־צוואַנציק־יאָריקע בתיה־צביה ליגט אין בעט און קאָן ניט איינשלאָפן. צייט דערוויטערט וואָס עס איז פרעמד, אָבער אייגן לייב ווערט נעענטער פון יאָר צו יאָר.

שוין אַוועק זיבן יאָר זינט זי האָט חתונה געהאַט מיט ר' יעקב אשכנזין. זי האָט דעמאָלט אין יונגן כלה־שלייער געוויינט אין דער שטיל, געוויינט אין שעמעוודיקער פרייד, ביז זי האָט דעם סוד פון באַפרוכפּערונג דערקענט. ער קומט פון אומעטום, דער סוד... ער קומט פון קאַרשנבוים, פון זומער־קוויט, וואָס גאַרט דעם שטויב פון צווייטן קוויט. ער קומט פון הירשן אין געקריג און פון דער הירשעכע, וואָס וואַרט אויף דעם הירש וואָס האָט מנצח געווען.

זינט זי האָט אָנגעטאָן דעם קידושין־רינג, האָט זי זיך דערפילט ווי אַ רינג אין אַ קייט פון דורות און פון יחוס־עלטער. איצט, ביים שייד־וועג פון אַכטן יאָר, ווען איר בכור יודעלע איז שוין זעקס יאָר אַלט און די טאָכטער נחמהלע דריי יאָר, בלייבט ר' יעקב שטיין פאַר איר ווי אַ ליכט, וואָס וואַרעמט פון דערוויטנס.

בתיה־צביה וויסט: ס'איז זיין גוף, דער אויסגעוויקטער אין די ליכטן פון דער תורה, שוין אַזוי לאַנג ווייט פון איר, ווייט, אָבער דאָך ניט פרעמד. ליגט זי אין די נעכט און אַטעמט הייס, ווי די אָטעמדיקע ערד וואָס ליגט אין טרערן־טוי און בענקט נאָכן אַקער־גראָב, נאָכן שטראָם פון זריעה. —

ס'האָט משולם־זלמן — ר' יעקבס צווייטער זון פון ערשטן זיווג און בתיה־צביהס עלטסטער שטיף־זון — פאַרענדיקט צוגרייטן אין דרוק דעם צווייטן טייל פון סידור. בתיה־צביה פלעגט צוהעלפן אין דרוק.

עס איז געווען פרייטיק. און ווען די מערב־זון איז פאַרפאַלן געוואָרן הינטער די ביימער אין הויף, האָט בתיה־צביה ביים צינדן די שבת־ליכט אָוועקגעלייגט ר' יעקבס סידור אויפן טיש. די תפילות האָבן איר גע־

שטראַלט אַנטקעגן ווי ווייסע ליכט מיט העלע פלאַמען. זי האָט געלויבט גאָט פאַר יהודהן, פאַר דער טאָכטער און נאָכדעם לאַנג געקוקט אויף זיין שטול, וואו ער איז געזעסן און געשריבן, און וואָס איז איצט, ווי איר האָט זיך געדאַכט, קלענער געוואָרן. זי האָט געבענקט און געשלונגען טרערן.

ר׳ יעקבס סידור איז ניט קיין פראָסטער. יעדעס וואָרט זיינס האָט אַ מיין, פון אים קאָן מען שעפּן אמונה און בטחון. אָבער אויך ר׳ יעקבס בריוו לערנען אַזויפיל. אָפט פלעגט בתיה־צביה אין די פאַרנאַכטן אַראָפּגיין אין הויף און דאָרטן לייענען זיינע בריוו פון אַמסטערדאַם. די ביימער האָבן גערוישט מיט די בלעטער און זיך שטיל געבויגן צו דער ערד, און זי האָט פאַרריסן די אויגן צום הימל, געקוקט אין דער בלוילעכער הייך: — האָט מיט איר יעקבן, חלילה, קיין שלעכטס ניט געטראָפן?

פון זיינע בריוו האָט זי אַרויסגעלייענט נייע אמתן, אַרויסאַנטפּלעקט סודות. דעם סוד פון דער זון, וואָס ווערט אַמאָל פאַרטונקלט און וואַרעמט מער ניט, און אַז פונקט ווי וואוכערניקעס, וואָס נעמען אויס אַ תנאי אַז פאַר זייערע הלוואות מוז מען צוויי מאָל צאָלן, אַזוי מוז מען צאָלן פאַר יעדער טראָפּן פרייד מיט זיבן מאָל אַזויפיל פּיין...

און אַ שפּרוך וועגן אַ בוים האָט ער איר געשריבן, אַ שפּרוך וואָס ער האָט געהערט פון זיין טאַטן: אַ בוים וואָס ביים וואַסער — ער טראָגט אויף זיך די לאַסט פון בליען, פון וואַקסן, און מע לאָקט אויף אים אומעטום און מ׳וויל אים אויסרייסן, נאָר ווי שאַרף עס זאָל די האַק ניט זיין, קאָן מען אים ניט אויסרייסן, ניט ברעכן.

צוויי בריוו

משולם־זלמן שרייבט אַ בריוו צום טאַטן:

„צו מיין האַר, מיין טאַטן און מיין רבין. די קרוין פון מיין קאָפּ, דער פעלז און טורעם, דער שר פון תורה, דער זייל פון ליכט, דער איינציקער אין זיין דור, אַ ליכטיקער שפּיגל און נאָך און נאָך, דער כבוד פון זיין הייליקן נאָמען, יעקב צו דער הויז פון אשכנזי, זאָל לעבן לאַנגע און גוטע יאָר, זיין ליכט זאָל שיינען ווי די זון אויף דער ערד און די איינוואוינער וואָס אויף איר!

„ערשטנס שרייב איך דיר, אַז מיר אַלע זיינען בקו־החיים והשלום. היינט כ״א טעג אין אב האָב איך פאַרענדיקט איבערשרייבן דעם צווייטן טייל פון דיין סידור. יהודה האָט אויך אַ חלק אין דעם סיום. ער האָט די לעצטע שורות מיט זיין האַנט געשריבן. נחמה וואַקסט און שיינט. די שכנות זאָגן, אַז זי איז, קיין עין־הרע, ווי איר מאַמע שיין, און אַז זי וועט אם־ירצה־השם די וועלט פאַרשיינען.

„צווייטנס שרייבן מיר דיר, אַז מיר האָבן שוין גענוג פאַרגאָסן טרערן, וואָס דו ביסט אין דער פרעמד, און האָפן אויפן טאָג ווען אויף אונדז וועט שוין די ישועה קומען, אַז מיר אַלע זאָלן צוזאַמען קאָנען זיין אין נחת און אין פריידן, אָמן! יהודה לערנט שוין טור־אורח־חיים. איך לערן טור מיט דיינע חידושים. אם־ירצה־השם אַז וועסט קומען צוריק, וועסטו זען וואָס איך האָב מחדש געווען מיט דער הילף פון פעלז און אויסלייזער...

„און איצט שרייב איך דיר, אַז דער ראש־הקהל האָט באַפוילן, אַז אויב דו וועסט מבטיח זיין ניט צו שרייבן מער קיין קונטרסים קעגן אחר *) וועט ער צוריק לאָזן עפענען די דרוק און דו וועסט קאָנען באַלד אַהיימקומען. ער זאָגט, אַז קיינעם גלויבט ער ניט, ער וועט נעמען בלויז דאָס וואָרט פון אונדזער מוטער תחי׳. זי וויל אָבער צו אים ניט אַריבערגיין אָן דיין הסכמה.

„אבי מורי! מוזטו טאָקע פירן קריג מיט דעם מסור, ריביתניק און גזלן און מיט דעם זאָמען פון דעם נחש און דעם מין? אפשר איז גלייכער מען זאָל לאָזן דעם חוטא אויף זיין אייגענעם הפקר, און דער שיכורער פון מאַכט און גדולה וועט פאַלן מיט דער צייט. נאָך ווען יאָגט זיך עס דער

*) דער אַפּטריניקער, פרעמדער יהונתן אייבשיצער.

מלך פון ישראל, נאָך אַ צעבראָכענעם הירש, נאָך אַ טויטן הונט? האָסט פאַרנומען זיך מלחמה־פירן מיט אַ גרויסן אָפּגאָט, וואָס זיין קעניגרייך איז שקר און מיט אַ מסור, וואָס זיין פאַרהייליקטער תכלית איז געלט."

פון ר' יעקב אשכנזי צו זיין זון:

„צו מיין זון דעם מושלם און וואָס הייסט משולם. ביין, מיין זון און ביין, זון פון מיין לייב, און ביין, זון פון מיינע נדרים! זיי וויסן, משולם־זלמן לעב, אַז דו ביסט אַ זון פון עלטערן, וואָס האָבן פאַרן אמת אויף זיך געבראַכט גלות, און ס'גאַרט דיין טאַטע אויך געלייטערט ווערן דורך אָפּקומעניש און געפאַר, ווייל שווער איז וואָגל און דאָס זיין געשיידט פון ווייב און קינד, אָבער עובר זיין אויפן אמת איז פון גלות דריי מאָל שווערער. דער קריג מיטן חייב דויערט לאַנג, אָבער קיין איין שפּאַן טרעט דער אמת ניט אָפּ, ווייל איך האָב עס בקבלה פון מיין טאַטן ז"ל: באַזיגט איז ניט דער, וועמענס קאָפּ עס פאַלט, נאָר יענער, וואָס די האַק לייכט ביי אים אין קאָפּ. זיי אויך וויסן, משולם־זלמן לעב, זאָל דיר באַוואוסט זיין, אַז אַ זיגער איז ניט דער, וואָס טוט דעם אַנדערן אַ צוים אָן, נאָר דער וואָס קאָן אין דער צוים, די צוים צעברעכן. פּונקט ווי ס'איז טויט ניט דער וואָס ווערט פאַרברענט אויף שייטער, נאָר דער וואָס זעט אין פלאַם בלויז טליענדיקן אַש. איז, שעם זיך גאָרניט מיט דיין טאַטנס היימלאָזיקייט, נאָר גיי גלייך און שטאָלץ ווי ס'איז געגאַנגען דיין זיידע און דיין עלטער־זיידע און ווי עס גייט דיין טאַטע. און דער מאַמען תחי' זאָג: דער נסיון איז פאַרשמאַכונג, דער שכר — דערפילונג פון וואונטש. ווייל מיט נסיונות, זאָגט השם־יתברך, טו איך אייך פּרוּוון, צו זען ווי ווייט אייער ליבשאַפט איז צו מיר. און זע דו זאָלסט מיר שרייבן. ניט פאַרזאַם!"

ר׳ יעקב אשכנזי קערט זיך אום אַהיים

צוליב זיינע האָניק־חדשים מיט מאַריאַ יוליאַנאַ האָט פרידריך דער פינפטער אינגאַנצן פאַרגעסן אין דעם „יידישן קריג" צווישן אַלטונאַ און האַמבורג.

לודוויג יענסען, דער בירגערמייסטער פון אַלטונאַ, האָט איבערגעשיקט די קמיעה צום פּראָפעסאָר קאַרל אַנטאָן און צום פראַנקפורטער גייסטלעכן, אָבער ער האָט קיין ענטפער פון זיי ניט באַקומען.

יחיאלכי וואָלף און יוזפּאַ האָלענדער זיינען איצט געווען אָפטע אַריינגייער אין שטאָט־ראָט פון אַלטונאַ, אָבער יענסען האָט זיי געהייסן האָבן געדולד און אויסוואַרטן ביז־וואַנען דער קעניג וועט צוריקקומען.

דאָס מחלוקת האָט דערווייל געברענט, געפלאַקערט אין האַמבורג, אין אַלטונאַ, אין וואַנדזבעק. אין דער גרויסער שול איז דאָס דאַווענען געשטערט געוואָרן. די בירזשע איז באַוואַכט געוואָרן פון דייטשישע און דענישע פּאָליציי.

בתיה־צביה איז ניט געזעסן מיט פאַרלייגטע הענט. זי האָט באַוואָרפן מיט בריוו דעם הויפּט פון האַמבורגער סענאַט, האָט געשריבן לאַנגע דייטשע בריוו צום קייסער. אין די בריוו האָט זי אָנגעקלאָגט דעם ראש־הקהל און די פרנסים פאַר פאַרטרייבן איר מאַן און צעשטערן זיין דרוק, און אים מקפּח־פּרנסה געווען, און דאָס איז אַלץ דערפאַר, — האָט זי געשריבן, — „ווייל איר מאַן איז אַ פריינט פון דער פריי־שטאָט און האָט תמיד באַקעמפט די שטאַרקע און מעכטיקע פון אַלטונאַ, וואָס הערשן אויף די האַמבורגער בירגער..."

מרדכי העקשער, געקליידט אין אַ געהאַקטן סורדוט און אַ נייעם קאַפּעליוש, פלעגט יעדן טאָג גיין אין האַמבורגער סענאַט און האָט זיך דאָרטן געסודעט מיט די סענאַטאָרן.

אַ געבוירענער אין האַמבורג, אַ גוטער קענער פון אַלע פּאָליטיקן אין דער פריי־שטאָט, האָט העקשער גוט געוואוסט, אַז פאָן־קוואַלען, דער ראש פון האַמבורג, און דער אַלטונער בירגערמייסטער זיינען צווישן זיך ניט שוה בשוה. ער איז דעריבער געקומען צום פּרעזידענט פון האַמבורגער סענאַט און געלייגט רייד איבער זיינע אויערן:

— פרידריך דער פינפטער קריגט געגוג אַריין אין זיין קאַסע פון די

חודש־געלטער, וואָס האַמבורגער יידן צאָלן לודוויגן אין אַלטונא. — האָט העקשער געטענהט. — די האַמבורגער ווילן געהערן צו דער פריי־שטאָט, ווילן האָבן זייער אייגענע אויטאָנאָמיע. אָבער וואָלפן, דעם וואוכער־נעמער, לוינט זיך עס ניט, פונקט ווי ס׳לוינט ניט דעם קעניג. דערפאַר האָבן זיי געלאָזן פאַרטרייבן דעם ראַבינער אַשקענאַזי, ווייל אַזוי לאַנג ווי ער וואוינט אין שטאָט, איז ער אַ געפאַר פאַר זייער מאַכט, פאַר זייערע שפּעקולאַטיווע געשעפטן.

פאַן־קוואַלען האָט גוט געוואוסט, אַז העקשער איז גערעכט. ער האָט זיך אָבער באַמיט צו האַלטן קאַלט אין דעם דאָזיקן קאָנפליקט.

פאַן־קוואַלען האָט געוואוסט: די פריי־שטאָט נויטיקט זיך אין גוטן ווילן פון דענעמאַרק. זינט דענעמאַרק האָט אָקופירט שלעזוויג־האָלשטיין, איז דאָ אַן אָפּמאַך, אַז די האַמבורגער יידן געהערן צו אַלטונא. ער איז דער פאַרשטייער פון האַמבורג. ער דאַרף דעריבער זיין זייער פאַרזיכטיק. ער האָט דערפאַר גערעדט אין אַ האַלב־קאַלטן און אַ האַלב־שאַרפן טאָן:

— די פריי־שטאָט מישט זיך ניט אין יידישע שטרייטן. דאָס איז אַ ריין־רעליגיעזער שטרייט!

מרדכי העקשער איז געוואָרן העפלעכער, אים געפּרואווט איבערצייגן, אַז דער קריג איז פאַרבונדן מיט פּאָליטיק. פאַן־קוואַלען האָט אים איבער־געריסן אין מיטן רעדן און געהייסן קומען אין אַ וואָך אַרום.

אין די גאַסן זיינען דערווייל פאָרגעקומען נייע מחלוקתן. אליהו אָפּענ־היים, אַ משרת ביי משה קובעס אין קראָם ,איז באַפאַלן יוסף פרעגערן און אים אויסגעדרייט אַ האַנט. און אַז דער שוחט ר׳ משה הײלבוט, ר׳ יעקב אשכנזיס אַ שטאַרקער אָנהאַנגער, איז געשטאַרבן, האָט ר׳ יהונתן באַפוילן מען זאָל וואַרפן אַ שטיין אויף זיין אָרון, ווי דער דין איז, אַז דער וואָס שטאַרבט אין חרם דאַרף מען פאַרשטיינערן זיין אָרון. נאָך דער לוויה איז אויסגעבראָכן אַ געשלעג אויפן בית־עולם און דריי שמשים פון דער חברה קדישא זיינען צעמזיקט געוואָרן. נאָכדעם זיינען מרדכי העקשער און דוד גאַנדז אַריין אין משה קובעס קראָם, צעבראָכן אַ געלט־קאַסע און צעריסן ווערט־פּאַפּירן. משרתים, מעקלער, זיינען אָנגעלאָפן און מען האָט העקשערן מיט גאַנדזן אַרויסגעטראָגן צעבלוטיקטע... משה קובעסן אַליין האָט די האַמבורגער פּאָליציי אַרעסטירט.

אין דריי טעג אַרום איז דער צעשלאָגענער העקשער געזעסן ביי פאַן־

קוואַלען אין ביורא, אים געוויזן זיינע וואונדן. דער פּרעזידענט פון סענאַט האָט שוין איצט גערעדט לעבעדיקער:

— זאָגן זי מיר, הער העקשער, — האָט ער געפרעגט העפלעך, — אויב איך וועל לאָזן פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן די אַלטונער געמיינדע־פירער, וועל איך האָבן די שטיצע פון די האַמבורגער יידן?

— אַבסאָלוט זיכער, — האָט העקשער געענטפערט. — לאָזט עס צו אונדז, האַמבורגער!

צען אַזייגער אינדערפרי האָט זיך אָנגעהויבן דער פּראָצעס. אַ טומל־דיקער עולם פון ביידע צדדים האָט אָנגעפילט דאָס געריכט־הויז.

אַ בלאָנדער, מיטל־יאָריקער ריכטער מיט באַקן־בערד איז געזעסן און אויסגעהערט ביידע צדדים. ער איז געווען אַן אַלטער אויסגעפּרואוטער פּאָליטיקער און האָט גוט געוואוסט אין וואָס דאָ האַנדלט זיך. ער האָט שוין געהאַט זיין אָפּגעמאַכטע מיינונג וועגן אויסגאַנג פון פּראָצעס, אָבער ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ גלייכגילטיקן, נייטראַלן שופט. צום ערשטן האָט דער געריכט אויסגעהערט די אָנקלאָגער מרדכי העקשער און משה אהרן. ביידע האָבן געטענהט דאָס זעלבע:

— פון דור צו דור גייט דאָ איבער די מאַכט, און די רייכע אַלטונער יידן ירשענען סיי דאָס געלט, סיי דעם כבוד פון די האַמבורגער יידן. אין זייער רשות ליגט דאָס רעכט אויסצוקלייבן אַ ראַבינער. זיי פרעגן זיך ניט אַן ביים פאָלק. זיי באַשטימען אַליין אַ מענטשן פאַרן אמט. מיר, האַמ־בורגער, דערקלערן דעריבער, אַז דער אָבער־ראַבינער איז אַ הערעטי־קער.*) ער איז דערוויילט געוואָרן ניט לויטן געזעץ. מיר בעטן דערפאַר מען זאָל אויסרופן נייע וואַלן פאַר אַ ראַבינער.

כאָטש דער פאַרטיידיקער האָט געוואוסט מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן, האָט ער פונדעסטוועגן געפאָדערט דער ריכטער זאָל אַרויסרופן נאָך עדות פון האַמבורג. אָבער אויך די אַנדערע האָבן גערעדט קעגן אַלטונא.

פונעם אָנגעקלאָגטן צד האָט גערעדט יחיאלכי וואָלף אַליין.

— דער דרוקער אשכנזי איז אַ שטער פאַר דער רו פון די בירגער, — האָט ער אָנגעהויבן. דער ריכטער האָט אים גלייך איבערגעריסן:

*) לעסטערער.

— אָבער זינט ער האָט פאַרלאָזן האַמבורג איז די רו נאָך מער גע־שטערט? ביין?

— הער ריכטער, ער האָט ניט פאַרלאָזן, מיר האָבן אים געצוואונגען צו אַנטלויפן! — האָט וואָלף געענטפערט.

— מיט וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר באַרויבט אַ האַמבורגער איינ־וואוינער פון וואוינונגס־רעכט? — האָט דער ריכטער שטרענג געפרעגט.

— מיר האָבן דאָס רעכט, הער ריכטער!

— דאָס וועלן מיר זען, ווען דער קעניג וועט קומען, — האָט דער ריכטער געענטפערט.

די זיצונג איז איבערגעריסן געוואָרן פאַר אַ באַראַטונג. ביים אַרויס־גאַנג האָבן זיך בײדע צדדים באַגעגנט מיט פנימער פול מיט שנאה. יוסף פרעגער און דוד גאַנדז זיינען אויפגעשפרונגען קעגן וואָלפן און דראָענדיק געפאָכעט מיט קולאָקן אין דער לופט:

— מירן דיר ווייזן, נואף, גזלן!

דער טומל אַרום געריכט־הויז האָט אָנגעהאַלטן ביז שפּעט נאָכמיטאָג.

פיר נאָכמיטאָג האָט דער ריכטער אַרויסגעטראָגן זיין פסק:

„יחיאלכי וואָלף ווערט באַשטראָפט מיט הונדערט מאַרק פאַר באַ־ליידיקן דעם בירגער אַשקענאַזי אָן אַ באַראַטונג מיט די פאָרשטייער פון דער פריי־שטאָט און אַלטונא. פון אייבשיצערן ווערט צייטווייליק צו־גענומען דאָס רעכט צו זיין דער אָבער־ראַבינער פון האַמבורג, ביז נייע וואַלן וועלן פאָרקומען."

צווישן די מעקלער איז אויסגעבראָכן אַ שטורעם פון פרייד. העקשער, פרעגער און גאַנדז, און נאָך זיי אַן עולם האַמבורגער מעקלער, סוחרים, כלי־קודש, האָבן זיך געלאָזן מיט געזאַנג צו דער ברייטער־שטראָסע.

יחיאלכי וואָלף איז געזעסן ביים אַלטונער בירגערמייסטער און זיך אַראָפּגערעדט פון האַרצן:

— מיר דאַרפן קוקן טיפער אין דער צוקונפט, — האָט וואָלף גערעדט מעשה פּאָליטיקער. — אונדזער פליכט איז זיך צו פאַנאַנדערקלייבן אין דעם צוזאַמענהאַנג. דאָס דענישע קעניגרייך טאָר זיך ניט דערלויבן קיין ווייכהאַרציקייט, ווייל די אָרעמע יידן וועלן הייבן דעם קאָפּ אויך אין אַלטונא...

— זאָל דער קעניג נאָר צוריקקומען, — האָט אים יענסען געטרייסט.

— ניט אַלץ פאַרלאָרן.

ר׳ יעקב איז געפאָרן צוריק מיטן ים. ער איז געשטאַנען אויפן דעק און האָט געזען ווי די שוואַרצע ברוסט פון ים האָט שווער געאָטעמט, זיך געהויבן צום טונקעלן הימל.

פונדערווייטנס האָבן זיך געזען די פייערלעך פון אַמסטערדאַם. זיי האָבן געציטערט — אַ סימן, אַז דער דאַמפּער האָט זיך שוין געוויגט איבער די כוואַליעס. ווען די פייערלעך זיינען פאַרשוואונדן, איז ר׳ יעקב געבליבן זיצן אויפן דעק. דער ים האָט זיך געראונצלט און די כוואַליעס האָבן זיך געהויבן צום הימל, אָנגעשוואָלן ווי בערגלעך. ר׳ יעקב האָט זיך דערמאָנט אין אַ מאמר פון זוהר:

אויפן פּסוק „בנשוא גליו אתה תשבחם״ — פרעגט דער זוהר הקדוש: פאַרוואָס רומט הקדוש־ברוך־הוא, ווען די כוואַליעס פון ים הייבן זיך? גיט דער זוהר דאָס צו פאַרשטיין: פאַר בריאת שמים וארץ זיינען געווען אַלע וואַסערן אויסגעמישט. ערשט דער הימל האָט געמאַכט אַ צווישנשייד צווישן די מים־עליונים און די מים תחתונים. די איבערשטע וואַסערן זיינען געבליבן באַזונדער און די אונטערשטע — באַזונדער. בענקען שטענדיק די אונטערשטע צו די איבערשטע. זיי קאָנען נישט איינרוען, און פון דעם קומען די כוואַליעס פון ים. די וואַסערן הייבן זיך אין דער הייך פון גרויס תשוקה, פון גרויס בענקשאַפט. און כאָטש די וואַסערן ווייסן, אַז זיי וועלן קיינמאָל זייער ווילן ניט דערגרייכן, הערן זיי דאָך נישט אויף דאָס זייעריקע צו וועלן. און אָט די שטאַרקע תשוקה *), דער ווילן — לויבט גאָט.

אַ פיבער האָט אים אַרומגענומען פון גרויסן באַגער צו זיין צוריק אין האַמבורג. ער האָט זיך שוין געזען אין זיין מנין, אין זיין דרוק. זיך פאָרגעשטעלט אין דמיון ווי ער שטייט בראש פון דער האַמבורגער עדה און די יידן הערן זיך צו צו זיינע ווערטער. זיי כאַפּן אויף דעם מיין פון זיין תורה. אַ גרויסער ווילן פאַרן אמת פלאַקערט אין זיי...

פאַרטאָג האָט שוין ביים סאַמע הימל געגומען לויכטן אַ ברעג. די שיף איז צוגעשוואומען צום האַפן. ר׳ יעקב איז אַראָפּ פון שיף. די גאַסן זיינען געלעגן שטיל, ווי פעלדער באַך אַ שלאַכט.

---

*) גלוסטעניש.

ד

נאָכן שטורעם

דער ראש־הקהל און די מלכה

ביי פרידריך דעם פינפטן אין קעניגלעכן פּאַלאַץ אין קאָפּענהאַגען וועלן פון היינט אָן און ווייטער פאַרקומען רעגולערע אויפנאַמען פאַר דיכטער, פילאָסאָפן און מאַלער. מאַריאַ יוליאַנאַ וועט זיך אויפפירן פונקט ווי אין בראַנשווייג.

אַלע אין דייטשלאַנד מעגן איר מקנא זיין, דער נייער הערשערין פון דענעמאַרק. דעם קעניג אַליין מעגן ניט געפעלן אירע קאַפּריזן. איז ער דאָך דערפאַר, ווי אַלע לוטעראַנער, אַביסל אַסקעטיש געניגט. אָבער מודה זיין מוז ער, מוזן אַלע, אַז צו איר שיינקייט און גראַציע איז אין גאַנץ דייטש־לאַנד, אין גאַנץ דענעמאַרק קיין גלייכן ניטאָ.

דריי חדשים נאָך איר חתונה מיט דעם קעניג זיצט זי אין דעם אויס־געפּוצטן זאַל, וואָס איז פול מיט שפּיגלען, געשניצטע טישלעך און גאָלדענע קונסט־געמעלן. זי זיצט און וואַרט אויף געסט, וואָס קומען איינציקווייז, לויט דער ריי אין חשיבות: צום ערשטן — ראַטגעבער, מיניסטאָרן, נאָכ־דעם די בירגערמייסטער פון גרעסערע און קלענערע שטעט.

מאַריאַ יוליאַנאַ לאַנגווייליקט זיך פון זייערע באַזוכן. זיי זיינען שאַרפע און קאַלטע פּראָטעסטאַנטן, זי אָבער איז פון איר מוטערס צד אַ קאַטוילישע און עס ציט איר צו דער קאַטוילישער מעסע *) און ניט צו דעם טרוקענעם עוואַנגעלישן צערעמאָניאַל.

זי נעמט אירע געסט אָבער אויף מיט אַ דיפּלאָמאַטישן זשעסט, ווי זיי וואָלטן געקומען זיך באַראַטן מיט איר.

איינער פון די לעצטע געסט איז דער אַלטונער בירגערמייסטער לודוויג יענסען. פאַר אים איז היינט באַשטימט אַן אויפנאַמע, אָבער זי וועט אים אויפנעמען אָן חשק.

אין איר איז לעצטנס פאַרגעקומען אַ פאַרענדערונג. זינט אַ פּאָר טעג האָט מען זיך אין הויף דערוואוסט, אַז די נייע קעניגין איז פאַרגאַנגען אין טראָגן. פרידריך אַליין איז פון דער נייעס געוואָרן גליקלעך. ער האָט אַלע־מען דערציילט וועגן זיין האָפענונג אויף אַ צוקונפטיקן יורש־עצר **):

---

*) טעגלעכע געבעט.

**) יורש פון טראָן.

פרידריך דער זעקסטער, און דערביי האָט זיך אויף זיין פליישיקן, לייכט־זיניקן פנים ברייט פאַנאַנדערגעגאָסן אַ ווילדע הנאה.

זי איז אָבער ניט געווען שטאַרק צופרידן מיט איר מעוברתדיקייט. זי האָט זיך געשראָקן, אַז זי וועט אָנווערן איר שיין און שלאַנק געשטאַלט. זי האָט מורא באַקומען, אַז דאָס קינד זאָל איר ניט שטערן אין פאַרברענגען מיט די מענטשן פון דער קונסט־וועלט, און דער גאַנצער ענין פון זיין אַ מוטער איז איר אויסגעקומען עפּעס ווי אַ ניט־חשובע זאַך, וואָס פּאַסט ניט פאַר אַן אײדעלער פּרינצעסין, מיט וועמען גאַנץ דייטשלאַנד האָט זיך ביז ניט לאַנג צוריק געריימט.

איצט, אין אַ שפּעט־זומערדיקן נאָכמיטאָג, איז זי געזעסן אין איר אויפנאַם־זאַל, אַ גוואַלדיק־פאַרפּוצטע. אויף איר קאָפּ איז אַביסל אָן אַ זייט געווען אָנגערוקט אַ געצאַצקעטער ברייטער הוט מיט אַ קרוין אויפן שפּיץ. דער נייעם פאַרקעם, וואָס איז אויפגעקרייזלט געוואָרן פון אירע גלאַטע האָר, האָט פאַרענדערט איר פּנים.

ביים אַריינקומען פון שטייפן בירגערמייסטער האָט זי געמאַכט אַ זשעסט — אַ צייכן ער זאָל זיך זעצן. זי האָט באַלד דערנאָך מידלעך אונטערגעשפּאַרט דעם קאָפּ און העפלעך געשמייכלט.

דער קאַלטער און ערנסטער יענסען האָט דערציילט וועגן די אָנגע־שטרענגטע באַציאונגען צווישן דער פריי־שטאָט האַמבורג און זיין שטאָט אַלטונאַ, וואָס געהער צו איר קעניגרייך. פאַראורזאַכט די שלעכטע באַ־ציאונגען האָבן די האַמבורגער יידן, וואָס געהערן צו אַלטונאַ פון יאָרן. איז וועמען גייט עס אָן? — יידן רייסן זיך צוליב אַ ראַבינער, זאָגלן זיי! האָבן זיי אָבער פאַרפירט אַ פּראָצעס אין פריי־שטאָטישן געריכט און אין דעם זעט ער, דער לאָיאַלער דינער פון דער קרוין, אַן אויפשטאַנד קעגן קעניג, קעגן טראָן אַליין.

די קעניגין האָט געשוויגן, צוליב העפלעכקייט אים געלאָזט רעדן. כאָטש עס האָט איר ווייניק־וואָס אינטערעסירט דער גאַנצער שמועס. יענסען האָט געלאָזן גערעדט: „ערשט היינט איז ביי אים געזעסן דער פירער פון דער יידישער געמיינדע, הער וואָלף, אַ געוועזענער אייגוואויבער פון בראַנשווייג, און אים געוואָרנט, אַז דער האַמבורגער סענאַט איז פאַר־אינטערעסירט די יידן זאָלן זיך אָפּרייסן פון אַלטונאַ...“

די קעניגין, וואָס האָט די גאַנצע צייט כמעט ווי גאָרניט געהערט, האָט זיך גראָד איצט פאַרטראַכט, ווי זי וואָלט זיך אין עפּעס געוואָלט דערמאָנען.

יחיאלכי וואָלף — האָט זי געטראַכט — דער נאָמען איז איר ניט פרעמד. איז עס ניט אַמאָל דער האַמבורגער געלט־הענדלער, וואָס פלעגט איר צושטעלן דעניִשע מאַרקן אין בראַנשווייג? זי האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— קומט דער ייד וואָלף פון בראַנשווייג?

— יאָ, ער פירט געשעפטן אין בראַנשווייג.

איצט דערמאָנט זי זיך, אַז וואָלף איז אַמאָל געווען ביי איר אין פּאַלאַץ און פלעגט איר דערציילן אַזעלכע מיסטישע לעגענדעס . . . ווי אַ פּאָעט.

זי האָט זיך אויסגעגלייכט אין פאָטעל, געעפנט די מידע אויגן, און געזאָגט:

— הער בירגערמייסטער! דעם יידן וואָלף קען איך פון בראַנשווייג, אַן אינטערעסאַנטע פּערזאָן. מען דאַרף זען די זאַך שליכטן צום גונסטן פון דער קעניגרייך... איך וועל איבעררעדן מיטן קעניג.

אַ צופרידענער, מיט אַ צעשוואומענעם בליק אונטער די דיקע ברילן, האָט זיך יענסען טיף פאַרנייגט און איז אַרויס.

יחיאלכי וואָלף, אָנגעטאָן אין אַ לויזן שוואַרצן מאַנטל, איז געזעסן אין אַ קאָטש, געשפּאַנט צו צוויי פערד, און זיך געטראָגן איבער די קאָפּענ־האַגענער גאַסן. זיין בלאָנדע באָרד האָט רואיק גערוט אויף דער ברוסט און אַ נחת איז זיך צעגאַנגען אין אַלע זיינע אברים.

דאָס איז ער געפאָרן אין קעניגלעכן פּאַלאַץ, צו אַ ספּעציעלער אוידיענץ מיט דער קעניגין, וואָס ער האָט שנעל אויסגעפּועלט. ערשט איצט, אויף די גאַסן פון דער קעניגלעכער רעזידענץ־שטאָט, האָט ער דערפילט זיין גאַנצע חשיבות. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט נאָך מיט אַ האַלב יאָר צוריק דערציילט זיין גוטן פריינט יוזפּאַ האַלענדערן וועגן דער קעניגין, וואָס, הגם זי איז עלטער פון פרידריכן מיט ניין יאָר, האָט זי אָבער פאַר־שטאַנען ביי דער ערשטער באַקאַנטשאַפט צו מאַכן אַ רושם אויף אים מיט איר וויבערשער שיינקייט. יחיאלכי האָט נאָך אין בראַנשווייג געהערט, אַז זי האָט געוואָרפן אַן אויג אויפן טראָן. אַ קלוגע מלכה. ער ווייסט אויך, אַז אַזוי לייכט איז עס דעם קעניג ניט אָנגעקומען. די שנאה פון דעניִשן לוטעראַניש־דערצויגענעם פאָלק צום קאַטוילישן גלויבן איז טיף איינגע־וואָרצלט, און מאַריאַ יוליאַנאַ איז אַ פאַרברענטע קאַטאָליקין...

האַלטנדיק איר איינלאַדונג אין האַנט, האָט ער דערפילט אַ גוטן טעם אין מויל. ער איז געווען זיכער, אַז זיין באַגעגעניש מיט איר וועט צוניץ

קומען. און ער האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט איר דערציילן וועגן זיין רבי, ר׳ יהונתן אייבשיצער, וואָס האָט אַמאָל אין פּראַג געהאַט אַ סך קאַטוילישע גלחים פאַר פריינט. ער איז געווען איבערצייגט, אַז אים וועט זיך גרינג איינגעבן אָפּצומאָלן פאַר איר דאָס וועזן פון זיין רבין. ער וועט רעדן אומ־געפער אַזוי:

— דער אָבער־ראַבינער איז אַ מקובל, אַ מיסטיקער, אָט צום ביישפּיל, ווי אַ קאַטוילישער בישאָף. דער האַמבורגער ראַבינער — צווישן יידן רופט מען אים דרוקער... — איז אַ טרוקענער פּעדאַנט, אָט צום ביישפּיל, ווי אַ לוטעראַנער...

ער האָט באַשלאָסן, אַז דאָס זיינען די פּאַסיקסטע ווערטער. מער דאַרף מען ניט. זי וועט זיך אַליין אָנשטויסן...

דער באַדינער, וואָס האָט אים אַריינגעלאָזן אין קעניגלעכן זאַל, האָט, ניט ווייסנדיק ווער דער ייד איז, מיט אַ געוויסער זאָרג פון צייט צו צייט געכאַפּט אַ קוק אין זאַל וואו ער איז געזעסן און געוואַרט, צי אַלץ איז אין אָרדענונג...

די פאַרהאַנגען האָבן אַ שאַרך געגעבן און ס׳האָבן זיך דערהערט טריט. יחיאלכי וואָלף האָט זיך אויפגעהייבן פון שטול. פאַר אים איז געשטאַנען מאַריאַ יוליאַנאַ.

ער האָט זי שוין אַ לאַנגע צייט ניט געזען. אין בראָנשווייג איז ער צוויי מאָל געווען ביי איר. איצט זעט זי אויס אַביסל אַנדערש. ניט געקוקט אויף אירע פערציק יאָר, טראָגט זי נאָך, די עבודה־זרהדיקע ערלת, אויף זיך אַלע שפּורן פון יונגער שיינקייט. איר קערפּער איז נאָר פולער און אויך דאָס פנים. די אויגן, פאַרשלייערט מיט מעלאַנכאָלישער מידקייט, ברענען, ווי זיי וואָלטן געווען שיכור אָדער שווער־קראַנק. אַ לייכטער און איידעלער ריח פון געווירצן און זאַלבן ווייעט פון אירע קליידער און ער טראַכט, אַז זי קומט איצט פון אַ תיפלה...

זי האָט אים געהייסן זיצן און באַלד אָנגעהויבן רעדן:

— הער וואָלף, דער בירגערמייסטער פון אַלטונא האָט מיר דערציילט וועגן אייער לאָיאַליטעט צום קעניגרייך. דערציילט מיר, ביטע, וועגן דעם רעליגיעזן קאָנפליקט.

יחיאלכי האָט עניוותדיק אַרונטערגעלאָזן דעם קאָפּ און געזאָגט מיט אַ שוואַכער שטים, וואָס האָט געקלונגען מיט איבערטריבענער באַשיידנקייט:

— דער אָבער־ראַבינער פון מיין געמיינדע איז אַ וואָרער מיסטיקער. דערפאַר באַשולדיקן אים די האַמבורגער יידן אין מאַגיק.

ער האָט איר דערציילט וועגן די קמיעות, איבערגעגעבן אַלע פּרטים. זי האָט ניט געקוקט אויף אים, ווי זי וואָלט אים אינגאַנצן ניט געהערט, אירע אויגן זיינען געווען געווענדט צום גילדערנעם לייכטער מיט אַ צלם אויפן שפּיץ. באַלד האָבן זיך אָבער אירע ליפּן פאַרצויגן אומגעדולדיק איבערן מויל:

— טאַליסמאַנען, וואָס איז עס אַזוינס? — האָט זי געפרעגט.

אַנשטאָט איר ענטפערן, האָט וואָלף פאַר איר געשילדערט, אין אַ גוטן דייטש, די לאַגע פון די פאַרצווייפלטע פרויען, די צו־קינד־גייענדיקע. זי האָט אים שוין איצט געהערט מיט מער אויפמערקזאַמקייט, און ווען ער האָט פאַרענדיקט, אים געפרעגט:

— די מאַגישע שריפטן, זיינען זיי גוט פאַר יעדער צו־קינד־גייענדיקער?

— יאָ, איר מאַיעסטעט, דעם ראַבינערס טאַליסמאַנען העלפן יעדן.

אַ איראָנישער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף אירע ליפּן. אירע פון־פיבער־מידע אויגן האָבן געפינקלט מיט באַהאַלטענעם שפּאָט:

— עכט אינטערעסאַנט. ברענגט מיר אַזאַ טאַליסמאַנע. עס וועט מיר לייכטער זיין צו דערקלערן דעם קעניג...

זי האָט זיך אויפגעהויבן און די אויפנאַמע איז געווען געענדיקט.

אַ גליקלעכער האָט יחיאלכי וואָלף פאַרלאָזן דעם קעניגלעכן הויף. אין האַרצן האָט זיך ביי אים געוויקלט אַ האָפענונג. ער האָט זיך אָנגעהויבן פילן זיכער און שטאַלץ.

איבער קאָפּענהאַגען האָט געניזערט אַ קילע שפּעט־זומער נאַכט. געדיכטע שטיקער וואָלקן האָבן געשוועבט איבערן הימל. ווי אַ זילבערנע שיף איז די לבנה געשוואומען צווישן די ליכט־באַזוימטע וואָלקנס.

דער משומד ביים רבין

עס איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט, ווען קאַרל אַנטאָן, פּראָפעסאָר פון העלמשטאַט, דער אַמאָליקער משה גרשון הכהן פון מיטוי און אַן אייניקל פון ר׳ חיים וויטאַל, איז געקומען באַזוכן זיין געוועזענעם רבין ר׳ יהונתן אייבשיץ, דעם רב פון אַלטונא און וואַנדזבעק, וועמענס נאָמען האָט צעטיילט דאָס יידישע פאָלק פון דענעמאַרק ביזן שוואַרצן ים.

אין אַלע שולן, קלויזן, אויף אַלע צוזאַמענפאָרן האָט מען געפירט מלחמה אַרום זיין נאָמען. שבחים און ברכות, קללות און חרמות צוזאַמען, האָבן זיך געטראָגן אַרום דעם נאָמען פון יהונתן אייבשיצער.

לעצטנס האָט קאַרל אַנטאָן אַפילו דערהאַלטן אַ בריוו פון דעם פראַנ־צויזישן שריפטשטעלער, דעם אַנטיסמיט וואָלטעיר, וואָס פרעגט אים אָן, דעם העלמשטאַטער פּראָפעסאָר, וועגן דעם מערקווירדיקן יידן אייבשיצער. ער איז זיך מודה: בשעת־מעשה האָט זיך אין אים אויפגעוועקט דער ייד. אַ חילול־השם! דער געוועזענער רבי זיינער זאָל זיין אַן אָביעקט פון שפּאָס פאַרן פראַנצויזישן אַטעאיסט.

— ווער איז ער באמת, דער דאָזיקער ר׳ יהונתן? — האָט ער גע־טראַכט. — בשעת ער האָט ביי אים געלערנט אין דער פּראַגער ישיבה, האָט ער אים געזען ווי אַ גאון, וואָס טרעט ניט אָפּ פון די זעקס הונדערט און דרייצן מצוות, ווי אַלע פרומע רבנים. ער האָט אויך געהערט, אַז ער האָט ידיעות אין מאַטעמאַטיק, אין פילאָסאָפיע און אַסטראָנאָמיע. זאָל עס זיין, אַז די וויסנשאַפט האָט עס צעפרעסן זיין גלויבן, וואָס איז געווען פאַר־בונדן מיטן איינגעשטעלטן סדר פון דער תורה? אָדער איז ער טאַקע אַ מיסטיקער, אַ באַהאַלטענער תלמיד פון שבתי־צבי און באַנוצט זיין מיסטישע קענטעניש צו באַווייזן וואונדער אין נאָמען פון פאַלשן משיח? אויב אַזוי, פאַרוואָס פאַרשעלט ער אין דער עפנטלעכקייט די תלמידים פון שבתי־צבי, לייגט זיי אין חרם?

„יעקב עמדין, זיין גרעסטער שונא, שרייבט, אַז ער שיקט זיינע זין צו די פראַנקיסטן אין פוילן, צו די פאַנאַטישע און געפערלעכע תלמידים פון יענעם משיח. מען האָט אים אויך דערציילט, אַז ר׳ יהונתן שרייבט בריוו צו די פראַנצויזישע קאַרדינאַלן, צו די יעזואיטישע פאַטערס פון רוים, בעט אַז זיי זאָלן אים מאַכן פאַר אַ צענזאָר איבער יידישע ספרים.

„וואָס באַדייט עס? פאַרוואָס לאָזט ער, דער פרומער רב, פאַרטיידיקן זיין רבנישע כשרות אים, גראָד אים, דעם משומד קאַרל אַנטאָן, אַ גלויביקער אין נייעם טעסטאַמענט?"

די אַלע פראַגן האָבן אים אָנגעפילט מיט נייגעריקייט זיך צו טרעפן מיט ר׳ יהונתן, וועלכער האָט אים שוין געשריבן עטלעכע בריוו, אים געבעטן ער זאָל אים פאַרטיידיקן פאַרן דענישן קעניג.

ווען ער איז אַריינגעפירט געוואָרן צו ר׳ יהונתן אין חדר, איז יענער געזעסן ביי אַ לאָמפּ איבער אַ ספר און געקוקט קלוג און מילד. אַ שטילער שפּאָט האָט זיך געגאָסן פון זיינע אויגן און זיך געפלאָנטערט אין זיין מילד־ווייסער באָרד.

ר׳ יהונתן האָט זיך אויפגעשטעלט, געקוקט אויף דעם בלייכן און פאַר־שטיינערטן משומד, און זיין לאַנגע ייִדענע זשופּיצע האָט גערוישט. ער האָט אַרויסגערוקט פון זיין ברייטן אַרבל אַ ווייסע האַנט, זי אויסגעשטרעקט דעם גאַסט און זיין ראָז פּנים איז פריינטלעכער געוואָרן. קאַרל האָט געזען ווי אויף דער גלייכער קליינער נאָז און איבער די קליינע קלוגע אויגן זיינען געלעגן דריי קאַרבן, ווי דער אות „שין"...

— האָסט געלייענט די נייע קונטרסים מיט די זלזולים, וואָס יעקב ישראל עמדין האָט אָנגעשריבן וועגן מיר? — האָבן זיינע קלוגע אויגן ווידער שפּאָטיש געלאַכט.

קאַרל אַנטאָן האָט געשוויגן.

— אַי, אַי, אַ טרוקענער נפש, דער צערייצטער זון פון אַמסטערדאַמער רב. ער קאָן שרייבן, דער צעכעסטער האָן, האָט אַ בלומען־שפּראַך. ער ווייסט אָבער ניט, אַז אַ פאַרטריקנטע בלום איז היי, איז גוט פאַר אַ בהמה. ער פאַרגינט זיך צו שרייבן, אַז דער זוהר איז ניט פון ר׳ שמעון בן יוחאי. און אַז ניט, איז וואָס? עס גייט דען אין דער פען? אַי, אַז די פען ווערט ניט געפירט פון דער נשמה? — האָט זיך ר׳ יהונתן צעשאָקלט און ווידער אַריינגעלאַכט אין זיין מילד־ווייסער באָרד.

— רבי, פאַרוואָס לייגט איר אַריין אין חרם די שבתי־צביניקעס? — האָט קאַרל געפרעגט מיט אַ הייזעריקער שטים, און איז געוואָרן נאָך ערנסטער. — פאַרוואָס בויגט איר זיך, פאַרענטפערט זיך און לייקנט אַלץ דורך אומגעלומפּערטע דריידלעך? איז עס דען אַזוי וויכטיק, אַז איר זאָלט זיין דער רב פון האַמבורג? אַלטונא און וואַנדזבעק זיינען קאַרג פאַר אייך? איר לייגט זיך דאָך אַליין אַריין אין חרם.

ר׳ יהונתן האָט ווידער אַרויסגעלאָזן אַ קליין נחתדיק געלעכטערל:

— לאָז אָפּ, גרשון! זינט דו האָסט זיך געשמדט, האָסטו פאַרלאָרן דייַן טיפקייט. ווייסטו דען ניט, אַז איך וואָלט דיר אויף אַלע דיינע ספקות געקענט ענטפערן: נאָך אַלעמען, קומט אַלץ פון איין וואָרצל. קריסט, מאָכ־מעדאַנער — אַלץ איז פון איין שורש, פון ישראל, אַבי זיי ווייסן פון דער געטלעכקייט, פון גאולה. אָט האָסטו זיך געשמדט, אָבער עס איז פאַראַן עפּעס וואָס בינדט דיך צו מיר. און אַז יעקב עמדינער איז אַ פרומער ייד, איז וואָס? נעבעך אַ טרוקענער נפש, איז בלינד פאַרן קרישטאָלענעם ליכט פון דער קבלה... איך וויל זאָלסט וויסן, משה גרשון, אַז אויב עס איז שווער צו שטאַרבן פאַר אַן אמונה, איז טויזנט מאָל שווערער צו לעבן אַ צווייִ־דייטיקער, אַ צעשפּאָלטענער.

ער איז אויפגעשטאַנען און האָט אָנגעהויבן אַרומשפּרייזן איבערן צימער. די זיידענע זשופּיצע האָט גערוישט. ער איז צוגעגאַנגען צו דער פּאָליצע ספרים, אַרויסגענומען אַ פאַרגעלטן ספר, און אים דערלאַנגט:

— נאָ זע, לייען וואָס דער זיידע דיינער שרייבט!

קאַרל אַנטאָן האָט גענומען דעם ספר, אים צוגעטראָגן צו די קורצ־זיכטיקע אויגן און אַרויסגעלייענט די תורה פון אר״י הקדוש, פון ספר הגלגולים:

„עס טרעפט, אַז עס קומען זיך צוזאַמען צוויי נשמות אין איין גוף, כדי אינאיינעם דורכמאַכן זייער גלגול אין דער וועלט. איינע איז ליכטיק, די צווייטע איז חושך. איינע קומט פון אַ למדן, אַ תלמיד־חכם, די צווייטע — פון אַן עם־הארץ, אַ פּראָסטן. איינע איז אויסגעהאַקט פון כסא־הכבוד, די צווייטע איז גאָלע טומאה. אָבער זיי זיינען פאַרט באַהאַפטן „כשלהבתא בגומרא״, ווי דאָס פלעמל אין דער קויל. אָפט גיסן זיי זיך צונויף, באַ־העפטן זיך, ווערן מעוברת. אָפט צעברעכן איינע די אַנדערע. אָבער תמיד איז אַזאַ פאַראייניקונג אַ הילף און אַ כפרה פאַר זינד.״

— מיין גוף, משה גרשון, — האָט זיך ר׳ יהונתן צעזונגען, ווי ער וואָלט געהאַלטן אַ דרשה, — איז אַ כלי, דורך וועלכער די אויבערשטע חכמה גיסט זיך, אָבער מיין גוף איז אויך אַ צעבראָכענע כלי. איך ווייס עס. קיינער שפּירט עס ניט אַזוי לעבעדיק ווי איך אַליין. אָט אַזוי באַהעפט זיך די אויבערשטע וועלט אין דער אונטערשטער, שפּלער. אָט אַזוי לייטערט זיך די נשמה. דאָס איז דער סוד פון גלגול, וועלכן איך האָב אַמאָל דערקענט ביים טייך דונאַי, פּונקט ווי דיין זיידע וויטאַל ביים כנרת.

די רייד פון קלוגן ר׳ יהונתן האָבן געררונעצן ווי לויטערער האָניק. קאַרל אַנטאָן האָט אָבער, ווייזט אויס, אַלץ ניט באַנומען. ער האָט געזאָגט:

— איר, רבי, בענקט נאָך די קרישטאָלענע היכלות פון ר׳ שמעון בן יוחאי און דעם לויטערן קוואַל פון אר״י, יענע אָבער, די וואָס רעדן אין אייער נאָמען — נאָך די בריסט פון זונות...

ר׳ יהונתן האָט ניט געענטפערט. קאַרל אַנטאָן האָט געזען ווי דער ניט־הויכער דיקלעכער גוף מיט דער מילך־בלישטשענדיקער באָרד דער־ווייטערט זיך, זעצט זיך ווידער איבערן ספר מיט אַ שפּאָטישן שמייכל אין די קליינע גרינלעכע אויגן.

די קעניגין און די קמיעה

די געהויבענע געסט פון מאַריאַ יוליאַנאַס קינסטלערישע צוזאַמענ־קונפטן איז גאָרניט געפעלן, וואָס יחיאלכי וואָלף, דער בערדיקער ייד פון אַלטונא, איז דאָרט אויך אַן אָפטער גאַסט. מאַריאַ יוליאַנאַ האָט אָבער ניט פאַרגעסן אים איינצולאַדן צו יעדן וויכטיקן צוזאַמענקום.

עס איז געווען ביי אַ צונויפטרעף פון דיכטער, קינסטלער און פילאָסאָפן לכבוד דער קעניגינס געבורטטאָג. יחיאלכי וואָלף איז געבעטן געוואָרן פון דער מלכה אַליין, ער זאָל דערציילן אַ „יידישע מיסטישע דערציילונג". די קייסערין און די געסט האָבן זיך מיט גרויס אינטערעס צוגעהערט צו דער קבלה־לעגענדע וועגן לילית, דער מלכה פון די שדים.

„לילית איז געווען אדמס ווייב. נאָכדעם ווי ער האָט געזינדיקט מיטן „עץ הדעת", איז זיין ווייב פאַרטריבן געוואָרן פון גן־עדן, און פון דעמאָלט אָן טוט זי אַן כלערליי רשעותן און פיינען צו מוטערס, וואָס גייען צו־קינד. אָבער גאָט אַליין שיקט אַרויס דריי מלאכים: סני, סנסני און סמנגלף, און זיי האָבן אַ שליטה איבער דער קעניגין פון די שדים. יעדער פרוי, וואָס שטייט אונטערן שוץ פון די דריי מלאכים, קאָן לילית קיין שלעכטס ניט טאָן, און זיי ווערן באַלד אָנטבונדן.

„מקובלים, יידישע מיסטיקער, האָבן דעריבער אויסגעפונען אַ מיטל קעגן דער שדימכע, לילית. זיי הענגען איבערן בעט פון אַ פרוי וואָס גייט צו־קינד, אָדער הייסן איר טראָגן אויף איר לייב, אַ קמיעה מיט די נעמען פון די דריי מלאכים, וואָס שיצן זי פון אַלדאָס בייז. אַזעלכע קמיעות ווערן געשריבן בלויז פון איינצלנע, באַהאַוונטע אין קבלה. איינער פון די גע־ציילטע, וואָס שרייבן די טאַליסמאַנען, איז דער ראַבינער פון אַלטונא און וואַנדזבעק..."

צווישן פלאַפלעריי און געמיטלעכן פאַרברענגען פון די געסט, האָט יחיאלכי אַריינגערוקט דער קעניגין אין האַנט אַן עלפּענביין־שקעטעלע, וואָס אינעווייניק האָט זיך געפונען אַ קמיעה. זי האָט צו אים געשמייכלט און געגלעט דאָס שקעטעלע.

שפּעט אין אָוונט, ווען די געסט זיינען זיך צעגאַנגען, האָט זי געעפנט ס'שקעטעלע און באַטראַכט די קמיעה: אַ שטיקל פּאַרמעט, באַשריבן מיט

פיר־עקעכדיקע העברייאישע אותיותלעך און צווישן די אותיות—דריידלעך און פייגעלעך.

אַ נאַכט שפּעטער איז זי געזעסן צווישן אַ געקליבענעם געזינדל הויפ־לייט און האָט מיט אַ חוזקדיק קול זיי דערציילט וועגן דעם מאַגישן פּאַרמעטל.

דער קאָפּענהאַגענער פּראָפעסאָר קריסטיאַן קירקעגאַרד האָט געוואָלט זען די קמיעה, נייגעריק געווען עס צו באַטראַכטן. זי האָט אים דערלאַנגט ס׳פּאַרמעטל און אַלע האָבן אויף דעם אַביסל דערשראָקן געקוקט.

— אַ יידישער מאַגיקער, דער ראַבינער, — האָט זיך דער פּראָפעסאָר אָנגערופן, און אַרויפגערוקט די דיקע ברילן, און מען האָט ניט געוואוסט, צי אין זיין זאָג איז געווען ביטול, אָדער רוגזה. דער קעניג אַליין האָט מיט אַ שטילן, אַביסל געצוואונגענעם געלעכטער, פּאַרטיידיקט דעם ראַבינער פון זיין שטאָט אַלטונאַ, וועמען ער האָט קיינמאָל ניט געזען.

— ניט קיין מאַגיקער, נאָר אַ גרויסער מיסטיקער און אַ דענישער פּאַטריאָט איז דער ראַבינער, — האָט ער געזאָגט.

— די „מעקלענבורגער נאַכריכטן״ שרייבן וועגן געשלעגן אין דער פריי־שטאָט, צוליב דעם ראַבינער. וואָרשיינלעך האַלטן זיי ניט פון זיין מיסטיק, — האָט דער פּראָפעסאָר געענטפערט, און מען האָט ניט געוואוסט, צי איז אין דעם געלעכטער חוזק אָדער רוגזה...

מאַריאַ יוליאַנאַ איז געלעגן קאָקעטיש אין איר בעט. אונטערן קישן צוקאָפּנס איז געלעגן די קמיעה. זי האָט עס יעדעס מאָל אַפּירגענומען און געקוקט אויף די אותיותלעך און די געדרייטע פייגעלעך און איז געווען זיכער, אַז נאָר די קמיעה האָט זי געראַטעוועט. דאָס האָבן איז איר געווען שווער און ווייטיקדיק. איצט איז שוין אָבער אַלץ פאַרביי. זי האָט געשאָנקען דעם מלך פון גאַנץ דענעמאַרק אַ יורש פון טראָן, פרידריך דער זעקסטער.

זי איז אויפגעשטאַנען, האָט זיך אויסגעצויגן פאַרן שפּיגל, באַטראַכט געענוי גליד נאָך גליד און אָפּגעאָטעמט לייכט: — ניין, זי איז ניט מיאוס געוואָרן...

דער קעניג איז אַריינגעקומען.

— פרידריך, דער ראַבינער איז אַן עכטער מיסטיקער. איך וויל זאָלסט טאָן אַלץ מעגלעכעס, ער זאָל צוריק באַשטימט ווערן אַלס ראַבינער אין

האַמבורג, — האָט זי זיך קאַקעטיש און מיטן גאַנצן ווייבערשן חן ביי אים געבעטן.

— איך האָב באַשטימט אַן אודיענץ פאַרן ראַבינער, דעם געמיינדע־פירער וואָלף און קאַרל אַנטאָן פאַרן קומענדיקן דאָנערשטיק, — האָט דער קעניג געענטפערט.

מאַריאַ יוליאַנאַ האָט גליקלעך געשמייכלט.

אין זיין מיניסטאָרן־זאַל, אין אַ וויכן פאָטעל מיט אַ הויכן אָנשפּאַר, איז געזעסן דער קעניג פרידריך דער פינפטער. לינקס, אין אַ קלענערער, גרין־סאַמעטענער שטול, איז געזעסן די קעניגין, און אַנטקעגן ביי אַ שמאָל טישל — דער מילך־וויסער ר׳ יהונתן אייבשיצער, דער הויכער, אַביסל מגושמדיקער קאַרל אַנטאָן, יחיאלכי וואָלף און לודוויג יענסען.

דער קעניג האָט זיך אַ לייכטן נויג געטאָן, געגעבן אַ סימן, אַז איינער פון די געסט מעג רעדן. דער ערשטער האָט גערעדט דער העלמשטאָטער פּראָפעסאָר. ער האָט גערעדט מיט שכל און מיט טאַקט. באַוויזן, אַז דער האַמבורגער הער אַשקענאַזי איז טאַקע אַ שאַרפער פּאָלעמיקער, אָבער שאַרפע רייד מיינען גאָרנישט, דער עיקר איז דער לאָגישער אַרגומענט.

— איך האָב געלייענט אַלע פּאַמפלעטן, וואָס ער האָט אַרויסגעלאָזן קעגן ראַבינער פון אַלטונאַ, — האָט קאַרל אַנטאָן גערעדט מיט די ברילן אין דער האַנט, — און האָב אין זיי ניט געפונען קיין איין לאָגישן אַרגומענט, וואָס באַווייזט, אַז דער אָבער־ראַבינער איז אַן הערעטיקער. איך נעם זיך דאָס רעכט דערפאַר צו אַפּעלירן צו זיין מאַיעסטעט, אַז דעם ראַבינער זאָל צוריקגעקערט ווערן דער אַמט אין דער פריי־שטאָט. עס איז טראַדיציע — און דער האַמבורגער סענאַט דאַרף ניט דערלאָזן, מען זאָל ברעכן אַ לאַנג־יאָריקע טראַדיציע.

ווען דער פּראָפעסאָר האָט גערעדט, האָט די קעניגין געקוקט אויפן אַלטן מילדן ר׳ יהונתן. זי האָט אין האַרצן באַוואונדערט זיין אייגנאַרטיק־פּאַטריאַרכאַליש געשטאַלט. ר׳ יהונתן האָט געקוקט רואיק און זיין לחלוטין־דיק רואיקער בליק, די זיכערקייט פון זיינע באַוועגונגען, האָבן אים צו־געגעבן חשיבות. כאָטש די אויגן זיינען ביי אים געווען פאַרדעקט מיט אַ קוים־מערקבאַרן נעפּל, האָט ער אָבער געשמייכלט מיט זיין באַטירלעכן קלוגן שמייכל.

דער פּראָפעסאָר האָט געענדיקט. דער קעניג האָט זיך אויפגעהייבן —

אַ צייכן, אַז די אוידיענץ איז פאַרענדיקט. ר׳ יהונתן האָט אויפגעהייבן די האַנט און געזאָגט: „יברכך ה׳ וישמרך״, די טראַדיציאָנעלע ברכת־כהנים. די געסט האָבן זיך טיף פאַרנויגט און פאַרלאָזן דעם זאַל.

דער ערשטער איז געגאַנגען יחיאלכי וואָלף. ער האָט געטאַנצט פאַר פריידן, וואָס עס האָט זיך אים איינגעגעבן דורכצופירן זיין פּלאַן, צונויפצופירן זיין רב מיטן מלך, מיט דער מלכה, און איז געווען זיכער, אַז איצט וועט שוין אַלץ צוגיין ווי ס׳דאַרף צו זיין. קאַרל אַנטאָן איז געגאַנגען לעבן ר׳ יהונתן און געשוויגן, ניט געהערט אַפילו ווי זיין רבי דאַנקט אים פאַר זיין פאַרטיידיקונג. ער האָט זיך געשפּירט ווי אַ מענטש וואָס האָט אָפּגעטאָן אַן עבירה אָן שום הנאה.

דריי טעג נאָכדעם ווי ר׳ יהונתן איז אויפגענומען געוואָרן פון קעניג, איז אין האַמבורגער סענאַט פאָרגעקומען אַ ספּעציעלע זיצונג. פאָן־קוואַלען האָט דערציילט די סענאַטאָרן, אַז ער האָט באַקומען אַ בקשה פון קעניג אַליין, מען זאָל דעם אַלטונער ראַבינער צוריקגעבן דעם אַמט. ער בעט דעריבער דעם סענאַט צוליב־טאָן דעם קעניג. אַנדערש וועלן די באַציאונגען פון דענעמאַרק מיט דער פריי־שטאָט ווערן אָנגעשטרענגט, בלויז די פריי־שטאָט וועט פון דעם ליידן...

נאָך אַ דעבאַטע פון די סענאַטאָרן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין האַמבורג זאָלן די יידן אָפּהאַלטן נייע וואַלן און זיי אַליין זאָלן באַשטימען, צי זיי ווילן איבעשיצערן פאַר רב.

אין די דריי קהלות האָט זיך ווידער געטומלט. יחיאלכי וואָלף האָט פאַררופן אַן אסיפה אין קהל־זאַל, וואו ער האָט מיט גרויס שמחה דערציילט וועגן דער אויפנאַמע ביים קעניג און איבערגעגעבן דעם רושם, וואָס ר׳ יהונתן האָט געמאַכט אויפן מלך און אויף דער מלכה.

ביי ר׳ יעקבן אין מויער זיינען געזעסן די מעקלער מיט מרדכי העקשער בראש און האָבן געזוכט עצות ווי אַזוי צו אָרגאַניזירן די האַמבורגער, אַז זיי זאָלן שטימען קעגן ר׳ יהונתן.

נאָכוייעניש פון שבתי צבי

טבת, שנת תקי״ט (1759). דאָס העלישע פייער פון מחלוקת, וואָס האָט געברענט גאַנצע פיר יאָר אין יעדן יידישן ווינקל, האָט זיך געלאָשן. דאָס קול פון שופר־בלאָזן אויף די חרם־אסיפות, ביי שוואַרצע ליכט און טהרה־ברעטער, איז פאַרשטומט געוואָרן. און מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ נייע פלאָג אין די דריי קהלות.

דער געשוויר אויפן יידישן לעבן אין פוילן, וואָס האָט געהייסן יעקב פראַנק, האָט אויפגעריסן. די יורשים פון שבתי־צבי האָבן זיך געגרייט צום שמד, און נאָך פאַרן שמד האָט יעקב פראַנק געלאָזן אַ יורש אין האַמבורג.

ר׳ יהונתן אייבשיצערס מיטעלער זון איז פון זיין קינדהייט אָן ניט געווען קיין לייט. ער איז געווען אַ ברייט־ביניקער, אַ הויכער און אַ שיינער. ער האָט ניט געוואָלט לערנען, ליב געהאַט מוזיק און דעם גאַנצן קאָפּ אַריינגעלייגט אין פידל־שפּילן.

אין די יאָרן פון דער מחלוקת פלעגט ער גאַנצע טעג פאַרברענגען אין די האַמבורגער איינפאָר־הייזער, שפּילן אין ביינדלעך, אין קאָרטן, און זיך געקליידט אין די שענסטע מלבושים. וואָלף האָט זיך ניט געאיילט חתונה צו האָבן. ביז צוואַנציק יאָר האָט ער פאַרבראַכט ביים פאָטער אין הויז און נאָכדעם איז ער אַוועק אין דער גרויסער וועלט.

ביי ר׳ יעקב אשכנזין אין מגין איז מען געווען זיכער, אַז דאָס האָט ר׳ יהונתן געשיקט זיין זון וואָלף קיין פוילן לערנען די תורה פון שבתי־צבי, פון דער פאַרשאָלטענער כיתה: די פראַנקיסטן. דוד גאַנדז און יוסף פּרעגער פלעגן אים חרמען און שעלטן מיט טויטע קללות. ר׳ יהונתנס תלמידים האָבן אָבער עדות געזאָגט, אַז אין די נעכט לערנט וואָלף קבלה און אַז זיי האָבן אַליין געהערט פון ר׳ יהונתנס מויל, אַז וואָלף איז אַ קדוש וטהור, האָט קיינמאָל קיין קרי *) ניט געזען...

אָנהויב ווינטער תקי״ט איז דער פיר־און־צוואַנציק־יאָריקער וואָלף אַראָפּגעקומען קיין האַמבורג מיט אַ טיטול אין קעשענע: באַראָן פאָן אַלדערסטאַל. ער איז צוגעפאָרן צום טאַטנס הויז אין אַ קאַרעטע געשפאַנט צו פיר פערד, דאָרטן פאַרבראַכט עטלעכע שעה און איז נאָכדעם אָפּגעפאָרן

*) נאַכט-טרעפעניש.

קיין בראַנשווייג, וואו ער האָט זיך באַזעצט אין אַ גרויסאַרטיקן פּאַלאַץ. ער האָט דאָרט אָפּגעוואוינט אַ חודש און נאָכדעם געקומען קיין האַמבורג און אָפּגעקויפט אַ גרויסן שלאָס פון דעם האַמבורגער באַראָן מעגערלין, אין האַמבורג ביי דער עלבע.

אין די דריי קהלות האָבן זיך פאַרשפּרייט שמועות, אַז וואָלף האָט נאָך בעת ער איז געווען אין פּוילן זיך געשמדט, אַז ער לעבט מיט אַ גויאישער פרוי, וועלכע ער רופט „עולימתא שפירתא״, וואָס איז ענלעך צו חוה פראַנק, די משומדת, וואָס האָט פאַרבלענדט מיט איר שיינקייט די אויגן פון פּוילישע מלכים און איז אַ צייט געזעסן צווישן זונות. מען האָט אויך דערציילט, אַז וואָלף האָט אויסגעקריצט אויף די ווענט פון זיין פּאַלאַץ די אותיות ש און צ און אַז ער שרייבט אַ ספר, וואו ער ווייזט מיט ראיות, אַז משיח, איידער ער וועט אַנטפּלעקט ווערן, מוז פריער אַריין אין דער טומאה, ווי דער נביא האָט פאָראויסגעזאָגט „ואת פושעים הוא נמנה״. מען דאַרף דעריבער קומען אויף עריות, עסן טרפות און אָפּטאָן כל עבירות.

פונוואַנען וואָלף האָט גענומען אַזויפיל געלט, האָט קיינער ניט געוואוסט. טייל האָבן געזאָגט, אַז ער האָט זיך אויסגעלערנט דעם סוד פון אַלכעמיע און קאָן מאַכן גאָלד פון שטיינער. און זיין עלטערער ברודער נאָטע האָט עדות געזאָגט, אַז וואָלף זיצט אויף שלמה המלכס שטול און אַז אין גאָרטן פון זיין פּאַלאַץ וואַקסן גאָלדענע פּירות...

ר׳ יעקבס תלמידים האָבן געטענהט, אַז ער האָט גערירשנט דאָס גאַנצע געלט פון דעם משומד פראַנק...

די ערשטע טעג פון וואָלפס באַזעצן זיך אין האַמבורג האָט ר׳ יהונתן פאַרגראָבן זיין קאָפּ און אַז די פּרנסים זיינען צו אים געקומען, האָט ער, ווי זיין מנהג איז געווען, געשמייכלט קלוג און קיל, און עס איז אויף אים גאָרניט געווען ניכר, אַז ער ליידט פון זיין זונס מעשים־תעתועים.

ר׳ יעקב האָט זיך אויף זיינע עלטערע יאָרן — ער איז שוין אַלט געווען אַכט־און־זעכציק יאָר — געגרייט צו אַ נייער מלחמה מיט די פראַנקיסטן. צום ערשטן האָט ער צעשיקט בריוו צום ועד פון די פיר לענדער אין פּוילן און אין אַנדערע מדינות, זיי אויפגעפאָדערט צו רודפן די פאַרשאָלטענע כיתה עד חרמה, און ווען וואָלף אייבשיץ — באַראָן פאָן אַלדערסטאַל — האָט זיך באַזעצט אין האַמבורג, האָט ער זיך אָפּגעשלאָסן אין זיין אויבערשטן שרייב־צימער און דאָרט געשריבן אַ נייעם ספר „מטפחת ספרים״, וואו ער האָט באַוויזן, אַז אַ סך פלעצער אין זוהר זיינען

אַריינגעשטעלט און מען דאַרף דערפאַר פאַרבאָטן לערנען קבלה יונגעלייט, וואָס „האָבן נאָך ניט אָנגעשטאָפּט דעם בויך מיט ש״ס און פּוסקים״.

די יונגע בתיה־צביה האָט געוואוסט פון דעם, וואָס ר׳ יעקב קוקט זי כמעט ניט אָן, גייט שפּעט שלאָפן, אַז ער איז פאַרטאָן אין זיינע כתבים און בלויז די מיידלעך, וואָס זיינען געשלאָפן אין די שכנותדיקע צימערן, האָבן אין די נעכט געהערט איר שווערן זיפץ...

ביטול־נאַכט. די האַמבורגער קירכן זיינען פול מיט הויל־קעפּיקע דייטשן און דענער. עס בליצט מיט קאַלטן גאָלדיק־זילבערנעם גלאַנץ. ס׳שמעקט מיט ווייַרויך, וואָס דערמאָנט, להבדיל, אין יידישן בית־המקדש, און דינע פאַרכטיקע געזאַנגען פון בלאַנדע שיקסעס אין רויטע כאַלאַטן און פירעקעכדיקע היט אויף די קעפּ טראָגן זיך מיט די פייערלעך־ברומענדיקע אָרגל־קלאַנגען אין קאַלטן דרויסן אַרויס. די קלאַנגען דרינגען אַריין אין יידישע שטיבער און שרעקן דאָרט מיט טונקעלער אָנזאָגעניש, אַז היינט איז ליל־כותי *) און דאָס יוזל פליט אַרום איבער דער וועלט און איז מטמא אַלצדינג.

פרומע ווייבער לייגן שטיקלעך אייזן אויף די פעסער וואַסער, טשוועקעס — אויף די קרוגן מילך, די טומאה זאָל קיין שליטה ניט האָבן, און אין די בתי־מדרשים, אין די יידישע הייזער איז פאַרשטומט דאָס קול פון תורה.

יענעם פאַרנאַכט האָט ר׳ יעקב אשכנזי אָפּגערעדט מיט זיין תלמיד יעקב עלזאַס, אַז היינט אָונט זאָלן זיי אַריבערגיין צו וואַלפן אין פּאַלאַץ. ער וויל זען, האָט ער אים געזאָגט, מיט זיינע אייגענע אויגן די טומאה, כדי ער זאָל עס קענען פאַרשרייבן און צעשיקן בכל תפוצות הגולה, זאָל די וועלט וויסן וואָס פאַר אַ בן־יקיר דער אחר און מין יונתן אייבשיצער האָט מגדל געווען...

נאָך מעריב האָט זיך ר׳ יעקב פאַרקליבן אין זיין צימער. ער האָט אין דער נאַכט ניט געלערנט און ניט געשריבן, כדי דער „אותו־האיש״ זאָל ניט האָבן קיין תיקון...

אַרום אַ שעה פאַר האַלבע נאַכט האָט זיך די טיר געעפנט און דער קורצער און דיקער יעקב עלזאַס איז אַריינגעקומען מיט אַ קעלט און אַ סאָפּעניש.

*) ווייַנאַכט.

— קומט, רבי! מיר וועלן זען דאָס נייע מלכות פון שבתי־צבי. דער משומד גרייט זיך צו דער עבודה.

ר׳ יעקב האָט זיך איינגעהילט אין זיין אַלטן פוטער, גענומען דעם בחור ביי דער האַנט און איז אַרויס אין גאַס. אַן אייזיקע קעלט האָט אים גלייך אַרומגענומען, פאַרשטיקט דעם אָטעם. זיי זיינען געגאַנגען גיך.

ביים אַריינגאַנג אין שלאָס האָבן געהויערט צוויי שטיינערנע לייבן. אינעווייניק, אין לאַנגן קאָרידאָר, זיינען די ווענט געווע באַהאַנגען מיט שיינע געמעלעכצן און בילדער, און אויף קליינע טישלעך זיינען געשטאַנען וועקסענע פיגורן. די סופיטן און די זיילן זיינען געווען באַמאָלט מיט דייטשע שריפטן.

פון קאָרידאָר איז ר׳ יעקב אַריין אין אַ זאַל פול מיט שפּיגלען. אין מיטן זאַל איז געשטאַנען אַ גרויסער קלאַוויר. אויפן קלאַוויר—אַ סקולפּטור פון אַ מאַדאָנע מיט אַ זויגעדיק קינד... אויף דער סטעליע איז געווען אויס־געמאָלט אַ גרויסער טעמפּל אונטער אַ הימל פול מיט שטערן. און אויף דער מזרח־וואַנט איז געהאַנגען אַ בילד פון אַ שיינער יונגער פרוי, אַ קאָפּ מיט גלאַט־פאַרקעמטע האָר און אַזעלכע טיף־בלויע אויגן, פונקט ווי ביי דער מאַדאָנע...

ר׳ יעקב האָט געקוקט אויפן בילד, אין זינען געהאַט זיך גוט צוקוקן, כדי עס צו באַשרייבן, און דאָך געליטן וואָס ער קוקט, איז מטמא זיינע אויגן...

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָנגעזעטיקט מיט די בילדער, מיט דעם אויסזען פון זאַל, איז ער אַרויס. פאַרן אוועקגיין האָט ער באַפוילן דעם תלמיד בלייבן ביז דער עולם וועט אָנקומען.

פונקט האַלבע נאַכט, ווען אין זאַל האָבן זיך געפונען ביי אַ צוואַנציק מענער און פרויען, צווישן זיי עטלעכע תלמידים פון ר׳ יהונתנס ישיבה, וועלכע יעקב עלזאַס האָט דערקענט, איז וואָלף אַריינגעקומען. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און זיך צערעדט:

— בנימין זאב, איז פון שורש ימיני. ימיני מאַכט ים־יין. ים איז פון סיטרא דחסד. יין — פון דין. היינט איז ליל־כותי, אַפילו גאונים לערנען ניט, שפּילן אין קאָרטן, מיר וועלן אָבער לערנען זוהר און דורכדעם צעברעכן די קליפות...

ער האָט באַפוילן מען זאָל ברענגען וויין און זיין פידל. ווען דער עולם

האַט געגומען טרינקען, זיינען אין זאַל אַריינגעקומען אַ צענדליק נקבות אין דורכזיכטיקע קליידער.

וואָלף האַט גענומען די פידל, זיך צעוויינט און נאָכדעם געשפּילט אַ גאַנצע נאַכט. ביז באַגינען האָט זיך פידל־נגינה, געמישט מיט געוויין, געטראָגן אין שלאָס פון באַראָן פאָן אַלדערסטאַל.

אויף מאָרגן אינדערפרי, ווען יעקב עלזאַס איז געקומען צו ר׳ יעקבן אין הויז, האָט ער אויפן טיש געטראָפן אַ פּריש־אָנגעשריבענעם כתב־יד, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

„דער גאָלדענער לייב פון עשירות און דער חמור פון ניאוף האָבן זיך מזווג געווען און געבוירן דעם „יקב זאב״.*)

„. . . דורך זנות און דורך ניאוף גרייט אייבשיצער אַ וועג פאַרן מלך המשיח. . . . איך, יעקב בן צבי, קנאי, דער זון פון קנאי, שווער: דער גיהנום וועט זיך אויסלאָזן און שבתי־צביס זינד וועלן זיך ניט אויסלאָזן...״

---

*) פאַרשאָלטענער וואָלף.

ר׳ יעקב עמדין און די „דריי רינגען״

אויף דער שיינער פרידריך־שטראַסע אין בערלין, וואו עס וואוינען פראָפעסאָרן, געהיימראַטן און אַנדערע געלערנטע, וואוינט דער חשובער ייד משה בן מנחם־מענדל פון דעסוי, וועמען קריסטלעכע פּאָעטן און פילאָסאָפן רופן: דער געלערנטער מאָזעס מענדעלסאָן. זיין פריינט, דער טעמפעראַמענטפולער דייטשער דראַמאַטורג גאָטהאָלד אפרים לעסינג, רופט אים „דער וויזע״.*)

אַ הויקערדיק יינגל, אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און טלית־קטן, האָט זיך דעם דעסויער סופרס זון אַריינגעגנבעט דורך די בערלינער טויערן אין דער פּרייסישער הויפּט־שטאָט מיט דער כוונה צו שטילן זיין דורשט נאָך תורה, שעפּן פונעם קוואַל פון זיין רבין, הגאון ר׳ דוד פרענקל פון דעסוי, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען דער רב פון דער בערלינער עדה.

ער האָט זיך דאָרט באַקאַנט מיט „חכמה חיצונית״ **), איז געוואָרן דער איידעם פון האַמבורגער גביר ר׳ נתן גוגענהיים, און מיט דער הילף פון קריסטלעכע געלערנטע און דעם שווערן נדן, זיך דערוואָרבן אַ סך וועלטלעך וויסן, וואָס ער האָט געוואָלט פאַראייניקן מיט דער תורה.

מיט אַ צוויי יאָר צוריק האָט דער מאַרקיז ד׳אַרזשאַן פון פּאַריז, נאָכדעם ווי ער האָט באַקומען מענדעלסאָנס אַ דיסערטאַציע, אויסגעפועלט פאַר אים אַ שוץ־פּריווילעגיע ביי פרידריך דעם צווייטן פון פּרייסן.

פון זינט משה בן מענדל איז געוואָרן בוכהאַלטער ביים פאַבריקאַנט בערנאַרד, האָט ער ניט נאָר באַקומען שטענדיקע וואוינרעכט אין בערלין, נאָר אַפילו פּרייסישע הויפלייט און אַקאַדעמיקער בויגן פאַר אים דעם קאָפּ אין טיפער ערפורכט.

משה בן מנחם, וואָס שרייבט איצט אַ ביאור אויף חומש אין ציכטיקסטן דייטשן לשון, ווייסט, אַז פרומע יידן קוקן אַביסל מיט חשד אויף אים, מורמלען שטילערהייט אונטער וועגן זיין אַפּיקורסות, אָבער ער באַמיט זיך ניט אַריינצוגיין מיט זיי אין וויכוחים.

יאָר תקכ״ג (1763). מענדעלסאָן האָט באַקומען אַ בריוו פון דער

*) דער חכם.

**) וועלטלעך וויסן.

יידישער קהלה אין דער מעקלענבורגער פראווינץ פון שווערין, אין וועלכן זיי בעטן אים אינטערווענירן ביים פרינץ פון שווערין ער זאָל אָראָפּנעמען זיין פאַרזאָג, אַז מען מוז האַלטן מתים דריי טעג ביז מען איז זיי מקבר. מענדעלסאָנען אַליין גייט דער איסור פון „הלנת מתים" *) ווייניק־וואָס אָן. פאַרקערט, דער פאַרבאָט איז אים צום האַרצן. עס איז „אין גייסט פון דער צייט", אָבער ער הערט זיך צו צו דער פאַרנונפטיקער עצה פון זיין פרוי, די האַמבורגער מיוחסת פרומעט גוגענהיים, און שרייבט אָן אַ בריוו צו ר' יעקב אשכנזי, בעט אים ער זאָל אים דערקלערן דעם „פאַרבאָט".

פאַרוואָס גראָד ר' יעקבן? ווייל פונקט ווי עמדין, איז ער אויך אַ שונא פון קבלה און שבתי־צבי. עמדין איז אים אויך נאָענט צוליב זיין מליצהדיקן העברייאיש.

מענדעלסאָן האָט געשריבן העפלעך, ניט געקאַרגט קיין טיטולן פאַר דעם „גרויסן ליכט־טורעם פון האַמבורג", און ר' יעקב האָט געענטפערט מיט ליבשאַפט, אָבער אויך מיט זיין כאַראַקטעריסטישער קפדנות. און אַזוי איז אָנגעקניפּט געוואָרן אַ בריוו־קאָנטאַקט צווישן די צוויי.

— איין מערקווירדיקער ראַבינער, דיזער עמדין, — שמייכלט מענדעלסאָן צו זיין פרוי, ביים לייענען די בריוו. — ער איז אָבסקוראַנט און איז אַ קעמפער, אַן אומראַיקער גייסט, וואָס קיין גליק פינדעט...

משה מענדעלסאָן, דער יידישער פילאָסאָף, וואָס פאַרמעסט זיך שוין מיט קאַנטן, האָט אים געוואָלט צושיקן זיינס אַ שריפט, אין וועלכער ער באַרעכטיקט מיט שכלדיקע אַרגומענטן די טעאָרעטישע יסודות פון דער יידישער רעליגיע. אין צווישן האָט ער אָבער באַקומען פון ר' יעקבן אַ בריוו, וואָס וואָרנט אים ער זאָל זיך אָפּשאָקלען פון דער יוונישער פילאָ־סאָפיע, „ווייל — שרייבט עמדין — סיי ווי איז גרויס די צאָל פון יענע, וואָס באַקלאָגן זיך אַז ער האָדעוועט אַ שלעכטן הונט ביי זיך, ד. ה., אַז זיין באַשעפטיקן זיך מיט פילאָסאָפיע און דייטשע ליטעראַטור וועט צו קיין גוטס ניט ברענגען".

איבערגעלייענט דעם בריוו, האָט דער שטילער פילאָסאָפישער משה דעסויער מורא באַקומען אָנצוהייבן מיטן קנאי יעקב עמדין...

בלויז מיט עטלעכע יאָר צוריק. עמדין, אייבשיצער — צווישן זיי און זייערע פרומע אָנהענגער וואַרפט אַ צעיושעטער סמבטיון פון מסירות, חרם,

*) פאַרבאָט, מען זאָל קיין טויטן ניט האַלטן איבערנאַכט.

געריכטן. אַ נס גאָר, וואָס מ׳טשעפּעט אים ניט. ער איז דאָך אַ האַמבורגער אידעם. ער האָט זיך באַמיט אָפּצוהיטן דעם „יידישן צערעמאָניאַלן געזעץ", אָבער אין דער זעלבער צייט זיך געהאַלטן אויף אַ געוויסער דיסטאַנץ פון גלויביקן פאַרוואָרלאָזטן המון.

„שוין בעסער זיך לאָזן האַלטן פאַר אַן אפּיקורס — האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט — איידער לאָזן די פּראָסטע מאַסן אים שטערן אין זיינע פילאָ־סאָפישע בנינים..."

עס ליאַרעמען די רבנים, אייבשיצערס אָנהענגער, עס פלעכטן חרם־רינגען די פראַנקפורטער און מעצער ראשי־ישיבות. משה מענדעלסאָן זיצט איבער זיינע ביכער און קוקט מיט קאַלטזין פון אַ דייטשן מעטאַפיזיקער...

פאַרנאַכט. אין אַ גרויסן צימער, ביי אַ קיילעכדיק טישל, פאַרדעקט מיט אַ גרין־סאַמעטן טישטעכל, זיצן צוויי מענטשן גרייט אָנצוהייבן אַ פאַרטיע שאָך. דורך די פענצטער שלאָגן זיך דורך טריבע פאַרנאַכטיקע זון־שטראַלן און באַלייכטן דאָס טישל, וואו ס׳ליגט אַן אָפענער תנ״ך און אַ מאַנוסקריפּט מיט דראָבנע איידעלע דייטשע אותיות.

איינער איז אַ הויקער, טראָגט אַ לייכטן פאַרוק אויפן קרומלעכן קאָפּ. ער איז אַ מאַן פון איין־און־פערציק, אָבער געעלטערט פאַר דער צייט. מען זעט אויף זיין פּנים די שפּורן פון וואַכע נעכט. טעג און נעכט האָט ער פאַרבראַכט צווישן ביכער, ביים שרייב־טיש אין איינזאַמקייט. זיין גע־קנייטשטער שטערן זעט אויס ווי אַ קופּאָל פון אַ ברייטן בנין, וואו אינע־ווייניק איז רו, איז מאָס, איז חכמה.

דער צווייטער איז העכער אין וואוקס. האָט אַ גלאַט ראַזירט פּנים, געדיכטע שוואַרצע האָר און גרויסע אויגן. ער איז אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, וואָס ווייזט אָבער אַרויס, דורך דער מינדסטער באַוועגונג זיינער, אַ סך יוגנט און פרישקייט. זיין בליק איז וואַרעם און טראַציק. זיין שמאָלער קין איז אָנגעשפּאַרט אויף אַ ווייס־פּוכיקן, ברייטן, אַרויסגעלייגטן קאָלנער.

— לאָמיר אָנהייבן אַ פאַרטיע שאָך, גאָטהאָלד אפרים, — זאָגט דער הויקער. דער צווייטער ענטפערט ניט און נעמט זיך גלייך צום ברעטל. אין צימער ווימלען זיך טונקעלע שאָטנס, עס הערשט אַן אָנגענעמע שטילקייט. ביידע זיינען איצט פאַרטיפט אין שפּילן. צווישן שפּיל און שפּיל פאַרקניפּט זיך אַ שמועס.

— מאָזעס מענדעלסאָן, האָסטו אין דיין נייעם ווערק „ירושלים״ אויך אַריינגעשריבן אַ קאַפּיטל וועגן רעליגיעזער טאָלעראַנץ? — פרעגט דער הויכער, און טוט דערביי אַ פאַרשאַרץ זיינע לאַנגע האָר, מאַכט צורעכט דעם שוואַרצן זיידענעם שליף און איז גרייט צו הערן.

— הער מיך צו, גאָטהאָלד אפרים, — רעדט מענדעלסאָן געלאַסן. — געדענקסטו דאָס מערכען *), וואָס דו האָסט מיר מיט עטלעכע טעג צוריק דערציילט פון דיין ווערק „נאַטאַן דער ווייזע״?

— יאָ, די פון די דריי רינגען: יידנטום, קריסטנטום און איסלאַם, וואָס זיינען אייגנטלעך אַלע אינאיינעם — איין רינג. ווייסט דאָך, אַז מיט דעם מיין איך אייגנטלעך די אידייע פון טאָלעראַנץ, וואָס דער נייער יאָרהונדערט מוז ברענגען.

מענדעלסאָן האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט און זיך דערנאָך אָנגערופן:

— הער־צו, גאָטהאָלד אפרים! איך האָב היינט באַקומען אַ ביכל פון אַ שטרענג־פרומען ראַבינער אין האַמבורג, איז עס אַ שריפט וועגן פאַר־שטענדעניש צווישן די פאַרשיידענע גלויבנס. ער ליפערט דאָרטן פּרעכטיקע באַווייזן. מאָל דיר אויס: דער שטרענג־רעליגיעזער ראַבינער, וואָס גלויבט מיט אַלע זיינע גלידער אין יעדעס וואָרט פון די הייליקע שריפטן, פון תלמוד, ער רעדט וועגן רעליגיעזער טאָלעראַנץ, איז זיכער, אַז די גאַנצע שנאה פון ניט־יידן צו יידן נעמט זיך פון דעם, וואָס זיי פאַרשטייען ניט דעם זין פון נייעם טעסטאַמענט, פון דער עוואַנגעליע... אויב דו האָסט געדולד, וועל איך דיר לייענען.

— מיט פאַרגעניגן, — שמייכלט לעסינג נייגעריק. — לייען, עס מוז זיין אינטערעסאַנט.

מענדעלסאָן האָט זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צום קליינעם טישל, אָפּגענומען פון אונטערן אָפענעם חומש אַ קליין ספרל מיט רש״י־אותיות־לעך, איבערגעמישט דעם שער־בלאַט: „סדר עולם רבה, שנת מתנה טובה, האַמבורג״. ער האָט זיך אָוועקגעזעצט און מיט זיינע פאַרצערטלטע מיידלשע הענט געבלעטערט און געלייענט. דערביי פאַרשפּיצט יעדן זאַץ און אים פאַרטייטשט.

„הדור, אתם יהודים, נוצרים, ישמעאלים — דער דור, איר יידן, קריסטן, מוסולמענער. שלשה אומות ראשיות — דריי הויפּט־פעלקער.

---

*) לעגענדע.

שבנו מדבריהם על יסודות תורת משה עליו השלום — וואָס האָבן געבויט זייערע פעסטונגען אויף די פונדאַמענטן פון משהס תורה, פּרידן אויף אים. ונתפשטו בעולם — און זיי האָבן זיך פאַרשפּרייט אין דער וועלט... כי הנוצרי לא בא לבטל תורת משה — ווייל קריסטוס איז ניט געקומען צו צעשטערן משהס געבאָט. וגם פאול בקורינתיים ה׳ כתב — און אויך פאול אין קאָרינטיער, קאַפּיטל פינף, האָט געשריבן. שכל אחד ואחד יתמיד בדתו אשר נוהג בה — אַז יעדער איינער זאָל זיך פליסיקן אין דער רעליגיע, אין וועלכער ער פירט זיך. ושנאת ישראל אשר בדו מליבם החכמים בעיניהם — און די יידן־פיינטלעכקייטן איז אַ זאַך, וואָס עס האָבן אויסגעטראַכט די קריסטן, וועלכע האַלטן זיך פאַר צו־קלוג. הלא אחים אנחנו — זיינען מיר דאָך ברידער. הלא אל אחד בראנו — איין גאָט האָט דאָך אונדז באַשאַפן. למה נבגד איש באחיו — פאַרוואָס זאָלן מיר פעלשן איינער אין זיין ברודער?״ —

— מערקווירדיק! ווירקלעך אינטערעסאַנט! — האָט לעסינג אויסגערופן.

— אַזאַ ראַבינער איז גוט פאַרן אַכצנטן יאָרהונדערט, ווי זאָגסטו, גאָטהאָלד אפרים? — האָט מענדעלסאָן אַ שמייכל געטאָן.

— שפּילן מיר נאָך אַ פּאַרטיע שאַך! — האָט לעסינג זיך גענומען צום ברעטל.

— דאָס מאָל וועל איך געווינען, — האָט משה דעסויער געשמייכלט...

באַנקראָט

אָנהויב חודש חשון פון יאָר תקכ״ד (1764). אין די האַמבורגער גאַסן האָט שוין געוועלטיקט דער באַקאַנטער האַרבסט. די זון, וואָס ווערט סוף־זומער רויטער און טונקעלער, איז געווען איינגעוויקלט אין דיקע נעפּלען און אין די אָוונטן האָבן אָנגעהויבן נידערן שווערע רעגנס.

דעם צווייטן נאָוועמבער האָבן די מעקלענבורגער „נייעס באַריכטן" דערציילט, אַז נעכטן, דעם ערשטן נאָוועמבער, איז אין ליסבאָן פאָרגעקומען אַ גרויסע ערדציטערניש, וואָס האָט חרוב געמאַכט אַ האַלב פּאָרטוגאַל.

די נייעס האָט געטראָפן די ריביתניקעס פון אַלטונא, די האַמבורגער מעקלער און סוחרים, ווי אַ דונער. אַלע געלט־קאָנטאָרן האָבן זיך גענערט פון מסחר מיט פּאָרטוגאַל. דער הויפּט־קוואַל פון האַמבורגער האַנדל און פון גאַנצן געגנט זײַנען געווען די אימפּאָרטירטע סחורות פון פּאָרטוגאַל און שפּאַניע. ס'איז דעריבער גענוג געווען די ידיעה וועגן דער ערדציטערניש, אַז אַלע מסחרים און געלט־האַנדלענישן זאָלן זיך אָפּשטעלן.

איצט האָט שוין דאָס טומלדיקע האַמבורג אויסגעזען אַנדערש. אַרום די געלט־קראָמען זײַנען אָנגעלאָפן אַ סך מענטשן, זיך געשטויסן און געשריגן מיט אַ ציטער איבער דעם קרן און די פּראָצענטן, וואָס זיי האָבן געהאַט אײַנגעלייגט מיט צוטרוי בײַ די ריביתניקעס, דער עיקר בײַ די רײַכערע פּרנסים און בײַם ראש־הקהל.

אין די קראָמען האָבן זיך די באַלעבאַטים אַרומגעדרייט צעשראָקענע און שווייגנדיקע. געענטפערט די מאָנער האָבן די בוכהאַלטערס, און פאַר יעדן איינעם האָבן זיי געהאַט איין ענטפער: — פאַרן זמן רעכנט מען זיך ניט! זאָל איבערגיין די וואָך. מער ידיעות וועלן אָנקומען. מען וועט וויסן אויף וואָס פאַר אַ וועלט מען איז. וועט מען זיך דעמאָלט מיט אײַך חשבונען.

דאָס איז געווען דער איינציקער פּזמון, וואָס די אָנגעשטעלטע, די בוכ־האַלטערס האָבן אים איבערגעחזרט יעדעס מאָל ווען עמעצער איז געקומען אין קראָם. און מען האָט געוואוסט, אַז דאָס האָבן די באַלעבאַטים זיי אַרײַנ־געלייגט אין מויל דעם איינציקן ענטפער.

מרדכי העקשער און משה אהרן האָבן נאָך אַלץ געוואַרט אויפן טאָג פון די בחירות, ווען זיי וועלן דערגרייכן זייער וואונטש: האַמבורג זאָל דורכ־וואַרפן ר׳ יהונתן. זיי האָבן זיך נאָך אַלץ אַרומגעדרייט אויף דער מסחר־גאַס

און געהעצט דעם עולם מעקלער קעגן ראש־הקהל, אָבער קיינער האָט זיך צו זיי שוין ניט צוגעהערט, און אַפילו יחיאלכי וואָלפן אַליין איז עס שוין ווייניק אָנגעגאַנגען.

עס האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן שלעכט ביי יחיאלכי וואָלפן, דעם עושר, תקיף און ראש־הקהל. דאָס געשעפט האָט יעדן טאָג אָנגעהויבן גיין באַרג־אַראָפּ און די צרות — באַרג־אַרויף. זיין ווייב, וואָס איז אים שוין לאַנג קראַנק געווען (ער האָט דערפאַר אַ לאַנגע צייט געזוכט אַ היתר אויף אַ פּלגש...), איז אים געוואָרן געפּערלעך. מער קיין מסחר האָט ער ניט געקאָנט אָנפירן און אָן רווחים האָט ער זיך געפילט ווי אָן לופט. קומענדיק אין קאָנטאָר, האָט ער זיך געוואָרפן ווי אַ פיש אויפן ברעג. ער האָט יעדעס מאָל אַן אַנדער פּרנס אַריינגערופן און אים מיט אַ טרערנדיק קול דערציילט, אַז ווי עס ווייזט אויס וועט עס פון איצט אָן גיין אַלץ מער באַרג־אַראָפּ...

צוויי טעג פאַר ראש־חודש כסלו, ווען די פּרנסים זיינען צו אים צו־געקומען, ווי זייער שטייגער איז געווען, כדי אין געהיים צוגרייטן די חודש־לעכע אסיפה, האָט ער זיי שוין גאָר שוואַך אויסגעהערט, ווייל ער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע אונטערגייענדיקע עסקים. אים איז די גאַנצע זאַך מיט די קהלות אין קאָפּ ניט געקראָכן. ווען די פּרנסים זיינען אַרויס פון זיין הויז, האָבן זיי געזאָגט איינער צום אַנדערן:

— וואָלפן איז, ווייזט אויס, ערגער פון אונדז. ער זעט אויס אינגאַנצן דערשלאָגן, גאָרניט ווי אויף דעם עולם.

דער האַנדל איז אַלץ־מער שטילער געוואָרן. דענעמאַרקער וואַליוטע, וואָס האָט אַמאָל געהאַלטן אין איין שטייגן, האָט שוין געהאַט ווייניקער ווערט ווי דייטש געלט. דער גאַנצער וואוכער־געשעפט איז אויסגעטריקנט געוואָרן, ווי אַ פון־רעגנס־אָנגעזאַמלטער טייך אין אַ הייסן זומער טאָג.

איצט איז געקומען אַ צייט, ווען ניט נאָר איז ניט געווען ווער עס זאָל לייען געלט צו פירן מסחר, נאָר די מלווים אַליין, די גרויסע ריביתניקעס, האָבן גאָר אָנגעזעצט זייערע קלענערע מלווים.

סוף הארבסט. אַ קילע נאַכט האָט דעם טאָג אויסגעלאָשן און צעצונדן איבערן הימל פונקען — בלויע שטערנדלעך.

אין טייך איז געלעגן אַן איבערגעקערטער אויסגעשטערנטער הימל. קאַרל זעגער, וואָס איז געווען אַ שומר ביי געהילץ פון דער נייער בריק, וואָס מען האָט געבויט אויף דער עלבע — איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט אויף

אַ קלאַץ, געקוקט אין וואַסער און זיך צוגעהערט צום שלעפּערדיקן פּליעסק פון די כוואַליעס, וואָס האָבן געקלעטערט פון יענער זייט טייך.

אויף יענער זייט טייך האָט זיך שוין אַלטונא געקליבן לייגן שלאָפן. אַנטקעגן איז געלעגן די שטאָט, איינגעהילט אין טונקל, ווי אַ גרויסע שוואַרצע קאַץ ביים ברעג, און געדרימלט.

מיטן ברעג טייך איז אָנגעקומען האַנס שלעגלער, אַ האַמבורגער מויערער, קאַרלס אַ באַקאַנטער. אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויפן געהילץ, דערזען קאַרלען, האָט ער אים באַגריסט און געזאָגט:

— גוטע נייעס פאַר דיר, קאַרל! דיין געוועזענער האַר יאָהאַן מענגער האָט פאַרלוירן גרויסע סומעס אין דעם געלט־קריזיס אויפן יידישן מאַרק.

— אַך זאָ! ווי וויסטו דאָס? ער איז דאָך אַזוי רייך געווען? — האָט דער וועכטער געפרעגט און דערפילט אַ לייכטן פיבער.

— ער האָט זיין געלט געהאַלטן ביי די אַלטונער יידישע באַנקירן.

— זייער גוט! — האָט קאַרל געוואָרפן אַ צעזייטן בליק צו דער ברייטער שטראַסע.

אַ ווײַלע זיינען ביידע געשטאַנען שטיל, זיך צוגעהערט צום לייכטן וויגן זיך פון די עלבע־כוואַליעס.

קאַרל זעגער האָט אַ שפּיי געטאָן און זיך אָנגערופן מיטן קול פון אַ גייסטלעכן:

— הינט זאָלן פרעסן דעם לייב זיינעם! — די קללה, וואָס אליהו האָט אַמאָל געשאָלטן דעם רויבערישן אחאב פאַר צורויבן דעם ווייגאָרטן פון אָרעמען נבות.

אינדערפרי, ווען די זון האָט געטובלט אירע האַרבסטיקע לעבלעכע שטראַלן אין דער עלבע, האָט זיך זעגער געלאָזט גיין צו דער ברייטער שטראַסע.

פון איין צוויי־דריי־גאָרנדיקן מויער, וואָס איז געשטאַנען קעגן צוויטן, ענלעכן, ר' יעקב אשכנזיס מויער, און זיך אויסגעטיילט פון די אַרומיקע הייזער, האָט אַראָפּגעקוקט אַן אויפשריפט מיט שוואַרצע אותיות: „צום פאַרקויפן“.

און אַז קאַרל זעגער האָט שפּעטער אַריינגעשפּאַנט אין דרוק און געטראָפן דאָרטן יוסף פרעגערן, האָט אים יענער גלייך באַגעגנט:

— זעען זי, — האָט ער גערעדט, — אַז מען בויט אַ הויז מיט אומרעכט, האַלט זיך עס ניט לאַנג ביים אייגנטימער.

דער דייטש האָט אים צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

ר׳ יעקב איז געשטאַנען ביי זיך אין פענצטער, האָט די אויגן ניט געקאָנט אָפּרייסן פון אַנטקעגנדיקן מויער און אין האַרצן געדאַנקט גאָט פאַרן חסד, וואָס ער האָט מיט אים געטאָן און אָפּגעהיט זיין הויז פון אַזאַ חרפּה...

עס איז געווען אַ ווינטערדיקער טאָג. טראָפּנס האָגל און רעגן זיינען געפאַלן איבער די גאַסן. גאָר וויניק האַמבורגער סוחרים האָבן ערשט שפּעט נאָכמיטאָג געעפנט די ליידיקע קראָמען. באַלד האָט זיך אַ שמועה פאַר־שפּרייט, אַז יחיאלכי וואָלף מאַכט היינט צו די קראָם. ער איז געוואָרן אַ יורד.

— יחיאלכי אַליין וועט צומאַכן די קראָם, זיין גאָלדענעם משכן, — האָט יוסף פּרעגער נאָכן דאַווענען איינגערוימט מרדכי העקשערן.

— ניין, דער מנובל איז קראַנק, זיין שמש און „שווער" יוסף כהן וועט מקיים זיין די מצווה פון נעילת־שערים. ער איז אָפּילו אַ כהן, און אַ לוי דאַרף טאָן די מצווה, אָבער, נישקשה, אייבשיצער וועט אים מתיר מאַכן... — האָט מרדכי העקשער געלאַכט אויפן קול, אַז ר׳ יעקב, וואָס איז שוין געזעסן איבערן אָפּענעם משניות, האָט אויפגעהייבן די אויגן.

פאַרנאַכט איז געוואָרן אַ צוזאַמענלויף פאַרן ראש־הקהלס געשעפט. האַמבורגער סוחרים, מעקלער — אַלע האָבן געוואָלט זען די חרפּה פון דעם בייכיקן יורד. די קראָם איז שוין אָבער געווען געשלאָסן פון דער פרי אָן. די מעקלער האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און מיט פאַמעלעכע טריט זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען.

פאַרנאַכט, אין ר׳ יעקבס מנין, האָט יוסף פּרעגער געזאָגט צו די גע־ציילטע מתפּללים, וואָס האָבן געוואַרט אויף מנחה:

— אויף אַלעם קומט אַ סוף. עס איז דאָ אַן אויג וואָס זעט און אַ האַנט וואָס פאַרשרייבט...

— כן יאבדו! — האָט יעקל גליקשטאַט צוגעגעבן. — אויך אייבשיצערן דערוואַרט אַ מיאוסער סוף.

נאָך מעריב האָט ר׳ יעקב אַריינגעשריבן אין זיין טאָגבוך מיט געדיכטער שריפט:

„די בירזשע און דער געלט־מאַרק זיינען אינגאַנצן חרוב, וויסט. אויף דעם גרעסטן פון די ריביתניקעס איז מקוים געוואָרן די קללה פון נביא:

„אַ פעלדהון וואָס בריט־אויף וואָס זי האָט ניט געלייגט, איז דער וואָס מאַכט אַן עשירות, אָבער ניט מיט גערעכטיקייט; אין העלפט פון זיינע טעג וועט ער פאַרלאָזן און אין סוף וועט ער בלייבן אַ מנובל"... ווייל מער פון אַלץ דאַרף מען זיין געוואָרנט פון נאָכצויאָגן זיך נאָך פאַלשער עשירות, וואָס ביידע זיינען זיי געגליכן צו יענעם שאָטן, וואָס אַ פויגל לאָזט פאַלן אויף דער ערד, ווען עס פליט דורך, און וועלכער איז פאַרבייגייענדיק און אָן שום סימן פון איבערבלייב און ממשות . . ."

ליקוי חמה

דריי טעג אין אָב. יאָר תקי״ז. די זון איז אויפגעגאַנגען אַ רויטע, אַרויסגעקוקט פון שוואַרצע הימלען ווי אַ קויל פון אַ קופּע אַש, אויסגעזעען ווי אַ בלוטיקע צונג. ר׳ יעקב, וואָס איז נאָכן דאַוונען אַרויס פון מנין אין גאַס, האָט אַ ציטער געטאָן: עס וועט זיין אַ ליקוי חמה.

ער איז אַרויף אין זיין שרייב־צימער און גענומען שרייבן דעם סדר וועגן קידוש־החמה. ער האָט איינגעטונקען די פעדער און געשריבן:

„כאָטש, דאָס וואָס וועט די ליכטער ווערן געשלאָגן איז אַ נאַטירלעכע זאַך און קאָן גענוי אויסגערעכנט ווערן, פונדעסטוועגן איז די שעה אַ שלעכטע.״

די גרינלעך־בלאַסע בתיה־צביה איז אַריינגעקומען מיט אַ גלאָז טיי און אַ שטיק קוכן.

— נעם אַוועק, בתיה. היינט איז אַ תענית. אַ ליקוי חמה.

— איך דאַרף אויך פאַסטן? עפּעס שלאָגט מיר יעדע מינוט קאַפּויר אַן איבלעניש, און אין רוקן שטעכט.

— מעוברתע דאַרפן ניט, — ענטפערט ר׳ יעקב.

— עס איז דאָ אַ בריוו פון מאירלען.

זי האָט אים אַריינגעבראַכט דעם בריוו פון זיין עלטסטן זון ר׳ מאירל, דעם רב פון אַלט־קאָנסטאַנטין אין וואָלין.

ר׳ יעקב איז געווען שטאָלץ אויף זיין בכור, וועלכער איז געווען אַ צווייענדיקער יחסן, סיי דורך זיין טאַטן און סיי דורך זיין מאַמען רחלע, ר׳ יעקבס ערשט ווייב, אַן אור־אייניקל פון מהר״ל פון פּראָג, וועמענס יחוס ס׳ציט זיך פון עזרא הסופר.

ניט לאַנג צוריק האָט אים ר׳ מאירל געשריבן, אַז ער האָט געטאָן אַ שידוך מיט זיין טאָכטער רחלע (אַ נאָמען נאָך זיין מאַמען) מיט אַן אייניקל פון לעמבערגער גאון ר׳ חיים הכהן ראַפּאַפּאָרט, דער מיוחסדיקסטער כהן. האָט זיך ר׳ יעקב געפרייט, וואָס עס איז צוגעקומען אַ נייער יחוס אין דער משפחה. אַ קלייניקייט ר׳ חיים הכהן, וואָס פאַרנעמט דעם פּלאַץ פון זיין טאַטן, דער חכם צבי, און איז פונקט אַזאַ שאַרפער באַקעמפער פון שבתי־צבי . . .

מיט ציטערדיקע פינגער האָט ער געעפנט דעם בריוו. אין אָנהייב

איז ער געווען פריילעך, וואָס זיין זון, דער אב״ד פון אַלט־קאָנסטאַנטין, שרייבט אים, אַז ר׳ חיים כהן פון לעמבערג איז אים דאַנקבאַר פאַר זיין מלחמה קעגן די פאַרשאָלטענע פראַנקיסטן און אַז אַלע גאוני פוילן האָבן שטאַרק הנאה פון זיין ספר „תורת הקנאות״. באַלד איז אָבער די פריילעכ־קייט פאַרשוואונדן. ער האָט געלייענט, וואָס דער זון שרייבט אים וועגן די מעשים תעתועים פון דער פאַרשאָלטענער כיתה, וואָס כידוע האָבן זיי אין די לעצטע יאָרן אָפּגעטאָן זאַכן, וואָס מען קאָן אפילו אויפן כתב ניט אַרויסברענגען.

„בעתן יאַריד אין לאַנצקורינע — שרייבט ער אים — וואוהין עס זיינען זיך צונויפגעקומען די גאונים צום ועד ד׳ ארצות, האָט זיך די כיתה פאַרשלאָסן אין אַ שטוב מיט אַ נאַקעטער נקבה, איר אַנגעטאָן אַ קרוין פון אַ ספר־תורה, געטאַנצט אַרום איר, זי געקושט און גערופן „מטרוניתא קדישא״.

„ביטול־נאַכט פון דעם יאָר האָבן זיך די צוויי הונדערט פון דער כת געשמדט אין קאַמענעצער יוניש־קאַטוילישן קלויסטער. פאַר דעם האָט דער בישאָף ניקאָלאַי דאַמבאָווסקי באַפוילן מען זאָל פאַרברענען ש״ס. אין קאַמענעץ אַליין האָט מען פאַרברענט טויזנט גמרות. אויף זיין עלטער־שוועגער ר׳ חיים הכהן זאָגן זיי, אַז ער איז איינער פון די גרויסע רבנים, אויף וועמען עס פאַלט דער גורל צו קוילען אַ קריסטלעך קינד און צעשיקן זיין בלוט אין אַלע קהלות, מען זאָל עס נוצן אויף מצות. — — —

„אין דער עיר רבתי־עם פון מדינת אוקראַינע, אין אומאַן, האָט דער פירער פון די היידאַמאַקעס, דער צורר־היהודים גאָנטאַ, אויסגעשאָכטן דריי הונדערט יידן.

„אין דער קהלה־קדישא טעטיעוו האָבן זיך אין פרימאָרגן פון ראש־חודש אייר שיכורע קאָזאַקן, אייניקלעך פון חמיל הרשע, אַריינגעריסן מיט העק און לאָמען, האָבן געהרגעט טף ונשים, אַריינגעשטעלט פערד אין שול און פאַרברענט לעבעדיקערהייט דעם אַלטן מורה־הוראה ר׳ חנינא יאסל. די צוררים גאָנטאַ און זעלעזניאַק האָבן חרוב געמאַכט נאָך קהלות. ביז קאָנ־סטאַנטין זיינען זיי דערגאַנגען. נאָר דער זכות פון זיינע אָבות און פון זיין טאַטן דעם אר״י החי *), יעב״ץ, האָט גורם געווען דעם נס.

---

*) לעבעדיקער לייב.

„ווי איז אונדז, וואָס אַזוינס איז פאַרלאָפן אין אונדזערע טעג, און דאָס אַלץ צוליב ניט אויסראָמען דאָס שלעכטס פון ישראל, דעם מומר פראַנק מיט זיינע תלמידים.״ —

אַ ווייסער קרייז האָט זיך געטוקט אין צערודערטן ים פון אויס־געבלייכטן רויך. וואָס ווייטער, אַלץ בלאַסער איז דער קרייז געוואָרן. די זון האָט אויסגעזען געדיכט און שוואַרץ, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט: די גאַנצע וועלט איז אַריין צווישן טאָג און נאַכט.

ר׳ יעקב האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים פענצטער, מיט ביידע אויגן זיך אַריינגעזויגן אין דער שויב און געשפּירט דעם זון־פאַרגאַנג אין מיטן טאָג אין זיינע אברים, אין זיינע גלידער. עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז די זון וועט קיינמאָל מער שוין ניט אַרויס פון איר שייד, ניט וועלן זען די מעשים תעתועים, די נאַקעטע ערוה פון דעם פאַרשאָלטענעם שבט. די פראַנקיסטן, און ניט באַלייכטן די הרוגים פון גאַנטאַ און די היידאַמאַקעס. אַנשטאָט גאולה — חורבן. „והבאתי השמש בצהרים״ — ווען די זון גייט אונטער אין העלן טאָג, איז עס אַ סימן פון חורבן. דער ווייטיק אויף די הרוגים און די שנאה־געדאַנקען קעגן די פראַנקיסטן און אַלע פאַלשע משיחים האָבן אָנגעהויבן קעגנזייטיק אַרומקרייזן. „דעריבער טוט ציון ביטער וויינען און ירושלים לאָזט הערן איר קול. מיין האַרץ, מיין האַרץ אויף זייערע חללים; מיין אינגעווייד, מיין אינגעווייד אויף זייערע חללים.״ —

ווי אַ שטורעם האָבן זיך די משיחישע שטראָמען דורכגעטראָגן דורכן יידישן גלות. אונטערגעשוועקט פעלזן, מיטגעריסן מיט זיך מאַסן אָנגע־צונדענע אין פלאַמען, און זיך איינגעשטעלט.

אָט האָט אויף די בערג פון יהודה דער משיחישער פלאַם אויפגע־פלאַקערט. דער גבור בר־כוזיבא, וואָס האָט מיט דער ברכה פון ר׳ עקיבאן אָנגעטאָן משיחס קרוין, האָט רייטנדיק אויף זיינע פערד צעדערן אויס־געריסן. ר׳ אליעזר המודעי האָט זיך אָבער איינגע׳עקשנט: ער איז ניט משיח!

ר׳ עקיבא האָט אויף אים געדרשנט: אַ שטערן איז אַרויסגעטראָטן פון יעקבן. אליעזר המודעי, דער קנאי פאַר גאָטס וואָרט, האָט שטיל גע־

שעפטשעט: עקיבא, גראַזן וועלן אויפגיין אויף דיינע באַקן און משיח איז נאָך אַלץ ניט געקומען...

נאָך עטלעכע בלוטיקע יאָרן איז ירושלים געלעגן אין רויכערדיקע חורבות. די פעסטונג ביתר איז דערטרונקען געוואָרן אין איר אייגן בלוט און די מתים זיינען אַפילו צו קיין קבורה ניט געבראַכט געוואָרן...

אויף די נאַקעטע פעלזן פון ירושלים האָבן די שומרים געשריבן מיט שטעקנס, ווי פון אַ מגילה אַרויס, ישעיה הנביאס ווערטער: „בצל סלע כבד בארץ עיפה״, — מיד און פאַרשמאַכט איז געלעגן די גאולה.

און אַט האָט זיך דער משיח־טרוים אָנגעקליידט אין אַ לבוש פון מלכות. פרינץ ראובני האָט געוואָלט מלכות־ישראל אויפשטעלן, און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזן?... און אַז דער מקובל און מאַראַן שלמה מולכו איז ביי די טויערן פון רוים געזעסן, און ביים טייך טיבער פאַרברענט געוואָרן, אויסגעגאַנגען ווי אַ קרבן עולה אין די פלאַמען אויף טמאדיקער ערד.

אין אַ הייל האָט זיך פאַרזעצט דער מקובל יוסף דילה־ריינה, וואָס האָט מער ניט געוואָלט וואַרטן, משיחן מיט געוואַלד ברענגען, אָבער ער איז געפאַלן אַ דערשלאָגענער און איז בלויז געבליבן לעבן אין דער לעגענדע פון זיידע צו איניקל.

און אַט האָט זיך שוין געדאַכט, אַז די גאולה גייט־אויף פאַר אונדזערע אויגן. נאָך גזירות ת״ח ות״ט איז עס געווען, ווען די ערד איז געשוואָלן געוואָרן פון פאַרגאָסן יידיש בלוט. אַט־אַט, האָט זיך געדאַכט, און דער חלום ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ ממשות. גאַנצע קהלות האָבן זיך אַוועקגעלאָזן קיין סמירנע, קיין סטאַמבול, מקבל פנים זיין דעם האַר שבתי צבי, משיח פון גאָט פון יעקב, אונדזער קעניג און אונדזער אויסלייזער. אויס פייניקן זיך, אויס שבעה עשר בתמוז, אויס תשעה באב. דער גאולה־פלאַם האָט אַרומגעכאַפּט די וועלט, און יעדער טאָג — כולו יום־טוב.

אָבער דער „גואל״ אַליין האָט זיך געבאָדן אין זנות און איז נאָכדעם אין תפיסה־טויער פון טערקיי געזעסן מיט אַ טערקיש מיצל און אַ גרינער לענטע, געשריגן: אַללאַ איז גאָט און מוהאַמעד איז זיין נביא... בלויז איין טראָט פירט פון קדושה צו טומאה...

ווידער אַ ים פון שנאה, און קאַרגע הונדערט יאָר איז די חכמים פונעם דור באַשערט געווען צו לעבן אין מיטן דעם ברודער־קריג, אין שיין פון חרם־ליכט און הערן דאָס קול פון שוואַרצן שופר.

דאָס איז דער פרייז פון די, וואָס זיינען דוחק דעם קץ.

און וויבאַלד משיח מעג זינדיקן, מעג זינקען אין דער טומאה, איז אַלץ הפקר. איז געקומען אַ מענטש, איינער אַליין די גאַנצע טומאה. פון מלכות פון נחש איז ער אַרויס און האָט אויפגעבונדן די טונקלסטע באַגערן פון הפקר־מענטשן. זנות איז די גרעסטע עבודה און ער לויפט פון נוצרי צום ישמעאל. פייניקן ווי דעם תלוי וואָלט מען אים געדאַרפט, אים, וואָס וויל דעם טערקישן גן־עדן אויף דער וועלט . . . יעקב פראַנק, דער געשוויר אויפן צעוויטיקטן גוף פון דער אומה. — — — איך, יעקב, דער קנאי בן קנאי, זאָג עדות: דער גיהנום וועט זיך אויסלאָזן און די וואָס ווילן דוחק זיין דעם קץ וועלן זיך ניט אויסלאָזן ניטאָ די עינוים, מיט וועלכע מען וואָלט געדאַרפט פייניקן די, וואָס ווילן דוחק זיין דעם קץ, מקרב זיין די גאולה מיט גוואַלד. — — —

דער הימל איז שוואַרץ געוואָרן. אין חדר איז געלעגן אַ געדיכטע טונקלקייט. אין טונקעלן פלאַך פון חלל זיינען אויפגעשוואומען בילדער און געשטאַלטן פון אַ פריער תקופה און זיך געקייטלט. —

אין דעם אויבער־שטיבל ביים שיפוע פון דרום־באַרג אין ירושלים, וואו די תלמידים מיטן רבין האָבן געוואַרט אויפן אָוונט־ברויט, איז געלעגן אַ טריבע שטילקייט. דאָס שטיבל יום־טובדיק צוגעראַמט, מיט אַ ווייס־באַדעקטן טיש, וואָס האָט פאַרנומען אַ האַלבן חדר, האָט זיך געוויקלט אין שווער געמיט און יעדער איינער פון די תלמידים האָט זיך געפילט ווי מיט עפּעס שווערס באַלאָדן.

דער הויכער, ברייט־בייניקער און זון־פאַרברוינטער גלילער פישער שמעון האָט זיך אַרומגעשאַרט צווישן די אַרומיקע, געווענדט די אויגן צו דעם און יענעם, זיי געוואָלט אויפהייטערן. אַלע אויגן, צעפלאַמט פון ניט־שלאָפן, האָבן געקוקט מיט רוגז.

די ברידער יעקב און יוחנן, זין פון זבדי, האָבן געקוקט מיט געטרייע אויגן אויפן רבין, וואָס איז שוין געזעסן אין מיטן טיש, און געוואָלט וויסן וואָס ער טראַכט. דערזען ווי פון זיינע אויגן פלייצט מיט שטילן טרויער און מיט סוד, זיינען זיי נאָך שטילער געוואָרן, פאַרגעסן אין דעם שטרייט וואָס זיי האָבן נאָר־וואָס געפירט צווישן זיך, ווער עס וועט זיצן אין קעניג־רייך פון הימל ביי דער רעכטער זייט פון רבין, און ווער ביי דער לינקער.

דער געלער יהודה איש קריות איז געזעסן צווישן דעם ברייטן שמעון־פעטרוס און צווישן יעקב בן חלפי און אים האָט געעקלט פון זייער אָטעם. ס'האָט אים עפּעס געשטיקט אין האַרץ, אין האַלדז. ער האָט געצויגן די שיטערע האָר פון זיין געל בערדל און אין מוח האָט געעגבערט דער געדאַנק וואָס איז אים נעכטן באַפאַלן אין בית־עניא. אַ פריש־אַטעמדיקע פרוי, מיט אַ סך יוגנט־חלומות און גלוסטונג אין אירע אויגן, שלאַנק און שיין ווי די מרים פון מגדל, איז צוגעגאַנגען צום רבין. אין איר האַנט האָט זי געהאַלטן אַן אַלבאַסטער־פלאַש. זי האָט צעבראָכן דאָס האַלדזל פון פלאַש, עס אויפגעהויבן איבערן רבינס קאָפּ און דעם גאַנצן קאָסטבאַרן זאַלב, וואָס מ'באַנוצט נאָר טראָפּנווייז, אויסגעגאָסן אויף זיינע האָר, געגאָסן ביז זיין קאָפּ איז נאַס געוואָרן.

ער, יהודה, וואָס האָט פאַרלאָזן אַ רייך הויז אין יהודה, זיך אָפּגעזאָגט פון זיין סביבה און האָט מיט צוויי יאָר צוריק, צווישן פרידלעכע שאָף אויף אַ ברייטער לאָנקע ביים כנרת, געפונען דעם פאַרחלומטן גלילער סטאָליער, האָט איצט געטראַכט, אַז דער רבי האָט אָפּגענאַרט, מיאוס אָפּגענאַרט.

שפּעטער, צווישן די ביימער פון דאָרף, וואו דער חצופהשער פלאַפּל פון דער פרוי מיט איינעם פון די תלמידים האָט אָנגעפילט די ווייך־אָנגעוואַרעמטע לופט, איז אים עפּעס ליידיק געוואָרן אין זיין מוח און אויפן אָרט פון ליידיקן איז באַלד אָנגעפלויגן אַ מחשבה: גאווה און גרויסקייט. פאַרוואָס האָט מען בעסער נישט פאַרקויפט דעם זאַלב און דאָס געלט צעטיילט די אָרעמע? — — — אַ משיח, וואָס האָט צו טאָן מיט זונות, מיט זאַלבן. — — — די ספקות האָב אים שוין נאָכדעם גענאָגט אַ גאַנצן מעת־לעת.

די נאָגנדיקע אומעטיקייט אין די פאַרחלומטע אויגן און אויפן שטאַרק־אויסגעבליכטן פנים פון רבין, וואָס איז געזעסן ביי דער אָוונט־סעודה, האָט זיך באַהאָפטן מיטן אומעט פון יהודהן. ער האָט געקוקט פינצטער אַרום זיך און אין געדאַנק געחזרט די ווערטער פון משה רבנו:

„אויב אַ נביא רעדט אין נאָמען פון גאָט און ס'ווערט גאָרנישט מקוים פון דעם וואָס ער האָט גערעדט, זאָלסטו וויסן, אַז דאָס איז אַ וואָרט וואָס גאָט האָט ניט גערעדט."

דער רבי האָט גענומען דעם ברויט, אַ צעבראָכענער געבראָכן שטיקער און געטיילט יעדן איינעם:

— נעמט און עסט, דאָס איז מיין לייב!

זיין שטיל קול האָט אויפגעטרייסלט דאָס לייב פון יהודהן. ס'איז אים

געוואָרן ענג און הייס. דער הונגער, וואָס האָט אים פריער געמאַכט צו מיינען, אַז ער וועט איינער אַליין פאַרשלינגען ס׳גאַנצע מאַלצייט, האָט אים איצט פאַרלאָזן. ס׳האָט זיך אים שוין גאָרניט געגלוסט צום עסן. און באַלד האָט דער, וואָס זיצט אויבנאָן, גענומען דעם בעכער רויטן ווייַן אין האַנט און ווידער געזאָגט מיט אַ ניט־דאָאיק קול:

— נעמט, טרינקט. דאָס איז מייַן בלוט פון נייעם בונד, וואָס פאַרגיסט זיך פאַר אַ סך מענטשן.

יהודה האָט געקוקט אויף דער ציטערנדיקער רויטקייט אין דער פלאַש און אַן עקל איז אויפגעגאַנגען אין זייַן אינגעווייד.

שפּעטער, ווען אַלע האָבן אָנגעהויבן, לויטן מזרח־שטייגער, צו טונקען זייערע ביסנס אין דער שיסל, האָט ער זיך געמיאוסט צו טונקען. אין מוח האָט זיך געצונדן: — וואָס רעדט ער, דער פאַלשער משיח? דאָס ערב־פּסחדיק ברויט איז זייַן פלייש? דער ווייַן — זייַן בלוט? קאָן מען רעדן מיט אַזאַ גאווה וועגן זיך? וואָס וועט שפּעטער זייַן? ער זייט איצט גאווה, אַנדערע וועלן שניידן רציחה...

נאָכן עסן איז דאָס ביסל מענטשן אַרויסגעגאַנגען צו גת־שמנא צו פאַרברענגען די נאַכט אין שייַן פון דער לבנה.

די טיף־בלויע נאַכט איז געלעגן איבערן הר הזיתים. אַ קיל סאַמעטן ווינטל האָט געגלעטן די איילבירט־ביימער, וואָס האָבן געטריפט מיט טראָפּנס זאַפט. די שטערן האָבן געשימערט מיט גאָלד אין שוואַרצן בלוי פון הימל. יהודה האָט געזען ווי יעדער איינער פון דער חברה לייגט זיך אַוועק אונטער אַ בוים, זינקט אין שלאָף. בלויז ער, דער רבי, גייט אום אַ פאַרטראַכטער. יהודה האָט געזען ווי ער איז אַרויף אויף אַ בערגל, זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטיין, און זיך פאַרקוקט אויף דער לבנה — אַ פאַר־קילט שטיקל זילבער. אין אַרום האָט געאָטעמט מיט ערב־פּסח און פרילינג. אַנטקעגנאיבער אויפן הר־הבית האָט זיך אַ ליכטיקייט געגאָסן איבער די בנינים פון בית־המקדש. דאָ איז אויף אַלץ געלעגן דער חותם פון פאַלשן שלום. יהודה האָט זיך דערמאָנט אין אַ וואָרט, וואָס ער האָט געהערט פון אַ דרשן אין ירושלים. די לבנה איז אַנדערש פון דער זון. זי לייכט און וואָרעמט ניט. פאַרשלייערט זיך. זון איז זיכערקייט, זון איז אמת. די לבנה איז קאַלט, שטענדיק געוויקלט אין אומגעזונטן סוד. אָבער לעתיד לבוא, ווען די צייט וועט קומען, וועט דאָס ליכט פון דער לבנה זייַן ווי דאָס ליכט פון דער זון און די זון וועט לייכטן זיבן מאָל אַזויפיל. דאָס וועט זייַן

ווען די צייט וועט קומען, לעתיד לבוא. אָבער ניט איצט. אַ משיח, וואָס שפּייזט דעם מענטשן מיט זיין לייב און מיט זיין בלוט, וועט ניט מקרב זיין די גאולה, וועט דוחק זיין דעם קץ... — — — — — — — — — — — — — —
— —

קרומע שטראַלן פון דער זון האָבן אָנגעהויבן אַריינשיינען אין פענצטער. ר׳ יעקב האָט זיך אויפגעהויבן, דערזען אַז די ליקוי חמה איז פאַראיבער. ער איז צוגעגאַנגען צום טיש, זיך אַוועקגעזעצט און גענומען שרייבן אַ בריוו צום זון:

„. . . זיי וויסן, מאירל, מיין זון, אַז דער שורש פונוואַנען זיי שטאַמען — פראַנק און אייבשיצער — איז שורש פורה ראש ולענה — גיפט און ביטער גאַל. סיי תלוי, סיי שץ און פראַנק. ווער עס איז באַקאַנט אין דברי הימים ווייסט, אַז מען האָט די ערשטע נוצרים באַשולדיקט אין נוצן מענטשלעך בלוט, ווייל דער תלוי האָט פאַרן טויט געזאָגט, אַז ווייַן און בלוט איז היינו הך*) שפּעטער האָבן זיי גענומען באַשולדיקן אין דעם יידן. וואָסזשע זעען מיר פון דעם? אַז ניט אומזיסט האָט זיך פראַנק הרשע געשמדט און מאַכט בלבולים וועגן בלוט. — — — און גאָט זאָל אונדז ברענגען צו דעם טאָג, ווען די זון פון גערעכטיקייט מיט היילונג אין אירע פליגלען וועט אויפגיין און וועט דריקן די רשעים, וואָרים זיי וועלן זיין אַש אונטער אייערע פוסטריט. — — —"

*) איין זאַך.

דער וויכוח פאַרן באַגינען

סוף יאָר תקכ״ה (1765). אלולדיקע ווינטן יאָגן פון דער עלבע, פון ים. עס ציען זיך און עס פלאַטערן אין די גאַסן ווייסע שפּינוועבס־פעדים, ווי זיי וואָלטן רחמים געבעטן. אַ געצערטער טרויער הערשט אין דער אַלטונער שול, אין זלמן מירלש קלויז, פון פרימאָרגן ביז פאַרנאַכט.

די ביימער ביי דער עלבע, דאָס רחבותדיקע בית־דין־שטוב פון ר׳ יהונתן, דאָס קהל־זאַל — אַלץ איז איינגעהילט אין פּחד, פילט דעם נאָענטן אומקום. ר׳ יהונתן איז מיטאַמאָל איינגעפאַלן. ליגט געפערלעך קראַנק.

אין פרימאָרגן זיינען די שול, די קלויז און אויך די האַמבורגער בתי־מדרשים פול מיט יידן, כאָטש עס איז ניט שבת, ניט יום־טוב און ניט ראש־חודש. אַנגעטליתטע יידן זאָגן הייסע קאַפּיטלעך תהלים פאַרן רבס געזונט. די פּסוקים טראָגן זיך מיט ווייטיק. יענע ווערטער, וואָס דער־מאָנען אין מענטשנס זינד און שוואַכקייט און אין זיין נישטיקן און אומ־פאַרמיידלעכן סוף:

„כי עוונותינו עברו ראשי כמשא כבוד יכבדו ממני...
הנה טפחות נתת ימי וחלדי כאין נגדך...
אך הבל כל אדם נצב סלה...״ *)

און באַלד האָט זיך נאָך אַ גרעסערער אומעט־וואָלקן אַראָפּגעלאָזן אויף די קעפּ פון די מתפּללים. יוזל האַלבערשטאַט, ר׳ יהונתנס אויבער־שמש, איז אָנגעלאָפן מיט אַ בייזער בשורה. ר׳ יהונתן ווערט שלאַפער, אראלים און מצוקים **) האַלטן דעם אָרון־קודש, ראַנגלען זיך איבער אים. ר׳ יהונתן גוססט, דער אָרון־קודש ברענט, דער טויט דערנעענטערט זיך.

אין זיין מנין גייט ר׳ יעקב אשכנזי אַרום און לאָזט פאַלן הכנעהדיקע רייד אויף די אויערן פון די מנין־לייט:

— ער זאָל כאָטש תשובה טאָן פאַרן טויט, אייבשיצער. ער זאָל כאָטש חרטה האָבן אויף זיין אמונה אין שבתי־צבי, איידער ער שטעלט זיך פאַרן בית־דין של מעלה...

*) ווייל מיינע זינד זיינען אַריבער דעם קאָפּ, ווי אַ שווערע לאַסט דריקן זיי. אין אַ קליינער מאָס האָסטו געגעבן מיינע טעג. און מיין וועלט איז נישטיק קעגן דיר...

**) נעמען פון מלאכים.

כ"ו אלול אינדערפרי איז געקומען דאָס בייז־דערוואַרטע, די שוואַרצע רגע. דער אָרון־קודש איז געפאַנגען געוואָרן. די לוחות זיינען צעבראָכן געוואָרן און די תורה האָט זיך אומגעקערט אין הימל. ר' יהונתן איז גערופן געוואָרן אין דער ישיבה־של־מעלה.

ווי אַ שוואַרצע קראָ איז די אומגליקלעכע בשורה שנעל געפלויגן איבער די דריי קהלות, אָנגעקומען קיין גליקשטאַט, קיין האַנאָווער, קיין מעקלענבורג. מסתמא אויך דערגרייכט ביז פראַנקפורט, ביז בערלין.

ר' יהונתן איז דעם זעלבן טאָג געבראַכט געוואָרן צו קבורה.

אויפן אַלטן בית־עולם, אויף קעניג־שטראַסע אין אַלטונא, איז דאָס פעלד שוואַרץ געווען מיט עולם. אויפן שטילסטן און חשובסטן שטיק פעלד האָט מען דעם קבר געגראָבן. דאָרט וואו די ערד האָט זיך אַראָפגעלאָזט און דאָס גראָז איז געוואָקסן פון יאָר צו יאָר אַלץ העכער, אַלץ געדיכטער און האָט געשמעקט מיט ניט־געשניטענעם ווידערוואוקס; דאָרט, צווישן ברייטע מצבות, מיט שטיין־שריפט און געמעלן פון פיינער מלאכה; דאָרט, לעבן די גאונים ר' יעקב שאשפורט, ר' משה רוטענבערג, ר' יחזקאל קאַצע־נעלנבויגן — דאָרט וועט געפינען זיין לעצטע רו די צווייענדיקע, צע־שפאָלטענע נשמה פונעם גאון און מקובל ר' יהונתן אייבשיצער.

ווען מען האָט געבראַכט דעם אָרון מיטן נפטר, זיינען ר' יהונתנס תלמידים, די באַוועגלעכע און שרייענדיקע, געשטאַנען שטום, און די פרנסים און דיינים — ווי פאַרגליווערט און געקוקט שטאַר, אָבער ווען מען האָט דעם גוף אַראָפגעלאָזן אין קבר האָבן זיך דערהערט יאָמערלעכע קולות:

— אבי, אבי, רכב ישראל ופרשיו.*)

ר' יחזקאל לאַנדוי, דער אב"ד פון פראָג, האָט אויסגערופן, אַז דרייסיק טעג נאָכאַנאַנד זאָל מען באַקלאָגן דעם גאון און ראש פון אַלע יידן אין גלות, וואָס סיי אין נגלה און סיי אין נסתר איז ניט געווען קיין גלייכן צו אים.

ר' יעקב איז צו דער לוויה ניט געגאַנגען. ער איז נאָכן דאַווענען היפּשע עטלעכע שעה פאַרבליבן אין מנין. ווי זיין מנהג איז געווען חודש־אלול, איז ער געזעסן אין טלית נאָר אָן די תפילין און געלערנט. איצט האָט ער אָבער ניט געלערנט. ער האָט געזאָגט „תיקונים". ער האָט זיך דאָס מאָל אויך ניט געפירט ווי זיין שטייגער, ביים געוויינלעכן לערנען, זיך צו האַלטן שטיל און לערנען מיט די אויגן. דאָס מאָל האָט ער אויף אַ קול געזאָגט און אויך

*) פאָטער, פאָטער רייטוואָגן פון ישראל און זיין רייטער.

געוויינט... אַז מען האָט ניט געוואוסט, צי זוכט ער אַ תיקון פאַר זיין שונאס נשמה אָדער פאַר זיין אייגענער...

די זון האָט אים געגלעט מיט די צאַרטע אלול־שטראַלן און מיט ברענענדיקע טרערן האָבן זיינע אויגן געפלאָסן:

„תא חזי — קום זע, ווי גרויס עס איז דער כח פון תשובה. אמרו עליו — מען האָט געזאָגט אויף אים. על ר׳ אליעזר בן דרדיא — אויף דעם גרעסטן נואף. שלא הניח זונה בכרכי הים שלא בא עליה — וואָס איז געווען פאַרטונקט אין טומאה. הלך וישב בין שני גבעות — האָט ער זיך באַזעצט צווישן צוויי היגלען און האָט זיין קאָפּ איינגעגראָבן צווישן די קני און געשריען: הימלען, בעט רחמים פאַר מיר! מכאן — פון דעם איז געדרונגען, אַז אַ מענטש דאַרף שטאַרבן פון חרטה און די הימלען זאָלן קלאָגן אויף זיין טויט. — — —

„עס שטייט ווייטער: אַ תלמיד־חכם אַז ער שטאַרבט בנידוי *), בית־דין מסקלין את ארונו — פאַרשטיינערט מען זיין אָרון.

„תא חזי — קום זע, הזהרו בזקן — זייט געוואָרנט מיט אַן אַלטן, שחטא — וואָס האָט געזינדיקט, ווייל, לוחות ושברי לוחות מונחין בארון — ניט נאָר גאַנצע, נאָר אויך צעבראָכענע לוחות זיינען געלעגן אין אָרון.״ —

מימראס פון זוהר, פון דער גמרא, האָבן זיך געפלאָנטערט אין ר׳ יעקבס געהירן ביז די זון האָט אויסגעברענט אין די שויבן. — — —

דריי טעג נאָך דער לוויה האָט מען ביי ר׳ יעקבן אין הויז דערציילט אויסטערלישע זאַכן.

יוסף פרעגער האָט דערציילט, אַז ר׳ יהונתנס תלמידים קושן יעדן פריי־מאָרגן פאַרן דאַווענען ר׳ יהונתנס בילד און נאָכן דאַווענען לייגן זיי אַריין דאָס בילד אין אַ חומש, פונקט ביי דער פרשה פון עשרת־הדברות... דוד גאַנדז האָט דערציילט, אַז ביינאַכט, ווען אַ פולע האַלב־חודשדיקע לבנה האָט געוואָרפן אַ קאַלט ליכט איבער די מצבות, האָט זיך לייבוש רוזשינאַיער, אַ ישיבה־תלמיד פון פוילן, געלאָזן צו ר׳ יהונתנס קבר און האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט געגראָבן מיט די פינגער צום רבינס אָרון...

און יעקל גליקשטאַט האָט דערציילט, אַז ר׳ יהונתן האָט פאַרן טויט זיך געהייסן מיטגעבן אין קבר אַריין זיין חיבור „אילת אהבים ויעלת חן״, וואָס איז געווען פול מיט שבתי־צבי שמות, און אַז אַ שמש פון דער חברה־

*) אין חרם.

קדישא האָט עדות געזאָגט, אַז ער האָט נעכטן אויף דער נאַכט געזען ווי אַ רויך זעצט פון ר׳ יהונתנס קבר...

נאָך ראש־השנה, אין די נעכט פון עשרת־ימי־תשובה, איז ר׳ יעקב געגאַנגען שלאָפן שפּעטער ווי תּמיד. אין די לעצטע טעג איז אים די זיקנה באַפאַלן. זיינע אויגן זיינען קלענער געוואָרן, ווי זיי וואָלטן זיך געהאַלטן ביים שליסן, אַז ער האָט שוין מער ניט געקענט שרייבן ביים ליכט פון אַ לאָמפּ. אויף זיין הויכן שטערן זיינען געשטאַנען טראָפּנס שווייס, און דאָס פּנים איז אים פאַרענדערט געוואָרן. דערצו האָט ער דערפילט אַ שוואַכקייט אין די פיס און האָט געמוזט גיין אָנגעשפּאַרט אויף אַ שטעקן.

אין זלמן מירלש קלויז פון אַלטונא האָט מען גערעדט, אַז ר׳ יהונתן רופט ר׳ יעקבן לדין צום בית־דין של מעלה. ער זאָל ענטפערן אויף די בלבולים, וואָס ער האָט אויף אים געמאַכט...

ביי ר׳ יעקבן אין מנין האָט יוסף פּרעגער געדרשנט, אַז ר׳ יעקב האָט מנצח געווען זיין שונא. יענער האָט אים אָנגערירט דאָס לעפל פונעם דיך און זיין דיך איז אויסגעלונקען געוואָרן...

זונטיק אינדערפרי, ווען דער פּרנס יעקב ראָטשילד האָט אויפן האַמ־בורגער ברוק באַגעגנט משה אהרנען, האָט ער אים אַ רוף געטאָן:

— זאָג נאַר, משה אהרן, האָסטו אַמאָל געזען אַ רב, וואָס איז קרום און בלינד?

— שעם זיך, פּרנס! פון דיין רבס קבר שפּאַרט אַ רויך.

— טיפּש! — האָט יעקב ראָטשילד אויף אים אַן אָטעם געטאָן. — פּתי יאמין לכל דבר.*) אַ דונער האָט אויסגעריסן אַ בוים און אים אַן אָנגעצונדענעם געלאָזן וואַלגערן אויפן אב״דס קבר...

— יענע נאַכט האָט ניט געדונערט, — האָט זיך משה אהרן אַוועק־געקערט און גענומען שפּאַנען אַן אומרואיקער. ראָטשילדס קול האָט אים נאָכגעיאָגט:

— ביים אשכנזי אין הויז דונערט שטענדיק...

ערב־יום־כיפור אויף דער נאַכט האָט זיך ר׳ יעקב געלייגט שלאָפן שפּעטער ווי אַלעמאָל. ער איז געלעגן אין אַ ווייסן כאַלאַט און לאַנגן טלית־קטן, אָנגעשפּאַרט אויף צוויי קישנס, און געפּרוּווט טראַכטן ווי אַלעמאָל, ווען דער שלאָף איז ביי אים אָפּגענומען געוואָרן.

*) אַ נאַר גלויבט אַלץ, וואָס מען זאָגט אים.

ער האָט איינגעדרימלט און פאַר זיינע אויגן איז געלעגן אויסגעשפּרייט ר׳ יהונתנס קבר און ער האָט געזען דעם רויך, וואָס האָט פון אים געשפּאַרט.

— —

(הינטער טבריה, ביי די ברעגעס פון כנרת. אַ פרייער פּלאַץ ביי אַ בערגל. אויפן שטאָם פון אַן איינגעבראָכענעם בוים זיצן צוויי. איינער אַן עלטערער, אין רוימישע קליידער. דער צווייטער אַ יינגערער, אין אַ ווייסן כאַלאַט מיט אַ שאַל אויפן קאָפּ. ביידע שווייגן. מען הערט דעם פּליעסק פון די כוואַליעס אויפן ברעג. איינער איז אלישע בן אבויה, דער תנא, וואָס איז געוואָרן אַן אחר, אַ פרעמדער. דער צווייטער — זיין געוועזענער תלמיד ר׳ מאיר. ביידע האַלטן אַנגעשטרענגט די בליקן אויפן טייך. אלישע הייבט זיך אויף און לאָזט זיך צום באַרג. ר׳ מאיר גייט אים נאָך.)

אלישע: וועגן וואָס האָסטו היינט געדרשנט אין בית־מדרש?

ר׳ מאיר: וועגן ספר איוב.

אלישע: זאָג מיר דעם טייטש פון פסוק „וה׳ ברך את אחרית איוב מראשיתו״ — פאַרוואָס פאַר אַ זכות, מאיר?

ר׳ מאיר: מיין רבי עקיבא האָט אַזוי געטייטשט: „טוב אחרית מראשיתו״ — דער סוף פון דער זאַך איז בעסער ווי דער אָנהויב, דאָס מיינט אין זכות פון דעם אָנהויב. איוב איז אַמאָל געווען אַ צדיק. זיין אָנהויב איז געווען אַ גוטער, איז דערפאַר זיין סוף אויך געווען געבענטשט.

אלישע: עקיבא האָט אַזוי געטייטשט... דאָס וואָס איך פאַרטראַג נישט אין דעם רבין דיינעם, אין עקיבאַן, איז זיין פּלאַטשיקן די בערג פון תורה, מאַכן פון זיי פּשט. איך זע טיפער, ווייטער. דער סוף איז בעסער פונעם אָנהויב. מעג דער וועג פונעם מענטשן זיין פון אָנהויב אָן קרום, פול מיט שטרויכלונגען... דאָס דערגיין צום סוף איז דער עיקר. נישט פון יענעם אָרט וואָס איז פלאַך, האָט דער בורא אַ נשמה דיר געגעבן. נשמה ציט אין דער טיף, צום שורש, אָבער כדי צוקומען צום שורש, מוז מען מקצץ בנטיעות זיין — אויסרייסן די פלאַנצן. אָבער ווען דער סוף קומט נאָך אַ סך יאָרן, שפּראָצט אַרויס דער אמת...

ר׳ מאיר (בליקט צום טייך, וואָס זעט זיך צווישן דיביימער): דער פּשוטער בן־אדם לעבט מיטן פּשוטן געבאָט. דורך וואָכעדיקע מעשים גייט דער מענטש צום מקור. דער וועג מוז פון אָנהויב זיין קלאָר און גלייך. ווער עס ווערט געשטרויכלט, קאָן אין נעץ פון עבודה־זרה חס־וחלילה אַריינפאַלן.

אלישע: עבודה־זרה, מינות, איז בלויז אַן אַנדער שטעג פאַר די,—

וואָס רייסן זיך צום גלייכן וועג. גלוסטן גלוסט נשמה צום שורש, און אַז מען קאָן צו אים נישט גרייכן מוז מען אויף קרומע דרכים גיין.

ר׳ מאיר: מיר האָבן אָן אויסגעטראָטענעם וועג, די דינים און די גזירות פון חכמים. די פסוקים פון דער תורה, וואָס ר׳ עקיבא האָט אויף זיי געדרשנט תלי־תלים פון הלכות, זיינען מייל־צייכנס אויפן גלייכן וועג פון אמת.

אלישע: מאיר, משפט קיינעם נישט וואָס שטרויכלט אינעם גאַנג צום אמת. פונקט ווי אַ טונקעלע הייל פאַרקירצט אַמאָל דעם וועג אויף מיילן, אַזוי מוז מען דורך טונקעלער געהיימניש גראָבן אַ וועג צום ליכט.

ר׳ מאיר: דער וואָס גייט אין חושך, בלאָנדזשעט. ער ווערט אין חושך פאַרזונקען און קאָן שוין מער צום ליכט זיך ניט דערשלאָגן. ווער עס וואוינט אין דער ממשלה פון חושך, באַקומט אַ מורא פאַרן העלן אמת.

אלישע: דאָס וואָס איך בין אַראָפּ פון אייער וועג, זיך אָפּגעזונדערט פון אייך און אַן „אַנדערער" געוואָרן, איז דערפאַר, ווייל איך האָב מיין אייגענעם וועג צום ליכט געוואָלט פאַרקירצן. ניט יעדערן איז באַשערט צו גיין מיטן גלייכן וועג. געדענק! אַ מענטש דאַרף קאָנען שטעלן אַלץ אין קאָן, אויב ער וויל אין פרדס אַריינגיין.

ר׳ מאיר: זינד איז קיינעם ניט באַשערט. דער מענטש האָט פרייע בחירה.

אלישע: ווער קאָן אונטערשיידן צווישן טוב און רע, מבדיל זיין צווישן טומאה און קדושה?

ר׳ מאיר: מען האָט אונדז געלערנט וואָס גוט איז. תורה, מצוות און משפטים. ריינע כלים פאַר דער קדושה.

אלישע: איז קאַלטער דין העכער פון דער מענטשלעכער נשמה און אירע בענקשאַפטן?

ר׳ מאיר: ווי ברויט שטילט הונגער און ווי וואַסער — דורשט, אַזוי באַפרידיקט תורה און הלכה דעם הונגער פון נשמה. ביים פאָלק איז דאָס געזעץ דאָס ברויט, זיי בענקען ניט נאָך סודות פון הימל.

אלישע: וואויל דיר, מאיר, וואָס ביי דיר איז דער גאַנג צו קדושה אַזאַ אָפענער. דו ווילסט געהייליקט ווערן דורך משפט און געזעץ. איך אָבער בין פול מיט ספקות און זוך מיין תיקון אין די פאַרהוילענע סודות.

ר׳ מאיר: פאַרן פשוטן בן־אדם אַנטפּלעקט זיך דער תיקון אין די פיר איילן פון הלכה.

אלישע: און אַז די פיר איילן פון הלכה זיינען ענג און אַז מען לעכצט נאָך רחבות און נאָך שיינקייט?

ר׳ מאיר: שיינקייט שיינט אין גוטסקייט, שטראַלט אין מידות טובות. פונוואַנען האָט דען משה זוכה געווען צו די שיינע שטראַלן אויף זיין פּנים? אַ טראָפּן טינט איז געבליבן אויף זיין פען נאָכדעם ווי ער האָט די לוחות אָנגעשריבן, און אין דעם טראָפּן טינט האָבן זיך צעצונדן די שטראַלן פון זיין שיינקייט.

אלישע: דער וואָס גיט אַ תורה, דאַרף וויסן, אַז תורה איז ניט נאָר פּשט נאָר אויך רמז און סוד.

ר׳ מאיר: מיין רבי עקיבא איז אַריין אין פּרדס און איז אַרויס בשלום, ווייל ער איז פון ליכט פון די קרישטאָלענע היכלות ניט פאַרבלענדט געוואָרן. ס׳האָט בן־זומא אים געוואָרנט: ווען דו קומסט צו מירמל־שטיינער, זאָג ניט: דאָ איז טהרה. ליגן האָב איך פיינט, זאָגט גאָט. ניט אַלץ וואָס בליצט איז גאָלד. ניט אַלץ וואָס בלענדט איז ריין.

אלישע: און אַז דער פּרדס איז פול מיט חושכדיקע נעצן? ווי אַזוי קומט מען אַרויס בשלום?

ר׳ מאיר: אין דער ריינער תורה און הלכה איז דאָ אַזויפיל אייל צום לייכטן, אַז קיינער קאָן אין חושך דיר ניט טאָן קיין בייזקייט.

אלישע: און אַז די וועלט איז פול מיט סתירות, מיט חושך און מיט ליכט, טומאה און קדושה, ווער קאָן שלום מאַכן צווישן זיי? ענטפער, מאיר!

ר׳ מאיר: ס׳האָט דער תנא ר׳ יהושע אַזוי געלערנט: צווישן די אויבערשטע און אונטערשטע וואַסערן זיינען מער ביטאַ ווי דריי פינגער. מען דאַרף קאָנען די מחיצה מאַכן. ס׳האָט מיין רבי, עקיבא, געוואוסט, אַז די שטראָמען פונעם פּרדס, כאָטש יעדער האָט זיך זיין באַזונדער גאַנג, ליגט דאָך צווישן זיי עפּעס אַ מחיצה. פּונקט ווי ס׳פלייצט דער גרינער שטראָם פון ירדן אין בלויען דנאָ פון כנרת.

אלישע: זיינען דאָ צוויי רשויות?

ר׳ מאיר: ניין!

אלישע: די תורה זאָגט: גיב כבוד פאָטער און מוטער, כדי עס זאָל דיר גוט זיין און זאָלסט לעבן לאַנג. האָב איך אין ציפּורי געזען אַ פאָטער שיקט זיין זון אויפן דאַך אים ברענגען טויבן. אַראָפּגייענדיק צוריק, איז ער אַראָפּגעפאַלן פונעם לייטער. ס׳האָט דער טויט אים אין איין רגע דורכגעבליצט, פאַרברענט. איז דאָס דער שכר פון דין? וואו איז זיין אריכת

ימים? ס'האָט דאָס פּנים פונעם טאַטן טיף געיאָמערט און עס ליגט אין מיר טיף אַריינגעשטאָכן יענע בייזע שעה.

ר' מאיר: אַ שאָד, וואָס ביסט אין טבריהער בית־המדרש ניט געווען. דער תנא ר' יעקב האָט געדרשנט: עס זאָל דיר גוט זיין אין אַ וועלט פון כולו טוב, און זאָלסט האָבן לאַנגע יאָרן אין אַ וועלט פון אייביקן דויער.

אלישע: וואָס בין איך שולדיק, אַז כ'האָב מיין תורה געזאַמלט פון אַלע ערטער? פּונקט ווי די בין זאַמלט זאַפט פון קווייט און רויז און אויך פון נבלה און פון טריפה און פאַרוואַנדלט עס אין האָניק, אַזוי האָב איך געוואָלט מיין תורה לערנען פון אַלע ערטער.

ר' מאיר: אין משלי שטייט: האָסט געפונען האָניק, עס בלויז וויפיל עס איז געגוג פאַר דיר, כדי דו זאָלסט זיך ניט איבערזעטיקן דערמיט און עס אויסברעכן.

אלישע: דער דין זאָגט: מען איז מציל דאָס שיידל פון אַ מגילה צוליבן פאַרמעט. קאָן אלישע אויך געראַטעוועט ווערן צוליב זיין תורה?

ר' מאיר: ר' יעקב האָט אַזוי געלערנט: אַז מען באַהאַלט אַ פּסולע, פאַרמעקטע ספר־תורה, דאַרף מען אויך איר מענטעלע ניט האָבן.

אלישע: האָט ער געדרשנט אויך וועגן שלום־מאַכן מיט חושך און מיט טומאה?

ר' מאיר: מיט חושך און מיט טומאה איז ניטאָ קיין שלום. מיטן שר פון חושך האָט יעקב זיך געראַנגלט און אים בייגעקומען. דער וואָס וויל די טומאה בייקומען, דעם חושך אַוועקשטויסן, דאַרף זען די טומאה פון זיין רשות היחיד פאַרטרייבן. זיינע אייגענע פיר איילן ליכטיק מאַכן. און מעג ער אַפילו אַליין בלייבן, קריגן אַן אויסגעלונקענעם דיך, מוז ער אַלץ קעמפן מיטן חושך.

אלישע: ביז וואַנען קעמפן?

ר' מאיר: ביז דער מאָרגנשטערן וועט אויפגיין. —

ר' יעקב האָט זיך אַ וואָרף געטאָן. די רייד האָבן אויפגעהערט. ער האָט זיך אויפגעהויבן און זיך אַ מידער צוגעשאַרט צום פענצטער. געזען ווי עס שאַריעט אויף טאָג. פון די נעפלדיקע הייכן האָט זיך געריסן אַ בלייכע פּערלמוטער־שיין. דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען אין אַ שאַרפער בלויקייט.

אינהאַלט

א
אין די טעג פון פאַלשן משיח

זייט

בימי שבתי צבי 9

ר׳ צבי הירש אשכנזי 17

ב
ר׳ יעקב עמדין

אין עמדין 27

די משנה טרייסט 37

די דריי קהלות 44

די ערשטע באַגעגעניש 50

ירושלים ביי דער עלבע 52

דער פאַרבאָרגענער פלאַם 59

דער דרוקער 65

תקנות פון קהל 72

גדעונס שווערד 78

די עבודה 86

ר׳ יעקב עמדינס טאָגבוך 92

דער אַלטער רב איז קראַנק 99

דער פאַלשער נביא— אַ כינעזיש מעשהלע 105

מען קלייבט אַ נייעם רב 109

ג
געראַנגל

דער אר״י און זיין תלמיד 117

קנאי דער זון פון קנאי 121

אַ חוב און אַ פלגש 124

די איסיים 129

שלש סעודות און הבדלה 138

אַ מגיפה 141

די קמיעה ... 144
שבתי צבי ... 149
דער פראַנקפורטער רב ... 153
מחלוקת ... 160
האַמבורג אין קריג מיט אַלטונא ... 167
דער כח פון אַ טרער ... 169
ביים קעניג פון דענעמאַרק ... 173
ר׳ יהונתנס דרשה ... 176
שפיכות דמים ... 178
ר׳ יעקב אשכנזי אַנטלויפט פון האַמבורג ... 184
אין אַמסטערדאַם ... 188
דער משולח אין לייבן־גרוב ... 194
בענקעניש ... 197
צוויי בריוו ... 199
ר׳ יעקב אשכנזי קערט זיך אום אַהיים ... 201

ד

נאָכן שטורעם

דער ראש הקהל און די מלכה ... 209
דער משומד ביים רבין ... 214
די קעניגין און די קמיעה ... 218
נאָכווייענישן פון שבתי צבי ... 222
ר׳ יעקב עמדין און די „דריי רינגען“ ... 227
באַנקראָט ... 232
ליקוי חמה ... 237
דער וויכוח פאַרן באַגינען ... 245

ווערק פון אברהם ביק:

חזון התקופה (העברייאיש) — ניו־יאָרק, 1937.

גרונט־פּרינציפּן פון רעליגיעזן סאָציאַליזם — לאָדזש, 1938.

קעמפער און היטער — ניו־יאָרק, 1940.

וועלט און היים — ניו־יאָרק, 1941.

חסידות־מאָטיוון — ניו־יאָרק, 1944.